ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# השבת

צווייטער טייל
פערטער קאפיטל
אידיש

**737**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

פערטער קאַפּיטל

# דערציילונגען

# שבת־קודש אין גן־עדן

(פֿאָלקס־מעשה)

אין דער צייט פֿון דעם גרויסן צדיק מקדש־מלך, איז געווען דער מנהג אין גאַנצן לאַנד וואו ער האָט געוואוינט, אַז ווען איינער האָט עטוואָס געברויכט געהאָלפֿן צו ווערן, פֿון אַ קראַנקייט, אָדער פֿון אַן אַנדער צרה חס־ושלום, אַזוי האָט מען ניט געוואוסט וואו צו גיין נאָר צום הייליקן צדיק מקדש־מלך. מחמת, ער איז ניט געווען, ווי אַן אַנדער מענטש, נייערט ער איז געווען ווי אַ מלאך־אלוקים. און די גאַנצע וועלט האָט געבעטן פֿאַר זיין לעבן, מחמת אַלע האָבן געלעבט אין זיין זכות. און ער איז מייסטנס געווען אונטערוועגנס, מחמת ער האָט געהאַלטן אין אָפּריכטן גלות, און וואו עס איז געווען אַ חולה, אָדער אַ יולדת, אָדער אַ שום דבר־סכנה — האָט ער אַלץ געהאָט אויף זיינע געדאַנקען און האָט פֿאַר אַלע מתפּלל געווען, און אַלע זיינען אין זיין זכות געהאָלפֿן געוואָרן.

און זיין מנהג איז געווען אַזוי: וואו ער איז געווען דאָנערשטיק מיטאָג דאָרט איז ער שוין געבליבן שבת, הן אין שטאָט והן אַפֿילו אין דאָרף — איז ער שוין פֿון דאָרט ניט אַוועקגערייזט, נאָר דאָרט האָט ער שוין געהאַלטן שבת. אַזוי איז געווען ווי לאַנג ער האָט געלעבט.

איינמאָל האָט זיך געטראָפֿן, ער האָט געמוזט דאָנערשטיק אַוועקרייזן פֿון אַ שטאָט, מחמת ס׳זיינען געווען אין דעם זעלבן לאַנד גרויסע מלחמות. און די שטאָט איז געווען אין זייער אַ גרויסער סכנה פֿונוועגן דער מלחמה. אַזוי האָבן אַלע איינוואוינער געמוזט אַרויסלויפֿן פֿון שטאָט, און אַזוי אויך האָט דער צדיק מקדש־מלך געמוזט אַנטלויפֿן.

ער איז דאָנערשטיק נאָכמיטאָג אַרויס פֿון שטאָט און איז געלאָפֿן ביז ער איז געקומען אין וואַלד. ער איז געווען זייער מיד און גאַנץ אַליין אין וואַלד. ער האָט ניט געהאַט קיין שום פּחד און קיין שרעק. ער האָט נאָר פֿאַר איין זאַך זיך זייער געשראָקן, ער זאָל ניט ברויכן חס־ושלום שבת צו בלייבן אין ווילדן וואַלד. ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן — ער האָט אָבער נעבעך ניט געקענט שלאָפֿן, ער האָט יעדע מינוט געשריען: שבת! שבת! אוי, ווי וועל איך בלייבן דעם הייליקן טאָג שבת!

עס איז נאָר טאָג געוואָרן — איז ער אויפֿגעשטאַנען און געדאַוונט און האָט אָנגעהויבן צו גיין גאַנץ געשווינד. ער האָט זיך געטראַכט, דער

וואַלד וועט זיך דאָך באַלד אויסלאָזן, אַזוי וועט זיך דאָך ערגעץ געפינען איין שטאָט, אָדער אַפילו אַ דאָרף, אַז איך וועל קענען האַלטן שבת. בקיצור, ער איז נעבעך געלאָפן מיט אַלע כוחות, אַז דער שוויס האָט זיך פון אים געגאָסן. ער לויפט און לויפט, עס איז שוין אַ שטיק נאָכמיטאָג — מ'זעט קיין שטאָט און מ'הערט קיין שטאָט. וואַלד און ווייטער וואַלד, קיין וועג, קיין שטעג, נאָר געדיכטער וואַלד מיט גרויסע ווילדע גרעזער. בקיצור, ער איז געגאַנגען ביז שוין גאַנץ שפּעט, ביז ער האָט געזען, מען טאָר שוין ניט גיין, דען עס איז שוין זמן־מנחה — אַזוי האָט ער זיך געשטעלט מנחה דאַווענען, און האָט געדאַוונט מיט זייער גרויסע זיפצן און וויינען, מחמת זיין האַרץ איז איז געווען זייער פאַרביטערט פונוועגן דעם הייליקן שבת.

ווי ער האָט אויסגעדאַוונט מנחה איז נאָך געווען אַ האַלבע שעה צו נאַכט. אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זייער צו וויינען און האָט געזאָגט: גאָט איז גערעכט מיט אַלע זיינע וועגן. איך בין ניט חס־ושלום מהרהר. מן הסתם בין איך ניט בעסער ווערט. ווער ווייס, פאַרוואָס מ'שטראָפט מיך אַזוי פון הימל, ווער ווייס, ווי גרויס מיינע חטאים זיינען?

דאַן האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט און זיינע אויגן אַקעגן הימל און האָט געזאָגט: רבונו של עולם! דו ווייסט דאָך גוט, ווי איך האָב פון קינדהייט ביז היינט געהיטן דיין הייליקן שבת און דו הייסט דאָך: אל רחום וחנון; דערבאַרעם דיך איבער מיר און טו מיר אַ נס, און טאָמער בין איך ניט ווערט צו אַ נס — טו עס אין זכות פון דיינע הייליקע שעפעלעך, די קינדער פון דיין פאָלק ישראל. זאָל מיר זייער זכותביישטיין, עס זאָל מיר געשען אַ נס.

נאָך דער תפילה איז ער אַביסל ווייטער געגאַנגען און עס איז אויף דער פרייער וועלט נאָך ניט געווען פינצטער; נאָר אין געדיכטן וואַלד איז שוין געווען זייער פינצטער. ער האָט אַלץ אַנידערגעלייגט ביי איין בוים, אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, מחמת שבת טאָר מען דאָך ניט טראָגן.

און ער איז געגאַנגען לערך הונדערט טריט, האָט ער דערזען ניט ווייט האָט געלויכטן אַ פענצטער אין מיטן וואַלד. איז ער מתחילה געוואָרן דערשראָקן, דען ער האָט זיך געטראַכט: ווער וואוינט דען דאָ אין מיטן וואַלד, געוויס גזלנים. דאָך אָבער, ער האָט זיך מיישב געווען: איך וועל אַהין גיין זען פונוויטן. טאָמער וואוינען דאָרט ניט גזלנים נאָר פּראָסטע מענטשן, דאָס איך וועל פאַר רחמנות קריגן וואַסער זיך צו וואַשן, און אפשר וועט מען מיך דאָ לאָזן נעכטיקן?

ער גייט אַהין און דערזעט אַ זייער גרויסן, אַ זייער הערלעכן פּאַלאַץ. דאָס ביי קיין מלכות קען קיין גרעסער און שענער פּאַלאַץ ניט זיין. די קליאַמקעס פון די טויערן האָבן געלויכטן ווי ברילליאַנטן. עטלעכע הונדערט פענצטער האָבן שרעקלעך געלויכטן ווי די זון אינמיטן הימל.

ער גייט און מאַכט אויף די קליאַמקע, און גייט אַריין אין טויער. ער האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן אויף דער שיינקייט פון אינעווייניקסטן אַריינגאַנג, דאָס די ווענט האָבן געבלאַנקט ווי איין בליץ. או ף יעדער זייט זיינען געווען מער ווי הונדערט טירן צום עפענען. יעדע טיר האָט געהאַט אַן אַנדער געשטאַלט און פאַר יעדע טיר זיינען געשטאַנען אַנדערע חיות פון לויטער פייער מיט אַלערליי פאַרבן. און פאַר יעדער טיר האָבן געלוּכטן לאַמפּן, שענער ווי די שיינע זון אין הימל. ער האָט זיך משער געווען, דאָס דאָ וואוינען קיין גזלנים ניט. בקיצור, ער האָט אויפגעמאַכט די ערשטע טיר, אָבער מיט גרויס שרעק. ווי ער איז אַריינגעקומען אין ערשטן חדר, האָט ער דערזען אַ פולע שטוב מיט ליכט, וואָס האָבן געלויכטן ווי די ליכטיקע שטערן און פול מיט געגרייטע טישן, און אַרום און אַרום שענק מיט ספרים. אָבער קיין מענטש האָט ער ניט געזען, נאָר איין טיר האָט ער געזען, וואָס גייט אַריין אין אַן אַנדער חדר. ער האָט אויפגעמאַכט דאָס אַנדערע חדר. עס איז געווען זיבן מאָל גרעסער ווי דאָס ערשטע און אויך זיבן מאָל שענער, און אויך ספרים מיט טישן מיט לייכטערס — אָבער אויך קיין מענטש ניט. בקיצור, ער איז אַדורכגעגאַנגען זעקס חדרים, איטלעכעס זיבן מאָל גרעסער און שענער ווי דאָס פאַריקע.

ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין זיבעטן חדר איז ער זייער דערשראָקן און זייער פאַרוואונדערט געבליבן. ערשטנס, די גרויסקייט און שיינקייט און ליכטיקייט פון דעם חדר איז אוממעגלעך צו באַשרייבן און דערציילן. אין מיטן איז געשטאַנען אַ זייער גרויסער טיש, באַדעקט מיט אַ טישטעך פון לויטער גאָלד און מיט לויטער בריליאַנטן אויסגעהאַפטן. און מיט גילדערנע לייכטער און צוויי הערלעכע שטולן פון לויטער גאָלד זיינען געשטאַנען ביי דעם טיש. אויף איין שטול איז געזעסן אַ זקן ושבע ימים, דאָס הייסט אַן אַלטער גרייז־גראָער מאַן מיט אַ גרויסער שיינער באָרד, באַקליידט אין בגדי־שבת. און זיין פּנים האָט געלויכטן ווי די זון. דער זקן האָט געזאָגט תיקון־שבת. און דער אַנדער שטול איז געשטאַנען ליידיק. און ביי דער טיר איז געשטאַנען אויך אַ זקן ושבע ימים, אויך באַקליידט אין בגדי־שבת, נאָר ניט אַזוי ווי דער ערשטער.

און ווי דער הייליקער צדיק מקדש־מלך איז אַריינגעקומען האָט אים דער זקן וואָס ביי דער טיר אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט אים אַרויסגעפירט, און האָט געזאָגט: האָב קיין מורא ניט, קום מיט מיר. ער האָט אים געפירט אין אַ מקוה און האָט געזאָגט: זיי דיך טובל לכבוד שבת. דער צדיק האָט זיך טובל געווען און האָט ניט געקענט אויסהאַלטן דעם גרויסן תענוג פון דער מקוה; ער האָט פון דעם טובל'ען געשפּירט טעם גן־עדן.

אַז ער איז פון דער מקוה אַרויפגעקומען האָט אים דער זקן געגעבן בגדי־שבת פון קאָפּ ביז פוס און האָט געזאָגט: זיי דיך מתלבש בבגדי־שבת.

ער האָט אָנגעקליידט די שבת־קליידער און דער זקן האָט אים צוריק אַריינ־געפירט אין יענעם חדר וואו יענער זקן איז געזעסן, און האָט אים אַהינ־געפירט צום טיש, און האָט אים געזאָגט: זעץ דיך אויפן אַנדערן שטול וואָס שטייט ליידיק, ער איז פאַר דיר אָנגעגרייט, און זאָג תיקון־שבת, נאָר זיי ניט מאריך, דען עס איז שוין צייט מקבל־שבת צו זיין. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און האָט געזאָגט תיקון־שבת. נאָך תיקון־שבת האָט אים יענער זקן געגעבן שלום, דערנאָך האָט אים דער זקן פון דער טיר אויך געגעבן שלום.

און מען האָט אויפגעמאַכט אַן אַנדער טיר און אַלע דריי זיינען אַרויס־געגאַנגען. אין דרויסן איז געווען אַ זייער הערלעכער בוימגאָרטן. אין מיטן גאָרטן איז געשטאַנען די שול. זי איז געווען זייער לאַנג און ברייט און הויך, פון לויטער דימענטן. וויפל שטערן אין הימל אַזוי פיל ליכט האָבן געלויכטן מיט אַלערליי קאָלירן. אויף אַלע זייטן זיינען געווען פילביימער פון לויטער גינגאָלד, און אַלערליי פּירות און אויף די ביימער זיינען געווען כל־המינים פייגל, און אונטער די ביימער — אַלערליי חיות. אינמיטן פון שול איז גע־שטאַנען אַ גרויסע בימה מיט אַזעלכע שיינקייטן, וואָס קיין לעבעדיקער מענטש איז ניט ביכולת אויסצושרייבן און דערציילן. וואויל דעם אויג וואָס האָט דאָס געזען.

ווי זיי זיינען אין שול אַריינגעקומען, אַזוי זיינען פון אַן אַנדער טיר אַריינגעקומען אַ מחנה זקנים, אַלע באַקליידט אין בגדי־שבת. מאַנכער האָט געהאַט איין משרת, מאַנכער — צוויי, מאַנכע האָבן געהאַט זייער פיל משמשים. יעדער האָט זיך געשטעלט אויף זיין באַצייכנטער שטעל. און די משרתים האָבן אויך געהאַט יעדער זיין שטעל. און די דריי, דאָס זיינען דער הייליקער מקדש־מלך מיט די צוויי זקנים, ווי נאָר זיי זיינען אַריינגעקומען אין שול — אַזוי האָט מען דעם מקדש־מלך געפירט אויף דער מזרח־שטאָט. און דער זקן מיט דעם אַנדערן זקן זיין משרת זיינען אַרויפגעגאַנגען אויף דעם מלעמער.

ווי דער עולם האָט געזען, דאָס דער זקן מיט זיין משרת זיינען שוין אויבן אויף דעם מלעמער — אַזוי האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען מנחה. אחר מנחה האָט זיך אַ חזן מיט זייער פיל משוררים אַרויפגעשטעלט אויף דעם מלעמער און האָט מקבל־שבת געווען מיט אַזאַ זיס קול, דאָס קיין לע־בעדיקער מענטש איז ניט ביכולת אויסצוהאַלטן דעם גרויסן תענוג פון דעם געזאַנג. אַלע ביימער מיט אַלע פרוכט מיט אַלע פייגל מיט אַלע חיות האָבן מיטגעזונגען. קיין שום תענוג פון דער וועלט קען זיך ניט גלייכן צו דעם גרויסן תענוג פון דעם זיסן געזאַנג פון דעם קבלת־שבת. די ווענט מיט די ליכט האָבן מיטגעזונגען.

אחר התפילה, נאָכן דאַווענען, איז דער גאַנצער עולם געגאַנגען צום

מלעמער און איטלעכער באַזונדער האָט געזאָגט צו דעם זקן: גוט־שבת! און אַלע האָבן געוואַרט ביז דער זקן איז מיט זיין משרת און מיט זיין אורח אַרויסגעגאַנגען פון שול.

ווי ער איז מיט זיינע זקנים צוריקגעקומען האָט ער געטראָפן דאָס זעלבע חדר, וואו ער איז צוערשט געזעסןביים טיש און האָט געזאָגט תיקון־שבת, איז דאָס חדר איצט געווען אַזוי גרויס, דאָס קיין לעבעדיקער מענטש, וואָלט ניט קענען דערזען פון איין עק חדר ביז צום אַנדערן עק. עס זיינען געווען זיבן הונדערט מיט צוויי טישן, און אויף יעדן טיש זיינען געשטאַנען זיבן הונדערט מיט צוויי שטולן צו יעדן טיש. דען דאָס חדר מיט די אַלע זאַכן איז נאָר געווען גרייט לכבוד שבת. און דאָס וואָרט שבת באַטרעפט זיבן הונדערט מיט צוויי: איין ש״ן איז דריי הונדערט און אַ ת״ו איז פיר הונדערט און אַ בי״ת איז צוויי.

די אַלע טישן מיט די שטולן מיט מנורות זיינען געווען שרעקלעך שיין. אָבער דער טיש מיט די מנורה מיט דעם שטול וואָס דער זקן איז געזעסן מיט זיין ליכטיקן אורח מקדש־מלך — איז אין לשער ואין לספר. ביי דעם טיש זיינען געווען ניט מער ווי צוויי שטולן: אויף איינעם איז געזעסן דער זקן און אויף דעם אַנדערן דער הייליקער מקדש־מלך. אַ קליינער טיש מיט איין שטול איז געשטאַנען פונוויטן, דאָס איז געווען פאַר דעם אַנדערן זקן, וואָס האָט באַדינט. מען האָט אָנגעהויבן צו זאָגן שלום־עליכם — האָט געקלונגען דאָס גאַנצע חדר: מחמת די טישן מיט מנורות, מיט די ליכט, מיט די שטולן, מיט די ווענט, האָבן אַלע מיטגעזונגען. דערנאָך האָט דער זקן דער משרת געברענגט אַ גאָלדערנעם קרוג מיט וויין און צוויי בעכער פון ברילייאַנטן. און אויף יעדער זאַך באַזונדער איז געשטאַנען מיט גילדערנע אותיות דאָס וואָרט שבת. אויף די בעכער איז געווען געשריבן: כוס של שבת, ביי דער טיר: אַרמון של שבת, דאָס הייסט, דער פּאַלאַץ פון שבת, אויף די טישן — שולחן של שבת. איצט האָט דער זקן געמאַכט קידוש און מען האָט געהערט דורך דער וואַנט ריידן און קיין מענטש האָט מען ניט געזען. נאָר ווי דער זקן האָט אויסגעלאָזט דעם קידוש איז אַריינגעקומען איין אשה פאַרקלײדט אין בגדי־שבת. איר פנים האָט געלויכטן פיל שענער ווי די זון: איר פנים איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ פירהאַנג, אָבער עס האָט דורכגעלויכטן דורך דער פירהאַנג. ווי דער זקן האָט געטרונקען פון קידוש, האָט ער פון זיין כוס געגאָסן אַביסל אין אַן אַנדער כוס און זי האָט אַביסל געטרונקען און איז אַוועקגעגאַנגען, און מער האָט מען זי שוין ניט געזען, נאָר נאָך איטלעכער ברכה האָט מען געהערט זאָגן אָמן. נאָכדעם האָט דער אורח געמאַכט קידוש. ער האָט ניט געקענט זיך אָפּוואונדערן איבער דעם וויין, נאָר ער האָט דאָך דערשפּירט, דאָס דער וויין איז ניט פון דעם עולם, נייערט פון עולם־העליון, אָדער פון יין־המשומר. פרעגן — איז ניט קיין

דרך־ארץ, איז ער געזעסן פאַרוואונדערט און האָט געשוויגן. נאָך קידוש האָט מען געבראַכט שנים־עשר חלות און פיש און מאכל ם נאָך מאכלים, וואָס מען איז ניט ביכולת צו באַשרייבן דעם תענוג פון די מאכלים. נאָכן עסן האָט מען אָנגעהויבן צו זינגען זמירות און דער גאַנצער עולם וואָס האָט געדאַוונט אין שול איז געקומען. און אַלע שטולן מיט אַלע ט שן זיינען באַזעצט געוואָרן און דאָס געזאַנג איז געווען אַזוי זיס — טעם גן־עדן, דאָס ווען אַ לעבעדיקער מענטש וואָלט דאָס הערן, וואָלט ער אויסגעגאַנגען פון מתיקות.

דערנאָך איז דער זקן וואָס איז געזעסן פונוויטן אויפגעשטאַנען און האָט אַריינגעבראַכט צוויי גאָלדענע שטולן אויסגעשאָמר רט מיט לויטער בריליאַנטן און האָט די צוויי שטולן אַהינגעשטעלט צום טיש וואו דער זקן מיט זיין אורח זיינען געזעסן. דאָן זיינען אַריינגעקומען צוויי זקנים. ווי די זקנים זיינען אַריינגעקומען — האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט. זיי זיינען אַהער געגאַנגען צו דעם זקן און ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף די צוויי קעפּ און האָט זיי געבענטשט. דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט אויף די צוויי גאָלדענע שטולן.

דאָן זיינען ווידער אַריינגעקומען צוועלף יונגע לייט. שטולן זיינען שוין פאַר זיי געווען גרייט. האָבן זיך ווידער אַלע אויפגעשטעלט לכבוד די צוועלף יונגע לייט. און די צוועלף זיינען אַהערגעגאַנגען און האָבן זיך געבוקט צו די דריי זקנים, און האָבן דעם אורח געגעבן שלום. דערנאָך האָט מען די פרישע געסט געגעבן צו מאַכן קידוש און זיי האָבן אויך געגעסן. דערנאָך האָט מען געבענטשט: דער ערשטער זקן האָט געבענטשט מזומן. נאָכן בענטשן, האָט דער זקן דער משרת געזאָגט צום מקדש־מלך: איצט קומט מיט מיר. האָט ער אים געפירט אין אַן אַנדער חדר און האָט אים געבעט אַ הערלעך געלעגער, און האָט געשטעלט וואַסער מיט געטראַנק צום בעט און האָט זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען.

מאָרגן גאַנץ פרי איז דער זקן דער משרת געקומען צום מקדש־מלך און האָט געזאָגט: קום אין מקוה אַריין און זיי זיך טובל. ער האָט אים געפירט אין דער מקוה. ער האָט זיך טובל געווען און דער משרת האָט אים ווידער געגעבן אַנדערע מלבושים מראש ועד רגל און האָט אים געפירט אין יענעם חדר וואו דער זקן איז געזעסן. ער האָט אים אַריינגעפירט אין בית־מדרש פול מיט ספרים פון פאַרמעט. האָט ער זיך געזעצט לערנען. דערנאָך האָט דער משרת אים געבראַכט אַ טלית, און האָט געזאָגט: קום, עס איז שוין זמן־תפילה. אַזוי זיינען זיי אַלע דריי געגאַנגען אין שול אַריין. דער גאַנצער עולם האָט שוין אויף זיי געוואַרט. ווי זיי זיינען אַריינגעקומען און דער זקן מיט זיין משרת האָבן זיך געשטעלט אויפן מלעמער, און דער אורח אויף דער מזרח־וואַנט, אַזוי האָט זיך אַ חזן מיט פיל משוררים געשטעלט

דאַוונען. דאָס זיסקייט פון דעם דאַווענען מיט די פיל געזאַנגען איז מען ניט ביכולת צו באַשרייבן.

צום לייענען האָט מען אַרויסגענומען פון אָרון־קודש אַ פלאַם־פּייער. דער מקדש־מלך האָט זיך זייער דערשראָקן און האָט זיך געוואונדערט, דאָס אַ מענטש טראָגט דאָס מיט די בלויזע הענט און ווערט נישט פאַרברענט. מען האָט דאָס אַרויפגעטראָגן צום מלעמער און אַלע האָבן דאָס געקושט און האָבן געשריען: תורה קדושה, תורה תמימה, תורת משה אמת! דער אורח האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און איז אַרויפגעלאָפן אויף דעם מלעמער. ווי זייער פאַרוואונדערט איז ער אָבער געבליבן, ווי ער האָט געזען דאָס דער פלאַם פייער איז אַ ספר־תורה. דער פאַרמעט איז געווען ווייס פייער און די אותיות — שוואַרץ פייער. מען האָט געלייענט, מען האָט דעם אורח מכבד געווען מיט דער עליה „ששי". מען האָט געדאַוונט מוסף זייער שיין און זייער זיס. דער גאַנצער עולם, איטלעכער באַזונדער, איז צוגעקומען צום זקן און האָט געזאָגט: גוט־שבת! און דער זקן מיט זיין משרת מיט זיין אורח זיינען אַהיים געגאַנגען.

דער זקן מיט דעם אורח האָבן זיך געזעצט ביים טיש, און דער אַנדערער זקן האָט זיי באַדינט. ער האָט געברענגט וויין אויף קידוש און ווידער שנים־עשר חלות, און ווידער כל מיני מאכלים, און מען האָט געגעסן און געטרונקען. פאַר דעם בענטשן זיינען ווידער געקומען דער גרויסער עולם פון נעכטן און די צוויי זקנים מיט די צוועלף יונגע לייט. און יעדער האָט זיך געזעצט אויף זיין שטול און מען האָט ווידער געזונגען זמירות מיט שירות ותשבחות. די קולות זיינען געגאַנגען עד לב השמים און דאָס זיסקייט איז אין לשער ואין לספר. מען האָט ווידער געבענטשט. דער עלטערער פון די צוויי זקנים, וואָס זיינען שפּעטער אַריינגעקומען, דער האָט געבענטשט מזומן.

נאָכן עסן האָט מען דעם אורח געפירט אין איין לוסטגאָרטן. עס איז שוין דאָרט געווען געגרייט אַ גוט געלעגער פאַר זיינטוועגן; ער האָט זיך דערקוויקט פון דעם ריח און געשמאַק פון די גרעזער מיט די בלומען און האָט געשלאָפן לערך צוויי שעה. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען. איז שוין דער משרת דאָ געשטאַנען מיט וואַסער. ער האָט זיך געוואַשן, און דער משרת האָט אים געגעבן אַ קאָרב מיט אַלערליי פרוכטן שבת־אויבס, און האָט געזאָגט: מאַכט ברכה און דערקוויקט אייך. ער האָט געגעסן און האָט זיך דערקוויקט, און איז צוריקגעגאַנגען אין בית־מדרש און האָט זיך געזעצט לערנען ביז מנחה, און איז ווידער געגאַנגען אין שול: מען האָט געדאַוונט מנחה מיט דעם גאַנצן עולם, אַזוי ווי פריער.

איצט זיינען זיי געגאַנגען עסן שלש־סעודות. דער גאַנצער עולם איז געקומען. מען האָט געזונגען זמירות ביז צאת־הכוכבים און דער אינגערער זקן פון די צוויי זקנים, וואָס זיינען שפּעטער געקומען, ער האָט געבענטשט

מזומן. מען האָט תיכף געדאַוונט מעריב און געמאַכט הבדלה. נאָך הבדלה זיינען אַלע אַוועקגעגאַנגען, נאָר דער זקן מיט זיין משרת מיט זיין אורח זיינען דאָ געבליבן.

גאַנץ שבת האָט מען צו דעם אורח ניט גערעדט איין וואָרט, און דער אורח האָט צו קיינעם אויך ניט גערעדט קיין וואָרט. נאָר איצט, ווי ער האָט געזען אַזוי צייטלעך דאַווענען מעריב און מאַכן הבדלה, האָט ער זיך זייער געוואונדערט, מחמת ער האָט געמיינט, אַז מען וועט מאריך זיין מיט שלש־סעודות ביז האַלבע נאַכט, אַזוי ווי ביי די גרויסע צדיקים איז דער מנהג, האָט ער זיך איצט ניט געקענט איינהאַלטן און האָט געפרעגט, וואָרום מען האָט אַזוי געשווינט פאַרלאָזט דעם הייליקן שבת. האָט דער זקן געזאָגט צו אים: דו האָסט שוין דאָ ביי מיר קיין שטעל, דען דאָ טאָר מען ניט פרעגן קיין קשיות. און האָט געזאָגט צום משרת: גיי, פיר אים אַהיים אין זיין הויז אַריין. ער האָט נעבעך נאָך געוואָלט בלייבן, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. דער משרת האָט אים גענומען ביי דער האַנט. אין איין רגע איז ער מיט אים געשטאַנען אין וואַלד ביי דעם בוים, וואו ער האָט פרייטיק די זאַכן איבער־געלאָזט. ער האָט אים געגעבן די זאַכן און האָט געזאָגט: קום, אין איין רגע וועסטו זיין אין דיין הײם.

זאָגט דער מקדש־מלך: איך באַשווער דיך, זאָג מיר, וואו בין איך געווען שבת? ווער איז דער זקן, ווער ביסטו, ווער זיינען דער עולם, וואָס זיינען שבת מיט אונדז געזעסן? זאָגט דער משרת: קיין אַנדערן וואָלט איך דאָס אַלץ ניט געטאָרט דערציילן, ווייל מען טאָר ניט מגלה סוד זיין. נאָר ווייל דו ביסט זייער גרויס אין אַלע עולמות און דער זקן האָט דיך זייער ליב, אַזוי וועל איך דיר אַלץ מגלה זיין:

זיי וויסן, דאָס דער זקן איז אברהם אָבינו און איך בין זיין קנעכט אליעזר. איך בין אויף דעם עולם געווען זיין קנעכט און אויף יענעם עולם־העליון בין איך אויך זיין קנעכט. און די שול מיט די אַלע חדרים וואָס דו האָסט געזען — דאָס איז פון זיבעטן הימל, נאָר לכבוד דיר האָט מען עס אַראָפּגענומען צום ערשטן הימל. און דער וויין פון קידוש איז פון יין־המשומר, דער געהיטענער וויין פון ששת ימי בראשית פאַר די צדיקים, צו דער סעודה פון לויתן, ווען משיח וועט קומען. און דאָס וואָס דו האָסט געזען אין דער שול און אויף דעם הויף חיות מיט פייגל — דאָס זיינען אַלץ מלאכים וואָס ווערן באַשאַפן פון די מצוות פון די צדיקים. און דער חזן וואָס האָט אַזוי שיין געדאַוונט דאָס איז אהרן הכהן און די משוררים וואָס האָבן אַזוי שיין געזונגען — דאָס זיינען די לויים וואָס האָבן געזונגען אין בית־המקדש. און די אשה וואָס איז אַריינגעקומען צום קידוש און דער זקן האָט איר געגעבן אַביסל יין־קידוש, דאָס איז זיין ווייב, אונדזער מוטער שרה, דען אַזוי ווי מיר האָבן אַ שול מיט לויטער צדיקים, האָבן זיי אויך אַ שול

מיט נשים צדקניות. און זיי וויסן: דאָס די צוויי זקנים וואָס זיינען שפּעטער אַריינגעקומען, דאָס זיינען יצחק מיט יעקב אָבינו, און די צוועלף יונגע לייט וואָס זיינען שפּעטער אַריינגעקומען דאָס זיינען די צוועלף שבטים און די איבעריקע זיינען אַלע צדיקים גמורים. נאָר זאָלסט וויסן, דאָס אַלע מיטאַנאַנ־דער זיינען נאָר בלויזע נשמות, קיין איינציקער גוף איז ניטאָ צווישן זיי; נאָר לכבוד דיר, דו זאָלסט זיך ניט שרעקן, האָבן זיי זיך מתלבש געווען מיט אַ לבוש, עס זאָל זיך דיר דענקען, אַז זיי זיינען לעבעדיקע מענטשן. אַלזאָ האָב איך דיר געטאָן דיין רצון און האָב דיר אַלץ מגלה געווען וואָס דו האָסט נאָר פאַרלאַנגט. און איצט זאָג מיר ווי אַהין איך זאָל דיך פירן, דען איך האָב קיין צייט, איך מוז באַדינען מיין האַר. האָט ניט געדויערט איין רגע זיינען זיי שוין געווען אין שטאָט. ער האָט אים אַ שטעל געגעבן אונטער דעם בית־מדרש און איז נעלם געוואָרן.

דער מקדש־מלך איז אַליין געבליבן שטיין. עס האָט אים זייער באַנג געטאָן צו וואָס ער איז אַזוי געשווינט פון דאָרט אוועק, און צו וואָס ער האָט דעם טרייען משרת אַזוי געשווינט פאַרלאָרן פון זיינע אויגן. אָבער עס איז נעבעך פאַרפאַלן.

## מענדעלע-מוכר-ספרים

# דעם אָרעמאַנס שבת

משהלעס טאַטע, שמואליק, איז אַ טאַנדעטניק. אַ גאַנצן טאָג, פון פרי ביז אין דער נאַכט, לויפט ער אַרום מיט אַלטע זאַכן, שלאָגט אָפּ די טירן צו קויפן און צו פאַרקויפן זיין סחורה. ער איז געקרומט, געבויגן, מיט אַ בלייך פּנים, געקנייטשט, געעלטערט פאַר זאָרג און צרות. אַנלויפנדיק זיך ווי אַ הונט קומט ער מיד, צעבראָכן אין זיין וויסט שטיבל — אַ קאַנורע, מיט עטלעכע גראָשן פאַרדינסט, און אַמאָל גאָר מיט אַ ליידיקער קעשענע, כאַפּט אָפּ עפּעס, וואַרמעס מיט וועטשערע אינאיינעם, און טוט זיך אַ וואַרף שלאָפן. ער ליגט נעבעך, ווי אַ דערהרג׳טער, פילט אין זיך נישט קיין גאַנצן אבר. גאַנץ פרי שטייט דער טויטער אויף, מ׳שטיינס געזאָגט, תחית המתים און ווייטער לויפן, ווייטער אָרומיאָגן זיך. אַזוי פאַרברענגט ער זיין הינטיש לעבן די גאַנצע וואָך.

פרייטיק־צו־נאַכטס באַקומט די קאַנורע עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים — אויסגעשמירט, אויסגעוואַשן ריין אין איטלעכס ווינקעלע. דער טיש געדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך, אויף דריי מעשענע, אויסגעשייערטע לייכטער מיט

די בענטש־ליכט, און צווי קוילעטשן, אָפּגעשמירט מיט אַ געלכן פון אַן איי, שיינען פון דער ווייט, פאַרנעמען די אויגן.

אין שטוב הערשט עפּעס אַ זיסע רואיקייט, עס שמעקט אַ ריח פון צוגעדעמפּפטע שפּייזן, וואָס שטייען אויפן פּריפּעטשיק, איבערגעדעקט מיט אַ קישן. די מאַמע, אַ גאַנצע וואָך פאַרשמירט, פאַרפּינצטערט, לויכט אין דעם שבת'דיקן שלייער, עס רוט אויף איר די שכינה. די באַרוועסע מיידעלעך, פאַרקעמט, אויסגעצוואָגן, האַלטן זיך אינאיינעם אין אַ ווינקעלע, און מען זעט אַן אין זייער פּנים, ווי זיי וואַרטן, קוקן אויף עפּעס אַרויס מיט אַ פרייד־לעך האַרץ. שאַ, עס הערן זיך טריט... מען גייט... די טיר עפנט זיך אויף.

— גוט שבת! — זאָגט שמואליק, קומענדיק פון דער שול און קוקט פריינטלעך מיט אַ שיינענדיק פּנים אויפן ווייב, אויף די קינדער.

— גוט שבת! — זאָגט משהלע הויך אויף אַ קול, אַריינלויפנדיק געשווינד, ווי מיט אַ גוטער בשורה.

און דער טאַטע מיט דעם זון הייבן אַן ביידע, אַרומגייענדיק איבער דער שטוב, צו זאָגן אויף אַ ניגון „שלום עליכם!" דאָס נעמט מען אַזוי אויף די הייליקע מלאָכים, געשיקט פון דעם אויבערשטן, פונעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש־ברוך־הוא, וואָס האָבן זיי באַגלייט פון דער שול אַהיים. דער טאַנדעטניק איז שוין נישט מער קיין הונט, ער איז אַ פּרינץ, עפּעס האָט ער באַקומען אַ נייע נשמה, אַ נייע הויט. ער מאַכט קידוש, וואַשט זיך, זעצט זיך צום טיש, — דאָס ווייב, די פּרינצעסין, און די קינדער אַרום אים. מען שטופּט דעם גאָפּל, דעם לעפל און מען כאַפּט אַ שטיקל פיש, אַ לאָקש, אַ ביינדל, אַ ביסל צימעס — אַזעלכע מאכלים, וואָס מען האָט זיי אַ גאַנצע וואָך אין די אויגן נישט געזען. איטלעכס פון די קינדער עסט עס, שטאַרק היטנדיק זיך, קיין ברעקל זאָל, חלילה, נישט אַראָפּפאַלן, עפּעס מיט אַ גוט ערנסט פּנימל, וואָס וועקט אויף אין האַרצן געפילן פון רחמנות — עפּעס אַזוי ווי אַ וועוועריקל, וואָס זיצט זיך אויף אַ בוימל און קנאַקט עפּעס אַזוי שיין, אַזוי ערנסט אַ ניסל...

שמואליק שטעלט די „כלי" צו די זמירות און שפּילט אָפּ טשאַקנדיק אַ „מה ידידות":

„ווי ליב די רו איז דיינע,
פּרינצעסין שבת פיינע!
מיר לויפן דיר אַקעגן אַלע,
מיר בעטן: קום, געקרוינטע כלה!...
פון אַלע מלאכות איז אַן עק,
די אַרבעט לייגט מען איצט אַוועק,
זיך תענוג אָנצוטאָן ביים טיש,
מיט הינער, חלה פלייש און פיש."

סמבטיון דער טייך, וואָס לויפט, רוט נישט די גאַנצע וואָך, בלייבט שבת פּלוצים שטיין. עס הערן אויף די קולות, געוואַלדן, ווען הויך דער איד זינגט די זמירות זיינע. דער שרעקלעכער טייך שטערט אים נישט אין דעם שטייגער זינגען, עס שווייגן די בייזע כוואַליעס, אויס רעש — שאַ, ס'איז רו...

אַזוי פרייט זיך אַ מעת־לעת דאָס האַרץ, „אַ פרייד, אַ שמחה אויף די אַלע אידן, זיינען פריי פון זאָרג און שטאַרק צופרידן.“

אויפן אַנדערן טאָג פאַרנאַכט, נאָך שלש־סעודות, זיצט אונדזער שמואליק אַראָפּגעלאָזט די נאָז אין שול. ס'איז טונקל. אידן ברומען, זאָגן אויף אַ קרעכצנדיק קול דאָס קאַפּיטל תהילים „אשרי תמימי דרך“, וואָס דערמאָנט אין דעם, אַז די פּרינצעסין שבת קלייבט זיך אין וועג אַריין. עס הערשט עפּעס אַן אומעטקייט, און עס שמעקט מיט ראָסל פון אוגערקעס. די זון איז שוין פאַרגאַנגען, פייער־רויטע וואָלקנס שרפ'ענען ביים עק הימל, און עס שטעלט זיך אידן פאַר דער ברענענדיקער גיהנום. עס קלינגט זיי אין די אויערן דער שרעקלעכער באַפעל: „ישובו רשעים לשאולה!“ — די רשעים אויף יענער וועלט, וועלכע מען האָט געלאָזט שבת צורו, זיך קייקלען דאָרט פריי אויף בערג פון שניי, טרייבט מען עס אַצינד ווידער אין חדר אַריין: גייט זיך פרעגלען אַהין אין גיהנום! מלאכי־חבלה דרייען זיך עפּעס פאַר די אויגן. אָך, דער גיהנום! דער איד, נעבעך, זעט פאַר זיך דעם גיהנום.

אין דער היים זיצט אויף דער מילכיקער באַנק דאָס ווייב, פאַרלייגט די הענט און די פיס אונטער זיך. ס'איז פינצטער. אַ ליכטיקער פּאַס פון דער לבנה שיינט אַריין דורך אַ פענצטערל, אָפּשלאָגנדיק זיך אָקעגן אויף דער וואַנט, אויף דער סטעליע, און שאָטנס פון משונה'דיקע געשטאַלטן טאַנצן, שפּרינגען, מאַכן אַן עפּעס אַ מורא אויף די אַלע קינדער, וואָס שטיקן זיך צונויף אינאיינעם, ווי די דערשראָקענע שעפּעלעך, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, איינס מיט דעם אַנדערן נישט צו רעדן קיין וואָרט. שאַ, שטיל! נאָר אַ פּאָר גרילן גרילצן זיך איינע מיט דער אַנדערער איבער אין די שפּעלטעלעך ערגעץ אין אַ ווינקל. דאָס ווייב זיצט פאַרטראַכט, שאָקלט מיט דעם קאָפּ און נעמט זיך דערנאָך זאָגן מיט אַ געניץ: „גאָט פון אברהם... אַז דער ליבער שבת קודש גייט אַהין“... אויף אַ טרויעריק, זינגענדיק קול — אָן עק, הייסט עס, אָ סוף. מען רייבט, רייבט מיט קונצן עפּעס אַ מין שוועבעלע, אַ צווייטס, אַ דריטס, ביז עס ווייזט זיך מיט אַ בייזער אין אַ רויך, אַ געשטאַנק, אַ בלוי־רויטלעך פייערל, ביי וועלכן מען צינדט, נאָך פיל מי, אָן אַ חלב'דיק גראָשן ליכטל.

— גוטע וואָך! — זאָגט שמואליק, אויף אַ פאַרדומפּן קול ביים אַריינ־קומען אין שטוב ווי אַ קעצעלע. ער דרייט זיך אַרום ווי אַ נעכטיקער, די

אויגן זיינע וואַרפן זיך עפּעס, דאָס פּנימ'ל בלייך, אויסגעצויגן, און מען זעט, ווי אין אים גייט פאָר עפּעס אַ פאַרענדערונג.

דאָס הויבט זיך אין אים אָן די איבערקערעניש פון פּרינץ ווידער אין אַ הונט. עס שטעלט זיך פאָר שמואליקן די וואָך מיט דעם הינטישן לעבן: מיט דעם אַרומלויפעניש, מיט דעם קאָפּדרייעניש, מיט די חרפּות, בזיונות און דעם זוכעניש דאָס דאַרע שטיקל ברויט — און עס באַשלאָגן אים אַנגסטן. נאָר דער פּרינץ וויל זיך אָבער אַזוי גיך נישט אונטערגעבן, ער ראַנגלט זיך, לאָזט זיך נישט נעמען אין גיהנום אַריין, פּלוצים אין אַ הונט פאַרוואַרפן צו ווערן! ער צאַפּלט, ער זוכט אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן — טאָמער איז נאָך פאַרט דאָ עפּעס אַ האָפענונג, גאָט קען נאָך רחמנות האָבן — און די האָפענונג גיט אים אַ שיין אין דער ברענענדיקער הבדלה. פרום מיט פאַר־גלאָצטע אויגן נעמט ער זיך מאַכן הבדלה: „הנה אל ישועתי" — אָט איז ער, דער גאָט פון מיין הילף, „אבטח ולא אפחד" — איך בין פאַרזיכערט און שרעק מיך נישט!... ער שמעקט און מונטערט זיך מיט בשמים, ער טרינקט פון כוס און שמירט דערפון די קעשענעס — אַ סגולה צו אַ גוטער, מזל'דיקער וואָך. און די האָפענונג שיינט אים אויך אין די שבת־צונאַכטיקע זמירות. ער הויבט אָן אויף אַ זיס־טרויעריקן ניגון אונטערצוזינגען „המבדיל"...

און די האָפענונג שיינט אים נאָך מער אין דעם „איש חסיד". עס צעפלאַקערן זיך אים די אויגן. עס פאַרפאַרבט אים זיך אַביסל רויטלעך דאָס פּנים, ער קוקט אויפן ווייב און אויף די קינדער, און מיט בטחון אויף גאָט ברומקעט ער באַהאַרצט דאָס וואונדער־שיינע מעשה'לע מיט דעם חסיד.

— אַך גאָטעניו! — לאָזט שמואליק אויס דעם „איש חסיד" מיט פאַר־גלאָצטע אויגן און פאַרגייט זיך, ברומקענדיק אונטער זיך אַ וויינענדיק אידיש שטייגערל אויף דער דינער סטרונע, — אַך, טו עפּעס אַ נס און העלף, גאָטעניו, העלף, העלף, ווי איז מיר!...

(פון „דאָס ווינטשפינגערל")

## י. ל. פּרץ

### א

# דער אוצר

צו שלאָפן תמוז־צייט אין אַ שטיבל פון ד' על ד', צוזאַמען מיט אַ ווייב און אַכט קינדערלעך, איז נישט קיין גרויסער תענוג, כאָטש פּרייטיק־צו־נאַכטס. כאַפּט זיך טאָקע שמערל האַלצהעקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אָן אָפּגעקאָכטער און אָן אָטעם, גיסט זיך געשווינט אָפּ די נעגל, כאַפּט אויף

זיך דאָס כּאַלאַטל און לויפט אַ באַרוועסער פון טרוקענעם גיהנום אַרויס. קומט ער אין גאַס אַריין — שטיל, אַלע לאַדנס פאַרמאַכט, און איבערן שלאָפנדיקן שטעטל, שטייט אַ הויכער, שטילער, אויסגעשטערנטער הימל. דאַכט זיך אים, אַז אַצינד איז ער איינער אַליין מיט גאָט־ברוך־הוא; מאַכט ער, אַרויפקוקנדיק צום הימל: „נו, רבונו של עולם, אַצינד איז צייט זאָלסט מיך אויסהערן און בענטשן מיט אַן אוצר פון דיינע אוצרות“. ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, דערזעט ער, אַז פאַר אים לויפט עפּעס אַ פלעמל פון שטעטל אַרויס. פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז עס. וויל ער נאָכלויפן, דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז שבת, אַז לויפן טאָר מען נישט — גייט ער נאָך. און אַזוי ווי פּאַמעלעך ער גייט, אַזוי פּאַמעלעך הייבט אויך דאָס פלעמל אָן צו גיין, און דער מהלך צווישן אים און דעם פלעמל ווערט נישט לענגער, נישט קירצער. גייט ער. טיילמאָל רופט זיך אים עפּעס אָן אין הארץ: שמערל, זיי קיין נאַר נישט, נעם אַראָפּ דאָס כּאַלאַטל, טו אַ שפּרונג־אונטער און וואַרף עס אַרויף אויף דעם פלעמל! פאַרשטייט ער אָבער, אַז דאָס רעדט אין אים דער יצר־הרע. דאָס כּאַלאַטל נעמט ער פון זיך אַראָפּ, גרייט צו וואַרפן איז ער, נאָר, להכעיס דעם יצר־הרע, מאַכט ער נאָך קלענערע טריט און דער־פרייט זיך, זעענדיק, אַז זייט ער מאַכט קלענערע טריט, רוקט זיך דאָס פלעמל אויך פּאַמעלעכער. גייט ער אַזוי פּאַמעלעך דעם פלעמל נאָך און גייט, קומט ער פּאַמעלעך אַרויס פון שטעטל. דער וועג שלענגלט און דרייט זיך איבער פעלדער און לאָנקעס, און דער מהלך צווישן אים און דעם פלעמל ווערט אַלץ נישט לענגער, נישט קירצער, און אַז ער זאָל וואַרפן דאָס כּאַלאַטל, וואָלט ער צום פלעמל נישט דערגרייכט. דערווייל צערודערן זיך אים אין קאָפּ די געדאַנקען: ווען ער זאָל כאַפּן דעם אוצר, וואָלט ער אויף דער עלטער קיין האַלצהעקער נישט געווען; ער האָט שוין נישט דעם כּוח צו דער אַרבעט, וואָס אַמאָל. דעם ווייב וואָלט ער געקויפט אַ שטאָט אין דער ווייבע־רישער שול, זי זאָל ניט האָבן קיין פאַרשטערטע שבתים און ימים טובים דערפון, וואָס מען לאָזט זי אין ערגעץ נישט זיצן, ראש־השנה און יום־כּפּור פאַלט זי נעבעך גאָר פון די פיס — די קינדער האָבן איר די כּוחות צוגע־נומען! און ער וואָלט איר אַ נייע קלייד געמאַכט, אַ פאָר שנירלעך פּערל געקויפט... די קינדער וואָלט ער אין בעסערע חדרים אָפּגעגעבן, פאַר דעם עלטסטן מיידל וואָלט ער זיך שוין אומגעקוקט וועגן אַ שידוך... אַזוי, נעבעך, טראָגט זי דער מוטער נאָך די קיישלעך מיט אויבס, און ס'האָט קיינמאָל קיין צייט נישט אַפילו זיך רעכט צו פאַרקעמען. און צעפּ האָט זי לאַנגע, לאַנגע, און אויגן ווי אַ סאַרנע..

— עס וואָלט אַ מצוה געווען צו כאַפּן דעם אוצר...

— וויטער דער יצר־הרע! — טראַכט ער — אַז עס איז ניט באַשערט — איז נישט! אינדערוואָכן וואָלט ער שוין געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן...

וואָלט דאָ זיין יענקעל געווען, וואָלט ער שוין נישט געשוויגן... היינטיקע קינדער — ווער ווייסט, וואָס זיי טוען אַלע שבת... דער אינגערער איז אויך נישט בעסער. אויסן מלמד מאַכט ער חוזק, וויל ער אַ קלאַפּ טאָן, רייסט מען אים אויס די באָרד... און ווער האָט צייט אויף זיי אַכטונג צו געבן? אַ גאַנצן טאָג האַק און זעג...

ער זיפצט אָפּ און גייט אַלץ ווייטער און ווייטער און וואַרפט פון צייט צו צייט אַן אויג אין הימל אַריין: „רבונו של עולם, וועמען ווילסטו דאָ אויס־פּרואוון? שמערל האַלצהעקער? ווילסט געבן — גיב!" דאַכט זיך אים, אַז דער אוצר הייבט זיך אָן צו רוקן אַביסל פּאַמעלעכער, נאָר אין דער רגע דערהערט ער, אַ הונט בילט, דערקענט ער דאָס בילן: דאָס איז פון „וויסאָקע" — דאָס ערשטע דאָרף אונטער דער שטאָט, און ער דערזעט שוין, ווי עס וויגן זיך אין דער פרישער פאַרטאָג־לופט ווייסע פלעקן, דאָס זיינען די וויסאָקער פּויערישע הייזלעך. און באַלד דערמאַנט ער זיך, אַז עס מוז שוין זיין אַ תחום־שבת, שטעלט ער זיך אָפּ.

— יאָ, עס איז אַ תחום־שבת, — טראַכט ער — און זאָגט ווי אין דער וועלט אַריין: וועסט מיך נישט אַראָפּפירן פון וועג! עס איז נישט קיין גאָט־זאַך, גאָט מאַכט נישט קיין חוזק פון מענטשן — מעשה לץ איז עס! און ער ווערט אַביסל בייזלעך אויפן בעל־דבר, און דרייט זיך צוריק אויס צום שטעטל, און גייט האַסטיק צוריק. טראַכטן טראַכט ער: אין דערהיים אויס־זאָגן וועל איך נישט. ערשטנס, וועט מען מיר נישט גלויבן... און אַז יאָ — וועט מען לאַכן פון מיר! און צו וואָס זאָל איך מיך רימען? דער בורא־עולם ווייסט — איז גענוג. און זי וואָלט זיך נאָך אפשר געבייזערט, ווייס איך? די קינדער — אַוודאי, נאַקעט און באָרוועס, נעבעך! צו וואָס זאָלן זיי עובר זיין אויף „כבוד־אב" —

ניין, ער וועט עס פאַרן מויל נישט ברענגען... ער וועט אַפילו דעם רבונו של עולם דערינען קיינמאָל נישט דערמאָנען. האָט ער דערמיט עפּעס גוטס געטאָן, וועט ער אַליין געדענקען...

און פּלוצלונג דערפילט ער אין זיך עפּעס אַ מאָדנע, ליכטיקע רואיקייט, אין אַלע איברים צעגיסט זיך אים אַ שטילער נחת. „געלט איז פאַרט נישט מער ווי קיי און שפּיי! עשירות קען נאָך אַראָפּפירן פון רעכטן וועג". און עס ווילט זיך אים דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט אים נישט געברענגט צו קיין נסיון. עס ווילט זיך אים כאַטש אַ ליד זינגען. „אָבינו מלך" דערמאָנט ער זיך פון די יונגע יאָרן, נאָר ער פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין און האַקט אָפּ. ער וויל זיך דערמאָנען אַ חזנישע זאַך, סיני׳דיקס, — פּלוצלונג אָבער דערזעט ער, אַז דאָס אייגענע פלעמל, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך, איז אים צוריק אַרויסגעקומען פון פאָרנט און עס רוקט זיך פאַר אים גאַנץ פּאַמעלעך צום שטעטל, צום שטעטל... און דער מהלך צווישן אים און דעם

פלעמל ווערט ווייטער נישט לענגער, נישט קורצער, גלייך דאָס פלעמל שפּאַ־צירט, און ער שפּאַצירט — אַזוי אַביסל, לכבוד שבת. פרייט ער זיך שטיל און קוקט נאָך. דער הימל ווערט בלאַסער, שטערנדלעך הייבן זיך אָן לעשן, דער מזרח רויטלט זיך אַביסל, עס צעגיסט זיך ווי אַ שמאָל רויטלעך טייכל אין דער לענג — און דאָס פלעמל רוקט זיך אַלץ אין שטעטל אַריין, גייט אין זיין גאַס. אָט איז זיין שטוב, די טיר פון זיין שטוב, זעט ער, שטייט אָפן. ער האָט זי, אַפּנים, פאַרגעסן צו פאַרמאַכן... און אָט: דאָס פלעמל גייט אַריין, צו אים אין שטוב אַריין גייט עס! גייט ער נאָך, זעט ער, ווי עס לאָזט זיך, דאָס פלעמל, אונטערן בעט אַרונטער. אַלע אַרום שלאָפן — גייט ער שטיל צו, בייגט זיך איין, זעט ער, דאָס פלעמל דרייט זיך אונטערן בעט, ווי אַ דריידל, אויפן אָרט. נעמט ער און וואַרפט אַרונטער אונטערן בעט דאָס כאַלאַטל און דעקט דאָס פלעמל צו — קיינער הערט נישט, און דאָ גנב'עט זיך שוין אין שטוב אַריין אַ גאָלדענער מאָרגנשטראַל דורך דעם שפּאַלט פון לאָדן.

זעצט ער זיך אויפן בעט און טוט אַ נדר, אַז איבער שבת וועט ער קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן, קיין האַלב וואָרט נישט — עס וועט קומען, חלילה, צו חילול־שבת... זי וועט זיך נישט איינהאַלטן, זיי, די בנים, אַוודאַי נישט, זיי וועלן באַלד וועלן איבערציילן, באַלד וויסן וויפיל! און באַלד וועט דער סוד פון שטוב אַרויס, און אין שול, אין בית־מדרש און אין אַלע גאַסן וועט ווערן אַ גערעדעריי וועגן זיין עשירות... וועגן מזל... און קיינער וועט נישט דאַווענען, נישט וואַשן זיך, נישט בענטשן, ווי עס דאַרף צו זיין — און ער וועט נאָך פאַרזינדיקן זיין הויזגעזינט און אַ האַלבע שטאָט, נײן, קיין פּיפּס נישט... און ער ציט זיך אויס אויף דעם בעט און מאַכט זיך שלאָפן...

און אין דעם זכות, אַז ער האָט נאָך הבדלה זיך אַראָפּגעבויגן אונטערן בעט און אויפגעהויבן דאָס כאַלאַטל, איז אונטן טאַקע געלעגן אַ זאַק מיט אלף אלפי אלפים דינרין, כמעט אָן אַ שעור — אַ גרויס בעט געווען! — און איז טאַקע געוואָרן אַ גביר שבגבירים.

און ער האָט שוין אָפּגעלעבט אין נחת די יאָרן.

נאָר דאָס ווייב פלעגט אים אַלע מאָל זיין נחת פאַרוואַרפן: רבונו־של־עולם, ווי האָט עס אַ מענטש אַ האַרץ ווי אַ שטיין, אַ גאַנצן זומערטאָג אַ וואָרט נישט צו זאָגן, פאַרן אייגענעם ווייב קיין איינציק וואָרט... און איך האָב — דערמאָנט זי זיך — דעמאָלט ביי „גאָט פון אַברהם" זיך אַזוי אָנ־געוויינט, אַזוי אָנגעוויינט... עס איז קיין דרייער אין שטוב נישט געווען...

און ער טרייסט זי מיט אַ שמייכל:

— ווער ווייסט, אפשר האָט זיך עס טאַקע אין זכות פון דיין „גאָט פון אַברהם" אַזוי גוט אויסגעפירט.

## ב
# מלוה־מלכה

איך וויל אייך דערציילן אַ שיינע, וואונדערלעכע מעשה:
פון דער פירטער סעודה פון שבת־קודש — מלוה־מלכה, וואָס דוד המלך, עליו השלום, האָט מתקן געווען...
פון אַ פשוט'ן ערלעכן איד, וואָס האָט אויף זיך גענומען די מצוה פון מלוה־מלכה;
פון יענע לייט וואָס האָבן דווקא געוואָלט אַראָפּפירן דעם איד פון זיין דרך, ער זאָל כאָטש איינמאָל אין לעבן נישט קענען מקיים זיין די מצוה —
און ווי אַזוי דער איד איז ניצול געוואָרן פון זייערע הענט.
און אַ מעשה איז עס מיט אַ מוסר־השכל:
דער פשוט'ער איד וועט זיך דערש'ענען אַ קל־וחומר: מה דאָך אַזאַ קליינע מצוה, שאָדם (וואָל אַ מענטש) דש (טרעט) בעקביו (מיט זיינע טריט) מאַכט אַזאַ רושם, ברענגט צו אַזאַ נסיון, אַנדערע, גרעסערע מצוות, אויף וועלכע די וועלט שטייט באמת, על אחת כמה וכמה.
און דער יודע־חן, וואָס האָט אַ ידיעה אין ענין פון סעודת דוד המלך, עליו השלום, דעם וועט דאָס גאָר אויפגיין אַ ליכט אין די אויגן!
ער וועט בעמלעך, זען באַשיימפּערלעך, עד היכן הדברים מגיעים, און וואָס אַ נדר, וואָס אַ איד נעמט אויף זיך, באַטייט — ווי מען וועט, בעזרת השם, זען פון גוף המעשה.
און אַצינד הויב איך אָן:

## 1

פאַרצייטנס, אין אַ גאַליצישן שטעטל אין קיר"ה זיינען געווען צוויי שותפים.
תבואה־סוחרים זיינען זיי געווען; היפשע תבואה־סוחרים: געפירט גרויסע פאַדריאַדן פאַרן מלכות. געהאַלטן אייגענע פערד און וואָגן, און אַ יונג — אַ שמייסער. און צוויי מויערן געהאַט אין שטאָט, יעדערער זיין מויער.
און די שותפים, וואָס זיינען געווען גלייך אינעם מסחר, זיינען נישט גלייך געווען אין יהדות.
איז נעמלעך איינער פון די צוויי שותפים געווען אַ חסיד, אַ ירא־שמים און אַ גרויסער למדן דערצו, און דער צווייטער — אַזוי, אַ פשוט'ער איד, אַן ערלעכער מאַן.
פלעגט דער שותף דער למדן זיצן אין דער היים על התורה ועל

העבודה און קוים אָפּשפּאָרן אַ שעה צי צוויי שעה אין טאָג אויף עצות און חשבונות מעניין המסחר. און דער צווייטער פאַר דאָס, דער פּשוט'ער איד, פלעגט אַ אַ גאַנצע וואָך באָדן זיך אין עסק.

פאַרט מען אַ גאַנצע וואָך אַרום: פון פויער צו פויער, פון פּריץ צו פּריץ — אויפקויפן קאָרן; אין די מילן אַריין — מאָלן דאָס קאָרן; אויף די פונקטן, דערנאָך, צוצושטעלן די מעל פאַר די חיילות.

און די חיילות זיינען צעוואָרפן אין דער גאַנצער סביבה, איבער אַלע דערפער — פלעגט טאַקע דער איד אַהיים קומען קוים צום מרחץ אויף שבת.

און וואָס האָט ער אומשטיינס געזאָגט, פון שבת? קוים ער קען מקיים זיין די מצוה פון „שינה בשבת תענוג"... אויס מענטש קומט ער אַהיים, מיד, און דער גאַנצער „הו־הא" אין קאָפּ.

ווייס דאָך אָבער אַ איד, וואָס דער תוך און דער עיקר איז, גייט ער און נעמט אויף זיך די מצוה מקיים צו זיין ברוב פאר והדר די מצוה פון מלוה־מלכה.

צו דער מלוה־מלכה פלעגט דער שותף דער חסיד קומען זייער זעלטן: אַ פאַר מאָל אין יאָר, שלא לבייש. ער פלעגט בעסער זיצן צווישן זיינס גלייכן אין שטיבל און עוסק זיין אין זיינע זאַכן.

פאַר דאָס פלעגן קומען אַנדערע שיינע אידן, אַפילו לומדים און אַזוי אָרעמע לייט, וואָס פלעגן אפשר אַ גאַנצע וואָך וואַרטן אויף דער מלוה־מלכה, זיך כאָטש איינמאָל אָנצועסן זאַט.

און באַלד טאַקע נאָך הבדלה, דער פּשוט'ער איד זאָגט זיך „ויתן לך", זינגט זיך זמירות (פון געשעפט, ביז נאָך דער מלוה־מלכה, רעדט ער נישט) און אין קיך ברענט שוין אַ פייער, וועלגערט מען שוין פרישע לאָקשן, קאָכט מען פרישע פיש, זענגט מען אָפּ פרישע עופות, וואָס מען האָט נאַר־וואָס געבראַכט פון שוחט — אַביסל משקה וועט, פאַרשטייט זיך, אויך נישט פעלן — אויף אַ גבירישער חתונה דאַרף מען נישט — נישט שענער, נישט בעסער...

און ביי דער מלוה־מלכה איז ששון ושמחה.

ווייס געדעקטע טישן, אַז עס בלאַנקט. אויסגעשטעלט כלי כסף וזהב, אַלערליי קאָלירטע כוסות, ווי צו'ן אַ סדר. און ליכט אַנגעצונדענע אַ סך: הן אויפן טיש אין די זעלבערנע לייכטער, הן אַרום די ווענט אין די זילבערנע העסן.

און די בני־בית מיט די אורחים זעצן זיך אַרום, אַנשים לחוד ונשים לחוד. די מענער אין בגדי שבת ויום־טוב, די ווייבער אין טייערע קליידער, אבנים יקרות ותכשיטין און מען עסט, און טרינקט, און מען רופט: דוד המלך, עליו השלום, חי וקיים! און — מען לאָזט זיך אין אַ טענצל...

מן הסתם געפעלט עס נישט יענע לייט!

האָט מען אויף דעם ערלעכן איד און זיין מלוה־מלכה אַן אויג.

## 2

ויהי היום — עס איז געקומען אַ צייט, און די שותפים זיינען גע־שטאַנען אין אַ גרויסער סכנה.

געהאַט האָבן זיי אַ גרויסן פּאַדריאַד, אויף כמה וכמה אלפים כור קמח פאַרן חייל אין דער סביבה, און אין קאָנטראַקט, וואָס מען האָט געמאַכט מיטן מלכות, איז געשטאַנען, ווי דער סדר־העולם איז, שחור על גבי לבן, אַ תנאי, אויב, חס ושלום, מען וועט עובר זיין איין טערמין פון שטעלונג, וועט ווערן פאַרפאַלן דער גרויסער זאַלאָג, און דאָס מלכות וועט נאָך צו־נעמען ביי די שותפים זייערע מויערן, מיטן כלי־בית און אַלע מטלטלין, ביז פערד און וואָגן; און האָט נאָך פּראַוו, ווי פאַרצייטנס דער מנהג איז געווען, זיי אַליין צו נעמען און וואַרפן אין קייטן אַריין, און פאַרשיקן, וואו דער פעפער וואַקסט...

און געווען איז עס פּונקט נאָך אַ שוואַכן ווינטער; געלעגן אַן ערד — אַ נאַקעטע, אָן שניי, דער זאָמען פון קאָרן איז אויסגעלופטערט געוואָרן — איז נאָך ווייניק?

לאָזט זיך נאָך, באַלד נאָכן ווינטער, אַרויס אַ קול, אַז קיר״ה איז זיך מכין למלחמה קעגן תוגר! ווערט גאָר גאָלד און טאָלער קאָרן. און נישט בנמצא.

איין פּריץ אין דער סביבה, אַ שררה אַ גרויסער, האָט יאָ עטלעכע הונדערט קאָרץ קאָרן — און נישט צוצוטרעטן. ער האָט געלאָזט זאָגן, אַז אויב מען וועט אים נישט ברענגען אַ דריי, צי גאָר אַ פירפאַכיקן פּרייז פאַרן קאָרן, וועט ער אַרויסטרייבן פון פּאַלאַץ, נאָך אָנרייצן די כלבים...

מיט איין וואָרט — סכנות־נפשות; בדיל־הדל און נאָך פאַרפאַלן צו ווערן אויף כף־הקל...

מילא, איז דאָך אָבער אַ איד געוואוינט צו צרות, צו סכנות־נפשות, איז דאָך אויף דעם פאַראַן בטחון... זיצט זיך מוצאי־שבת־קודש דער שותף דער למדן אין שטיבל און הערט און דערציילט מעשיות פון לאַדירער. און דער שותף, דער ערלעכער פשוט׳ער איד — וואַרט אויף די מלוה־מלכה און אויף אורחים און גייט זיך אַזוי אויף און אָפּ איבער דער שטוב און ברומט זיך די אליהו׳ס.

און ווי ער ברומט אַזוי די אליהו׳ס, דערהערט ער פּלוצלונג פון דרויסן אַ געזעצעריי איבערן ברוק אין גאַס; די שויבן קלינגען אונטער: אַ רייטער יאָגט זיך צו צום הויז.

וואָס קען עס זיין? אַ רייטער פון פּאָלק? אַצינד? פאַר מלוה־מלכה?

אַ רגע כמימרא — דער רייטער איז שוין פאַרן הויז. ער שפּרינגט

שוין אראָפּ פון פערד, בינדט עס צו ביים ציימל צום דראַנג פאַר דער שטוב, ער עפנט שוין די טיר — דעם שותפ׳ס ווייב רעדט שוין צו אים.

ער, פאַר מלוה־מלכה, רירט זיך נישט פון אָרט.

ווייזט זיך אויס, עס איז נישט פון פאַלק. — עס איז אַ שטאָפּעט פון אַ פּריץ. טאַקע פון גרויסן שררה, וואָס האָט דאָס קאָרן — אַ בריוו האָט ער אין גרויס איילעניש געשיקט. און דער בריוו איז אַ ישועה פון הימל: באשר בכן, דער פריץ איז פלוצלונג געדופן געוואָרן קיין ווין, תיכף ומיד צו קומען צום מלכות, האַלבער נאַכט מוז ער אַרויספאָרן, נו — פעלט אים הוצאות־הדרך (פריצים האָבן קיינמאָל קיין באָרן גראָשן נישט) על כן, אויב „יאָש" (יוסף האָט דער איד געהייסן, מילא: יוסף, יאָסל, יאָש . . .) אויב יאָש וועט תוך כדי דיבור קומען מיט מזומנים, קריגט ער דאָס קאָרן בחצי חינם. אַ מקח, וואָס מען הערט נישט אין גרעסטן זול.

האָט די אידענע איבערגעלייענט דעם בריוו אין דער ערשטער שטוב, פאַלט זי אַריין מיט דער בשורה צום מאַן. לויפנדיק צו דער צווייטער שטוב, שרייט זי אין קיך אַריין צום משרת, ער זאָל געשווינדט איינשפּאַנען פערד און וואָגן און —

— הערסט, מיין מאַן!

וויל דער מאַן אָבער נישט הערן.

שרייט זי אויס די בשורה אויף אַ קול:

— כאַפּ, מיין מאַן, פאָר!

להד"ם! מיין אידל וויל פאַר „מלוה־מלכה" נישט פאָרן. ער וועט צוליב מסחר ניט מבטל זיין זיין מצוה, נישט עובר זיין אויף אַ נדר.

דער אידענע געפעלט עס אַפילו — פונדעסטוועגן זאָגט זי:

— נאַרעלע איינער, אינגאַנצן אַ מייל וועגס, און די פערד זיינען אויסגערוט... און דאָ שאָבט מען ערשט די פיש, מען איז נאָך נישט צו־ריקגעקומען פון שוחט... וועסט נאָך, מירצעשעם, צוריקקומען צו דער צייט... און ווען אַביסל שפּעטער?...

ענטפערט דער מאַן יוסף, אַז פאַר מלוה־מלכה מאַכט ער קיין מסחרים נישט.

זאָגט זי, אַז זי וועט שיקן נאָכן שותף. אַן ערלעכער איד, אַ למדן, זאָל ער זאָגן...

און איידער זי רעדט אַרויס דאָס וואָרט — אצבע אלוקים! דער שותף דער חסיד, איז פונקט געקומען צו מלוה־מלכה.

הערט ער, דער למדן — דער חסיד וועגן וואָס עס גייט — לאַכט ער! — פע, זאָגט ער, אָפּשטויסן בידים אַ ישועה פון זיין ליבן נאָמען? און — אַ דבר־האבוד, און אַזאַ נס! משוגע מיינע שונאים!

הייבן זיך אָן צוזאַמענקומען אורחים. העלפֿן זיי אונטער: באַשיימ־פערלעך, אַ גאַט־זאַך!

ווערט דער פשוט׳ער ערלעכער איד בטל ומבוטל פֿאַר די לייטישע אורחים, דער עיקר פֿאַרן שותף דעם ירא־שמים, דעם חסיד און דעם גרויסן למדן; בפֿרט אַז דער רופֿט זיך נאָך אויס, אַז ער פֿאָרט מיט.

דערווייל, פֿאָרט פֿאַרביי דער טיר דער וואָגן מיט קנאַק. דער יונג שפּרינגט אַראָפּ, גלייכט אויס דאָס געזעס; דער חסיד כאַפּט זיך אַרויף און זיצט שוין. דער פשוט׳ער ערלעכער איד קריכט אַרויף — הייסט מען דעם שטאָפּעט רייטן פֿאָרויס, רייט ער. הילכט ווייטער די גאַס פֿון די טריט פֿון פֿערד. שפּרינגט אַרויף דער שמייסער אויף דער קעלניע נאָך אַמאָל אַ קנאַק מיט דער בייטש, די בני־בית מיט עטלעכע שוין אָנגעקומענע אורחים רופֿן נאָך: אין אַ מזל׳דיקער שעה! דאָס ווייב: פֿאַר געזונטערהייט און קום געזונטערהייט! דער וואָגן רירט. דער פּראָסטער איד — דער שותף לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. עס צופּט אים עפּעס ביים האַרץ, עפּעס שלעכטע נביאות זאָגט אים דאָס האַרץ, נאָר ער שעמט זיך אויסצוזאָגן דעם למדן — זיפֿצט ער אָפּ און שווייגט.

די אורחים מיט די בני־בית זיינען צוריק אין שטוב אַריין, זינגען זמירות...

3

און גאָר אין גאַנצן איז דעם פּראָסטן אידנס האַרץ קיין פֿאַלשער נביא נישט געווען...

אַרויסגעפֿאָרן זיינען זיי אין אַ לבנה־נאַכט: שטערן כחול־הים. אָבער קוים האָבן זיי געהאַט די שטאָט הינטער זיך, האָט זיך דער הימל פֿאַר־וואָלקנט. טונקל איז געוואָרן און וואָס אַמאָל טונקעלער.

דער רייטער איז שוין לאַנג פֿאַרשוואונדן געוואָרן; אַ פֿריציש פֿערד! די פֿערדס טריט הערן זיך נאָך אַ ווײַלע און — פֿאַרהילכן!

דערווייל ווערט נאָך טונקעלער, עס הייבט אָן בלאָזן אַ צפֿון־ווינט און יאָגט אָן נייע ענגים. די שטערן לעשן זיך איינס נאָך ס׳אַנדערע, ווי קליינע קינדער־לאַמטערנדלעך פֿון ווינט.

עס ווערט חושך, מען פֿאַרלירט דעם וועג, מען שניידט זיך עפּעס אַריין אין וואַלד, אויפֿן וועג דאַרף גאָר קיין וואַלד נישט זיין; פֿונוואַנען האָט זיך גענומען אַ וואַלד?

דערווייל פֿאַרלירט דער יונג, דער שמייסער, די בייטש; שפּרינגט ער אַראָפּ זוכן די בייטש. די פֿערד שלעפּן זיך ווייטער, דער שמייסער קומט נישט צוריק מען רופֿט, ער ענטפֿערט נישט. דער אָרעמער פּראָסטער איד

זיצט פאַר׳חוש׳ט און האַלב־פאַר׳חלש׳ט פאַר שרעק. דער חסיד שפּרינגט אַראָפּ זוכן דעם שמייסער און ווערט אויך נעלם אין דער פינצטערניש. דער פראָסטער איד ווערט שוין גאָר פאַר׳חלש׳ט; שטאַרקט ער זיך אָבער, שטעלט זיך אויף, קריכט אַרויף אויפן געזעס, גלאָצט אין דער פינצטערניש אַריין מיט די אויגן — ער זעט נישט.

וויל ער שרייען — קען ער, פאַר גרויס שרעק, נישט אַרויסברענגען קיין קול. דערווייל שלאָגן אָן די פערד מיטן דישל אָן אַ בוים; דער דישל פּלאַצט, דער וואָגן קערט זיך איבער. דער איד פאַלט אַרויס, צו זיין גליק — אויף אַ בערגל גראָז. די פערד רייסן זיך אָפּ פון בוים און אַנטלויפן, משוגע פאַר שרעק, אין דער וועלט אַריין... עס הילכן אַ ווײלע די טריט, די רעדער, און ווערן אויך פאַרזונקען אין חושך. און דער פראָסטער איד הויבט זיך אויף אײנער אַליין אין דער פינצטער, ער שטויסט קוים מיט די לעצטע כוחות אַ קול פון האַלדז אַרויס, שרייט; קיינער ענטפערט נישט. דער ווינט כאַפּט דאָס געשריי און צעברעקלט עס און צעטראָגט עס און עס ווערט פאַרזונקען אין געפייפעריי.

וואָס זאָל נעבעך טאָן אַ איד? אין אַ פינצטערן וואַלד אייגער אַליין איז ער; מי יודע וואָס פאַראַ חיות רעות עס האַלטן זיך אויף אין וואַלד; אינעם געפייפעריי פון ווינט, דאַכט זיך אים, ברילן זיי, די חיות...
ענטפערט ער איבער זיין נשמה צום בורא־עולם: טו מיט מיר, ווי דיין ווילן איז — און הייבט אָן שטיל צו זאָגן ווידוי. גרייט זיין הארץ אַ איד.

און דער ווינט רוישט, ער הערט זיינע אייגענע ווערטער, זיין אייגענעם ווידוי נישט. עס רוישט, פייפט און רייסט די ביימער, די צווייגן.

אָבער אָט — צווישן די פאַנאַנדערגעריסענע צווייגן, גיט פּלוצלונג אַ בליץ. אויף אַ רגע כמימרא באַווייזט זיך אַ ליכט...

מילא, ותחי נפשו! עס מוז דאָך זיין דאָ ערגעץ אַ הויז! די צווייגן האָבן זיך שוין צוריק באַהעפט, פאַרפלאָכטן אינעם חושך... הויבט ער אָן צו גיין צום אָרט פונוואַנען דאָס ליכט האָט זיך אים באַוויזן... און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז גאָט האָט אים געהאָלפן און ער איז צוגעקומען צו אַ הויז מיט אַ ליכטיקן פענצטער.

געלויבט איז זיין ליבער נאָמען!

פונדעסטוועגן, צוגיין גלייך זוכן אַ טיר — האָט ער מורא. אַ קשיה אויף אַ מעשה: אַ הויז אין וואַלד, עס קענען זיין גזלנים, עס קענען זיין יענע לייט, באַהיט און באַשירעמט זאָל מען זיין... ער וועט נאָר אַ בליק טאָן אין פענצטער... לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף אַלע פיר, קריכט שטיל און פּאַמעלעך צום ליכטיקן פענצטער צו, שטעלט זיך, פּאַמעלעך און מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש, אויף, בייגט זיך צו, קוקט אַריין און דערזעט דאָס, וואָס איך וועל אייך דערציילן אין פערטן קאַפּיטל.

4

א גרויסע שטוב האָט ער דערזען, און ער וואָלט געשוואוירן, זיין שטוב. אינמיטן שטוב שטייט אַ טיש, פונקט ווי ביי אים צו מלוה־מלכה. פונקט אַזאַ טישטעך; פונקט, צו דער האָר, אַזוינע כלים: זילבער, גאָלד און קאָלירט גלאָז. און טעלער אַזוינע, ווי ביי זיין אשה, און אויף די טעלער די זעלבע מאכלים... און פונקט אַזויפיל ליכט: הן אויפן טיש אין זילבערנע לייכטער, הן אַרום די ווענט און זילבערנע העסן. און די לייכטער זיינען זיינע און די העסן, כהויה דערקענט ער זיי.

איז עס נישט אַ חלום? גיט ער זיך אַ צופּ ביי דער באָרד, אַ ריס ביים אויער, אַ ביס אין פינגער. ניין, עס איז קיין חלום נישט...

און ביים טיש, צו אים הינטערן פענצטער מיטן רוקן, זיצט אַ איד — דאַכט זיך, ער אַליין! זיין קרומער אַקסל.

רבונו של עולם. אַ חלום, צי אַ כישוף, צי גלאַט אַזוי אַ פאַר־בלענדעניש?!

ווי עס איז, ער מוז אַריינגיין. סיי ווי סיי, אַ איד זיצט, אַ טיש צו מלוה־מלכה איז געדעקט; ער וועט גיין, מקיים זיין די מצוה.

און ער איז גובר די שרעק, רייסט קוים אָפּ די פיס פון דער ערד און גייט אַרום הויז, טאַפּט און געפינט אין דער צווייטער זייט, פונקט קעגנאיבער דעם פענצטער, אַ טיר! ער עפנט זי מיט אַ פאַרציטערטער האַנט, דערזעט דעם איד פנים אל פנים, עס הענגט דאָרט נישט קיין שפּיגל, ער זעט דעם איד בחוש, און דער איד איז ער אַליין: זיינע באָרד און פיאות, זיינע ברעמען, זיינע אויגן, זיינע באַקן און די יאַרמלקע מיטן קאַפּטאַן זיינען זיינע...

ער אַליין איז עס.

און דער איד, דאָס הייסט, ער אַליין, זיצט און קוקט אויף אים מיט שטילשווייגנדיקע אויגן, נאָר פול מיט רחמנות׳דיקער שטראָף. ווי איינער רעדט: וואָס האָסטו מיר, וואָס האָסטו, הייסט עס, דיר געטאָן? פונוואַנען פאַלסט עס דו אויס?

וויל ער פרעגן, וואָס? קען ער ווייטער קיין קול פון האַלדז נישט אַרויסרייסן, נאָר דאָס האַרץ זאָגט אים: מבטל געווען מלוה־מלכה, עובר געווען אויף אַ נדר.

און ווי דאָס האַרץ זאָגט אים אַזוי, פאַרלירן פּלוצלונג די כלים אויפן טיש זייער גלאַנץ און ווערן ווי פאַרטריבט; און די ליכט אין די לייכטער און העסן הייבן אָן טונקל צו ווערן, און ווערן באַלד טאַקע שוואַרץ — שוואַרצע ליכט ברענען; און דער איד, דאָס הייסט, ער אַליין, צוזאַמען מיטן טיש, מיט די מאכלים, מיט די כלים, מיט די לייכטער הייבן אָן אַלע צוזאַמען פּאַמעלעך, פּאַמעלעך צו זינקען אין דער פּאָדלאָגע אַריין... די שוואַרצע

ליכט־פלעמעלעך אין די לייכטער און העסן הייבן אָן צו ווערן רויכיקער און רויכיקער. און אַז דער טיש מיט אַלץ אַרום איז שוין איינגעזונקען ביז צום אויבערשטן שטח פון טאָוול, און דער איד, דאָס הייסט, ער אַליין אין יענער געשטאַלט, איז שוין אַראָפּ מיט דער באָרד, און עס האַלט שוין ביי די ליפּן, האָבן זיך די פלעמלעך מיטאַמאָל געטאָן אַ לעש אויס...

זאָגט פּלוצלונג דאָס הארץ אונטער דעם איד: כאַפּ עפּעס און מאַך ברכה, זיי מקיים מלוה־מלכה! — שטרעקט ער אויס אַ האַנט, און כאַפּט, איידער דער טיש ווערט איינגעזונקען, אַ פּרי פון אַ טעלער אַראָפּ, מאַכט „בורא פּרי העץ״; אַ ביס, אַ שלונג אַראָפּ, און גיט אַ געשריי: דוד מלך ישראל חי וקים!

און דאָס האָט געהאָלפן.

כהרף עין איז אַלץ פאַרשוואונדן געוואָרן: די געשטאַלט, דער טיש, דאָס הויז, דער וואַלד — איינער אַליין שטייט ער ווייט הינטער דער שטאָט, אויף עפּעס אַ לאַנקע... און תוך כדי דיבור נעמט אים אָן פון הינטן אַ האַנט; הייבט אים אויף, טראָגט אים אין אויר, צו דער שטאָט צו טראָגט מען אים, און מען לאָזט אים אַראָפּ פאַר זיין אייגענער טיר.

## 5

שטייט דער איד מבולבל הינטער זיין אייגענער טיר און גלייבט זיינע אויגן נישט.

הערט ער פון אינעווייניק, די אורחים זינגען זמירות, הייבט ער שוין אָן צו גלויבן — זאָל עס האָבן אַזוי ווייניק געדויערט?

דערהערט ער אָבער, ווי זיין פּלונית׳טע זאָגט אין קיך:

— שוין אַלץ פאַרטיק, — וואָס זאַמט ער זיך נעבעך? ווער ווייסט, וואָס מיט אים איז נעבעך געשען?...

טראַכט ער: וואָס איז זי נעבעך שולדיק? עפנט ער אויף די טיר און גייט אַריין.

זעט ער, קיינער וואונדערט זיך נישט.

דאָס ווייב האָט׳ם דערזען און שמייכלט.

פרעגט ער: וואו איז דער שותף?

זאָגט מען: נישטאָ!

„גאָר נישט געווען?״ — ניין! — אַוודאי ווי אַלעמאָל אין שטיבל — און דאָס ווייב זאָגט אים: וואַש דיך! און רופט באַלד צו דער קיך; זי הייסט, דער יונג זאָל אַריינטראָגן דעם באָרשט...

פאַרשטייט ער נאָך ווייניקער:

— דער יונג איז אין דערהיים?

— ווי דען?

— און די פערד?

שטייען אין שטאַל. וואו זאָלן זיי זיין? הערסט ניט זייער הירזשען? ער הערט!

ער הערט אַפילו, ווי די פּאַדקאָוועס קלאַפּן אָן דער פּאָדלאָגע; די שטאַל איז נישט ווייט פון שטוב.

פאַרשטייט ער שוין, אַז עס איז געווען אַ שפּיצל פון יענע לייט, אַז נאָר מיטן „בורא פרי העץ" און „דוד מלך ישראל חי וקיים" האָט ער זיך מציל געווען פון זייערע הענט.

הייבט ער אויף די הענט מיט לויב און דאַנק צו זיין ליבן גאָמען.

און ווי ער דאַנקט אַזוי און לויבט גאָט אין דער שטיל, דערהערן זיך ווייטער פערדס־טריט פון גאַס, הילכט ווייטער אָפּ דער ברוק; אַ רייטער געגענט זיך ראַש צום הויז. און אָט איז ער דאָ, שפּרינגט אַראָפּ, קומט אַריין — אַ זעלנער איז עס, נישט קיין שטאַפּעט — אַ קיראַסיר.

און האַלטנדיק דאָס צוימל פון פערד איבער דער שוועל, גיט ער איבער אַ פּאַפּיר:

דאָס איז געווען אַ פּריקאַז פון גענעראַל.

און אַזוי האָט דער גענעראַל געשריבן:

„היות, דער חייל רוקט זיך אָפּ קיין ווין, איז בטל דער פּאָדריאַד, דאַרף מען נישט קיין קאָרן." —

פאַרשטייט איר שוין אַליין, וואָס פאַר מלוה־מלכה עס איז געווען!

## ג

# די לעזערין

פרייטיק צונאַכט.

אינעם שטיבל איז שרעקלעך שטיל, אין די ד' אמות שלאָפן זיבן נפשות.

דער אַלטער וואַסערטרעגער האָט נישט געהאַט: נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש, נישט קיין בראָנפן, נישט קיין חלה. ער האָט קידוש געמאַכט איבער ברויט. עס איז קוים אויף צוויי גראָשנדיקע בענטש־ליכט געבליבן. ער האָט אַפילו קיין פריש העמד נישט באַקומען.

אָן עונג־שבת איז געבליבן: אויסשלאָפן זיך פאַר אַ גאַנצע וואָך.

דעם זעלבן עונג־שבת האָט דאָס ווייב אויך... אַ גאַנצע וואָך לויפט זי אַרום אין די דערפלעך, קויפט אויף אייער, חזיר־האָר, שמאַטעס. די וואָך איז זי געלאָפן אָן געלט, זי האָט אומזיסט געבעטן קרעדיט, און איז אַהיים געקומען פרייטיק פאַרנאַכט אָן סחורה, אַ גע׳הרג׳עטע, אַ פאַר׳חלש׳טע...

קוים האָט זי אָפּגעבענטשט ליכט, איז זי אויך אַנידערגעפאַלן און איז איינגעשלאָפן...

געווײנלעך, שלאָפט דער וואַסערטרעגער מיט דריי — און זי מיט צוויי קינדער צוזאַמען. היינט זיינען זיי ביידע צו פרי אַנטשלאָפן געוואָרן. די קינדער האָבן זיי נישט געוואָלט וועקן, און זיי ליגן צעלייגט און כראָפּען אויף דער גאָלער ערד.

פון די בענטש־ליכט צאַנקט נאָך איינס, און פון די שטוב־נפשות איז נאָך איינע וואָך.

די עלטסטע טאָכטער.

די צעפלאָסענע האָר זיינען רויט. דאָס פּנים — געל: געגערט פון קאַרטאָפל נישט צו דער זאַט. אין די אויגן דאָך ברענט; די איינגעפאַלענע ברוסט הייבט זיך און פאַלט, די דאַרע הענט ציטערן...

זי לעזט ביים צאַנקענדיקן ליכט שמר׳ס אַ ראָמאַן. די ליפּן ציטערן פאַר אומגעדולד.

זי איז צערודערט. זי שרעקט זיך: טאָמער גייט איר אויס דאָס ליכטל, און זי וועט נישט געוואָר ווערן דעם סוף פיפערנאָטער!

## דוד פּינסקי

# אָנהייב ערשטער אַקט פון „די מוטער"

רחל לעווין. ווי שיין עס איז איצט!

זאַלקינד (שטעלט זיך אָפּ ביים פענצטער). יאָ זייער שיין...

רחל. עפּעס ווי אַלץ וואָלט געלעבט און גערעדט און געזונגען, דוכט זיך אייך נישט אויס, אַז אַלץ באַוועגט זיך אַזוי יום־טוב׳דיק?

זאַלקינד. יאָ, עס איז זייער שיין.

רחל. איך האָב זייער ליב די צייט — דעם שבת פאַרנאַכט. עפּעס ליגט אין דער מוטער אַזוינס, וואָס פילט אונדז אָן מיט אַ נאָגעניש און בענקעניש, און דאָך מיט אַזאַ מין זיסקייט, מיט אַזויפיל האָפענונג.

— איך ווייס נישט, ווי די צייט ווירקט אויף אַלעמען. אויף מיר ווירקט זי אַזוי שווער און אַזוי זיס צוזאַמען. איך וואָלט עפּעס אויסגעצויגן די הענט און ברייטער געמאַכט דאָס האַרץ — אַ־אַ־אַ!

זאַלקינד. דאָס איז מיט אַלעמען אַזוי.

רחל. איך ווייס נישט — אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך זיך צעוויינט אַזוי ביטערלעך — מען קאָן דאַכט זיך פרום ווערן אין אַזאַ צייט. עפּעס צונויפלייגן די הענט און רעדן און רעדן מיט גאָט פון טיפן, טיפן האַרצן.

זאַלקינד, יאָ, יאָ.

רחל. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט דעם שבת־פאַרנאַכט. נאָך אַלס קינד, אָפּט פלעג איך אַוועקלייגן מיין קאָפּ ביי דער באָבען אין שויס און צוהערן זיך, ווי זי פלעגט זאָגן איר תהלים מיט אַזאַ האַלב־טרויעריקן ניגון, וועלכער האָט זיך אַזוי גוט געפּאַסט צו דער אָוונט־פינצטערניש. דאָס בעסטע וויגליד איז עס געווען ביי מיר. איך פלעג מיך אַזוי צוטוליען צו איר און אין מיר פלעגט זינגען איר תהלים־זאָגן, און מיין קעפּל פלעגט פאַנטאַזירן וועגן איך ווייס שוין נישט וואָס פאַר אַ טויזנטער זאַכן. איך פלעג חלומ'ען מיט אָפענע אויגן, ביז איך פלעג איינשלאָפן. — אַי, איז עס געווען גוט!

זאַלקינד. און איך האָב ליב געהאַט אַ שבת־פאַרנאַכט, צווישן מנחה און מעריב פאַרקלייבן זיך אין אַ ווינקל אין שול מיט אַ סך אינגלעך און הערן מעשיות. אין שול איז פינצטערלעך. די פינצטערניש איז אויסגעמישט מיט אַ גערויש פון אַלערליי קולות, פון פריילעכע און טרויעריקע, פון לאַכן און זיפצן. אין איין ווינקל זאָגט איינער איבער אַ שטיקל חסידות, וואָס ער האָט געהערט פון רבין; ערגעץ אַנדערש זאָגט מען תהלים מיט דעם האַלב־טרויעריקן ניגון. און איבער אַלץ שטייט דער געריש פון וואַרעמע געשפּרעכן און פון אינגלעך, וועלכע לויפן אַרום בימה און שפּילן אין כאַ־פּעניש... — און איך מיט מיין קופּקעלע אינגלעך פלעג זיצן אין אונדזער פינצטערסטן ווינקל, דאָס רוב — אין חדר שני, און איינער פון אונדז פלעגט דערציילן עפּעס אַ ליבלעכע מעשה פון אַ בן מלך אָדער אַ בת מלכה, אָדער אַ שרעקלעכע מעשה מיט אַ רויבער, אָדער גאָר אַ ציניש־גראָבע מיט אַ וואונדער־בחור. און עס איז געווען אַ מחיה, אַזאַ זיסקייט, ווי איר זאָגט! אָפּט פלעגט שוידערן פון דער מעשה, אָבער שטענדיק פלעגט פאַרדריסן, ווען פּלוצלונג פלעגט דער חזן אַרויסזינגען: והוא רחום יכפר עון ולא ישחית...

## אב. קאַהאַן

### פרייטיק־צו־נאַכט

(פון זיין בוך „בלעטער פון מיין לעבן")

קערפּערלעך איז מיין פאָטער געווען אַ שטאַרקער, אָבער דאָס האָט מיך ניט אינטערעסירט. זיינע ניגונים, זיין בענקעניש, זיין התלהבות — זיי פלעג איך אויף מיין ניין־צען יאָריקן שטייגער דורכלעבן צוזאַמען מיט אים.

איך ווייס ניט פאַרוואָס דאָס איז, — יעדעס מאָל ווען איך שטעל זיך אים פאַר אין דער הייליקסטער שטימונג פון מיין אָנדענק נאָך אים, זע איך אים אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט, ווען מיר פלעגן גיין פון סטראַשון'ס קלייזל, נאָכן דאַוונען.

פרייטיק, „נאָך האַלבן טאָג", און פרייטיק אָוונט פלעגן איבערהויפּט זיין די טייערסטע טיילן פון דער וואָך ביי מיר. און זיין געזיכט איז דער צענטער כמעט אין אַלע דאַמאַלסטיקע ליבע שטונדן.

פרייטיק איז מען אַ האַלבן טאָג פריי פון חדר, און מאָרגן איז מען אַ גאַנצן טאָג פריי. דאָס איז די הויפּט זאַך. אַ פרייהייטס־געפיל, אַ גן־עדן געפיל...

פון די סצענעס פון יענעם טאָג דערמאָן איך זיך ווי אַ רוס, מיט אַ קיילעכדיקער רויטער באָרד, קומט מיט זיין וועגעלע זאַמד — צוויי קאָפּיקעס אַ זעקל. רויטע, פייכטלעכע זאַמד, צו באַשיטן די אויסגעקערטע פּאָדלאָגע. דאָס איז געווען אונדזער קאַוויאַר.

—פיעסקו, פיעסקו קאַמו נאַדאָ? (זאַמד, זאַמד! ווער דאַרף זאַמד?)

— פלעגט ער לוסטיק שרייען מיט אַ ספּעציעלן ניגון, אויסציענדיק דעם קמץ פון „נאַדאָ" ווי אַ לאַנגן פּתח.

ער האָט געהאַט אַ הומאָר־געפיל, און ער פלעגט צולייגן:

— לייפּציקער זאַמד, קעניגסבערגער, פּאַריזער, ווינער זאַמד!

די עטלעכע ווערטער פלעגן מיר פאַרשטיין, און לאַכן פון זיי. און ווען ער און זיין וועגעלע זיינען שוין געווען אַוועק אין אַנדערע הויפן, פלעגן מיר, קינדער, אומגיין און שרייען:

—פּעסקו, פּעסקו קאַמענאַדע!!

די אמת ליכטיקע מאָמענטן פלעגן זיך אָנהייבן שפּעטער, ווען אין שענק האָט מען שוין אָנגעגאָסן די לעצטע קוואָרט בראַנפן דורך דער „לייקע", און די גאַס־טיר איז שוין געווען פאַרמאַכט.

לעבן טויער איז געשטאַנען אַ באַנק, און דאָרטן פלעגן זיך דאַן אויס־רעצן ווייבער און מיידלעך, אַלע אויסגעצוואָגענע, אַלע אין ריין־אויסגע־וואַשענע פּערקעלנע קליידלעך און יאַקלעך. לעבן באַנק, אין אַ ווינקל פון טויער, איז געווען איינגעגראָבן אַ קלעצל, צו פאַרטשעפּען די לייצעס, ווען עס פלעגט צופאָרן אַ וואָגן. דאָרטן פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן עטלעכע אינגלעך פון הויף, אינגלעך פריי פון חדר אויף אַ גאַנצן מעת־לעת.

דאָ פלעגן די מיידלעך שפּילן אין „ביקל" וואַרפן אַ קליינעם אייזער־נעם באַל אָן דעם ברוק, כאַפּן אים אָן אָפּגעשפּרונגענעם, און ציילן מיט אַ מיידלשן ניגון:

—צ־ע־ן! צוואַנציק! דרייסיק! פערציק!...

ווען עס איז געוואָרן שפּעט און מאַנסבילן מיט אינגלעך האָבן שוין גענומען גיין צו קבלת־שבת, פלעגט מען אָפּשטעלן די שפּיל.

— גענוג! שבת! — פלעגט אימיצער זאָגן מיט רעליגיעזער תענוג־פורכט.

אַפּט פלעגט פאַרבייגן אַ פאַרשפּעטיקטער שוסטער, אין איילעניש, טראַגנדיק אַ בלישטענדיקע, אָקאַרשט געענדיקטע פּאָר שטיוול צו אַ קונד.

דער טאַטע קומט אַרויס אַן אויסגעפּוצטער און איך גיי מיט אים מיט. שבת פלעגט ער טראָגן אַ הויכן קאַפּעליוש. יעדער באַלעבאַטישער איד האָט אַזאַ געטראָגן. אָבער ניט אימער פלעגט ער אים אָנטאָן צו קבלת־שבת; שבת — אימער. דער טאַטע אַליין פלעגט זיין קאַפּעליוש רופן, אויף שפּאַס, „מיין ווייקשאַפּט". אָבער טאַקע נאָר אויף שפּאַס. ווען ער פלעגט אים אָנטאָן, פלעגט זיין הויכע פיגור אויסזען אַ סך העכער. און דאָס האָט געשטימט מיט זיין באַגריף וועגן שבת...

זיינע שבת׳דיקע בגדים זיינען באַשטאַנען פון אַ שוואַרצער געווענטענער קאַפּאָטע און שוואַרצע געווענטענע הויזן. און די שטיוול זיינען אימער געווען אָפּגעפּוצט גלאַנציק; דאָס איז שוין געווען מיין אַרבעט — אָפּצופּוצן זיינע שטיוול און מיינע.

די געווענטענע קאַפּאָטע פלעגט ער אימער אָנטאָן פרייטיק־צו־נאַכט אויך.

סטראַשונ׳ס הויף (ער עקזיסטירט שוין ניט מער) איז געווען אַ לאַנגער און אַ שמאָלער. און ער איז געגאַנגען פּאַראַלעל צו קליין סטעפּאַן גאַס. ווען מען איז אַרויס פון אונדזער שענק און מען האָט געשטעלט פינף אָדער זעקס טריט, איז מען געווען ביי זיין טויער. די קלייזל איז געלעגן אין אַ ווינקל פון זיין ווייטסטן ברעג. אירע פענצטער זיינען אַרויסגעקומען אויף קליין־סטעפּאַן גאַס. ווען זי איז געווען באַלויכטן מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענג־לייכטער, און די באַלעבאַטים זיינען געווען אַרומגעוואַשן און אין זייערע שבת׳דיקע קאַפּאָטעס, האָט זיך דער שבת געפילט אין אַלע ביינער.

דער שבת הייבט זיך ערשט אָן, ער איז פריש, ווי אַ פרישע בלום.

מיין טאַטע פלעגט מיר דערציילן וועגן דער נשמה יתירה, וואָס קומט אַראָפּ פרייטיק־צו־נאַכט. איך האָב איך געפילט ערשט שפּעטער, נאָכן דאַווענען, אין שטוב. אין קלויז איז סתם געווען שיין — שיין פאַרן אויג, פאַרן אויער און פאַרן האַרצן.

דעם פריילעכן געררויש פון קבלת־שבת און פון מעריב האָב איך ליב געהאַט. איך פלעג זיך אָבער פאַרטראַכטן, קוקן אויף די אידן: אויף לייבעטשקע סטראַשונער, דעם באַלעבאָס; אויף אַ דיקלעכן הענדלער פון היי און האָבער; אויף זלמן דעם רעדערניק, פון וועלכן עס האָט זיך אימער געהערט דזשעגעכץ; אויף דעם יונגן קליין־בערדלדיקן עסיק־מאַכער, פון וועלכן עס פלעגט זיך אימער הערן עסיק.

איינער אַ יונגערמאַן, אימיצענס אַן איידעם, האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ חריף, פלעג איך אויף אים קוקן מיט באַוואונדערונג. מיט באַוואונדערונג

פלעג איך אָבער אויך קוקן, ווי עס דאַוונט לייבל דער רימער, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ„קינצלער אַ בעל מלאכה".

אַן אַנדערער פון די דאַוונער, אַ יונגער איד מיט אַ קײלעכדיקן ווייסן פּנים, איז געווען אַ סופר; פלעגט ער מיר אויך אינטערעסירן. וואָרום איך פלעג פרואוון שרייבן „קסיוועטענע" און ניט קענען; און ער האָט יאָ געקענט. ער פלעגט זיינע מזוזות אָדער מגילות שרייבן אין דעם זעלבן צימער, וואו מיין מאַמע פלעגט מיר אַמאָל שיקן מיט איר טשאָלנט, אין זאַביעגע׳ס (סאַ־פיעגאַ׳ס?) הויף. פלעג איך זען ווי ער זיצט דאָרטן, אין זיין שלאַפראָק און שרייבט מיט אַ פעדער פון אַן אינדיק. שבת אין דער פרי פלעג איך אָפט אַהין גיין אָפּנעמען דעם טשאָלנט; שטיין און וואַרטן מיט אַ גרופּע ווייבער, מיידלעך און אַ פּאָר אינגלעך, ביז מען פלעגט אָפּברעכן די פאַרטריקנטע ליים אַרום דער „זאַסלאָנקע" און נעמען אַרויסרוקן די טעפּלעך מיט דער „ווילקע". דאַן האָט דער סופר ניט געאַרבעט, נאַטירלעך. ער איז אָבער געווען אין שטוב.

ביים דאַוונען פלעג איך אויך זען „אונדזער" שוסטער, אַ הויכער איד, ניט קיין געזונטער. „אונדזער" שניידער האָט געדאַוונט אַנדערשוואו.

מיט ספּעציעלע שיינע פאַרבן מאָלט מיר דער זכרון ווי מיר גייען פון קלויז.

די גאַנצע לענג פון סטראַשונ׳ס הויף גייען מיר דורך. דער טאַטע שמועסט מיט אימיצן, און איך טראָג זיין סידור, וואַרף אים און כאַפּ אים אין אַ געמיט פון צופרידנקייט און דערוואַרטונגען אויף דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער וועטשערע... מיר גייען פאַרביי זלמן דעם רעדערניק׳ס רעדער און פינעסעס הערינג־סקלאַד. מיר קומען צו צום גרויסן טויער, מיר גייען אַרויס אויפן מערקל. דער טאַטע זינגט שטילערהייט, און איך וואַרף און כאַפּ דעם סידור אין דער זעלבער שבת׳דיקער שטימונג, ווי ער זינגט.

דאָס אַלץ געדענקט זיך אַזוי קלאָר — כאָטש שטעל אַוועק אַן איינ־געפאַסטן לייוונט, און דער בילד וועט זיך אַליין אויסשפּרייטן איבער אים, אַ לעבעדיקער...

מיר קומען אַריין אין שטוב מיט אַ „גוט שבת!"

— גוט שבת! — ענטפערט די מאַמע, אַן אויסגעצוואַגענע, אין אַ פרישׁ יאַקל, אַ פרייטיק־צו־נאַכטיק מידע, אַ פרייטיק־צו־נאַכטיק גוטמוטיקע.

דער טיש מיט דעם קלאָרן טישטעך, די אָפּגעשייערטע לייכטער, די געבענטשטע ליכט — די שכינה רוט אויף זיי.

דער טאַטע גייט הין־און־צוריק, זינגענדיק באַגייסטערט:

— שלום עליכם, מלאכי השרת...

אָט דאַן דוכט זיך מיר אַז איך קען פילן די נשמה יתירה. זי קלינגט אין זיין ניגון. זי בלישטשעט אין די אויסגעשייערטע לייכטער דער מאַמעס.

מען וואַשט זיך, מען זעצט זיך צום טיש — דער טאַטע אויבן־אָן, ביי דער שמאָלער שטיקל וואַנט צווישן דעם רויטן שלאָף־באַנק און דער טיר פון ספּאַלניע; די מאַמע ביי אַ זייט טיש, און איך אויפן רויטן שלאָף־באַנק אַנקעגן איר. דער טאַטע מאַכט קידוש אויף די חלה. ער שניידט איינע פון זיי. ער גיט מיר אַ מוציא. די חלה איז פריש, „אַ מאכל״... מאָרגן וועט זי שוין ניט זיין פריש; און ניט קיין פרישע חלה האָב איך ניט ליב.

די פיש, די לאָקשן, די שטיקעלע פלייש, דער הייסער, פאַרעדיקער צימעס. צימעס האָב איך גראָד ליב געהאַט ווען ער איז קאַלט, ווי מען פלעגט אים געבן מאָרגן אין דער פרי, ווען מען איז געקומען פון דאַווענען. אָבער דאַן איז שוין די נשמה יתירה אויך אַן אָפּגעקילטע.

דאַן נעמט זיך דער טאַטע צום מדרש, די מאַמע צו איר טייטש־חומש און איך צום „ספר הישר״ אויף אידיש — צו איינצלהייטן וועגן דער סדרה, מיט אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע מעשיות וועלכע זיינען אין חומש ניטאָ. אָדער דער טאַטע לייענט מיט מיר דעם „יוסיפון״ — אויך מעשיות, פון וועלכע די האָרץ ציטערט אַזש.

פיר־און־פופציק, פינף־און־פופציק, זעקס־און־פופציק יאָר צוריק איז דאָס געוועזן...

איצט, זיצנדיק ביי מיין שרייבטיש, פאַרטראַכט איך זיך וועגן יענער צייט. ס׳איז אַלץ ווייט, אַזוי ווייט, אָבער אַזוי קלאָר.

ווי אַ דייטלעך־הילכנדיקער ניגון פון אַ ווייטער פּיאַנאָ.

אַ געטלעכער ניגון.

## מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

# פון קנעכטשאַפט צו גאולה

אין ערשטן טאָג פון וואָך גייט דער אידישער מענטש אַרויס צו זיין מלאכה און פרנסה. גאַטס פאָלק דאַרף ברויט און חיונה, און פרנסה איז גאָר אַ האַרבער ענין, וואָס גאָט האָט דעם מענטשן געגעבן, כדי דורך אים אויסגעריסן צו ווערן. „און דו זאָלסט עסן״ — און יעדער ביסן אין האַלדז ווערגט דיך ווייל דו האָסט נאָך ניט געסילוק׳ט מיטן קרעמער. „און דו זאָלסט אָנטאָן בגדים אויף דיין גוף און שיך אויף דיינע פיס״ — און בײדע, אי דער שניידער, אי דער שוסטער האַלטן אין איין רייסן די פּאָלעס פאַר די בגדים און פאַר די שיך... מ׳האַלט אין איין לייען און באָרגן און די עסקים זיינען שפּל, ביז גאָר שפּל. וואו קען מען ביי היינטיקן טאָג נאָך עפּעס פאַרדינען? אַז זיבן מענטשן האַלטן זיך אָן אָן איין מסחר, און וואו נאָר דו שטעלסט אַ טריט צו זוכן עפּעס אַ פאַרדינסטל — גייען דיר שוין נאָך צוויי אַנדערע

פוסטריט און זיי קוקן דיר נאָך... וואָס טוט מען? ס'איז אַ גרויסע און אייגנטלעך אַ פולע וועלט, אָבער ניט יעדן איינעם קומען זיינע באַדערפעניש אָן לייכט. איטלעך ביסן ברויט קומט אָן מיט מי און גרינע ווערים. און אין קאַמף פאַרן שטיקל ברויט — קומט מען על פי רוב נישט אַרויס קיין זיגער; אַזוי איז געווען און אַזוי וועט תמיד זיין, כל־זמן אידן וועלן זיין אויף דער וועלט, און דער וואָס זיצט אין הימל וועט זיי קיין לייכטע חיונה ניט געבן, ווייל זיי האָבן געזינדיקט און נישט אויסגעפאָלגט זיינע הייליקע מצוות...

אַזוי גייט אַריבער דער ערשטער טאָג אין וואָך אין זוכן פאַרדינסטלעך און אין גרייטן זיך צו מעשים, אין זוכן אַ גמילות־חסד. די טויערן זיינען נאָך ניט געשלאָסן, אַדרבה, זיי זיינען נאָר וואָס געעפנט — אַביסל חלה איז דאָך נאָך געבליבן פון שבת. דאָס וואָכעדיקע דאַווענען מיט דער „שמונה־עשרה" זיינען ווידער ניי, אין שטוב הערשט נאָך די ריינקייט פון שבת און אין די „חדרים" איז נאָך דערוויל דער לימוד ניט שווער. די מלמדים זיצן און קראַצן זיך די קעפּ און געדענקען ניט מיט וואָסער שורה פון דער סוגיה זיי האָבן לעצטע וואָך געענדיקט און די תלמידים בויגן די קעפּ און קוקן אָן חשק אַריין אין די אָפענע גמרות; און רש"י, פון איין זייט און תוספות פון דער צווייטער — זיינען זיך מפלפל איינער מיט די אַנדערע.

און אָט קומט אָן דער מאָנטיק. דער לימוד דערוואַכט אין פרק „המפקיד" און דיני־ממונות און שבועה און טרפה און גיד־הנשה — אַלץ מיט גרויס חריפות, מיט ראיות פון מהר"ם און מהרש"א. און אין מאַרק גייט שוין אָן דער האַנדל־וואַנדל אין פולן ברען, אַלץ קויפט און פאַרקויפט, מעקלערט, לייגט־פאַר, איינער יאָגט זיך נאָכן צווייטן, איינער פאַרלויפט דעם צווייטן דעם וועג. מסחר האָט דערוואַכט ניט אויף געלעכטער, און אויך די פוילע בעלי־מלאכות האָבן זיך גענומען פלייסיק צו דער אַרבעט. ניטאָ קיין קראָם וואָס זאָל ניט וואַרטן אויף קונים און ניטאָ קיין ווינקל אין מאַרק און אין שטאָט, וואָס זאָל ניט באַלאַגערט ווערן פון הענדלער, מעקלערס, שדכנים און טעלערלעקער. איטלעך מויל רעדט, יעדע האַנט באַוועגט זיך, יעדער פינגער מאַכט רינגען אין לופט, רעדט אייך, וויזט אויף און איבערצייגט אייך. דאָס פאַרדינען פון קערבל איז אַ זייער־זייער איידעלע זאַך און אַפילו אַ גראָשן האָט אויך זיין ווערט. אַלץ רעכנט זיך צונויף אין אַ חשבון; אַלץ וואָס ס'ווערט אָפּגעצויגן פון אַ צווייטן און קומט אַריין ביים נעמער אין קעשענע איז גוט און וועט צוניץ קומען און יעדע פאַלשקייט און פאַררעדן די ציין אין האַנדל, מאַכט נישט אויס פיל צי ווינציק, שטאַרקט דאָס האַרץ פון אַ מענטשן און מאַכט אים האָפּערדיק.

פאַר אייך, רייכע מענטשן, צי זינדלעך פון רייכע, וואָס ליגן אויס־געצויגן ביז אַ שטיק אין טאָג אויף די געלעגערס און עסן ברויט מיט פוטער, פאַר אייך איז דאָס לעבן לייכט. אָבער פאַר יענע וואָס אַרבעטן מיטן שוויס

פון זייער פּנים און ווייסן ניט ווי אַזוי צו פּאַר דאגה'ן זייער שטיקל ברויט — פּאַר זיי איז שוין דאָס גאָר אַן אַנדער ענין.

אויפן דריטן טאָג אין וואָך זיינען שוין אַלע צווייגן פון מסחר און אַרבעט פאַרכאַפּט און ווערן געשלעפּט און געצויגן פון אַלע זייטן. יעדער איינער רייט אויפן צווייטנס פּלייצע, קלעטערט אים אויפן קאָפּ, קריכט אַריין אין יענעמ'ס געדערים און נאָגט דעם דם־התמצית פון יענעמס לעבער. יעדן איינעמס האַנט איז ביים צווייטן אין גרגרת און אין צווייטנס ברויט. קיינער זאָגט קיין וואָר וואָרט ניט, און אַז אַפילו אַ מענטש שווערט זיך ביי זיין לעבן און ביי זיינע נאָענטע און אייגענע, ביי זיין באָרד און פּיאות און ביי אַלץ וואָס ס'איז אים הייליק — איז דאָך אַלץ קיין מינדסטער ספק ניט, אַז אַלץ איז כזב ושקר. און דאָס איז ניט סתם עפּעס פאַלשקייט — דאָס ווערט געטאָן צוליב פּרנסה, צוליב אַ פאַרדינסטל, פאַרן ביסל מינץ וואָס איז אין יענעם מאָמענט זייער בייטיק, און דער מענטש קען זיך אָן דעם ניט באַגיין... אין די חדרים און די קלויזן שטייט אַצינד דער פּלפּול אין סאַמע ברען, איין ענין ווערט צוגעשלעפּט צו אַ צווייטן ענין, און אייך זאַך ווערט פאַרגליכן צו אַ צווייטער זאַך. דער שכל ווערט קרום, די מוחות זיינען צע־פּלאָמט און די האַנדלונג איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט און פאַרדרייט, אַז די לערנער קענען שוין מער זייערע הענט און פיס ניט געפינען. וואָס איז שייך? די תורה איז טיף און דער תלמוד איז „טיף שבטיף" און די מפרשים רייסן ממש בערג אויס. און אַלץ דאָס ווערט געטאָן צוליב דעם לימוד און כדי צו שאַרפן דעם שכל און כדי צו פּטר'ן צייט, וואָס קומט און גייט און שטראָמט אָן אַן אָפּשטעל...

און אָט קומט אָן דער מיטוואָך. די מוצלחים און די בעלי־מזל האָבן שוין אויסגעכאַפּט זייער חלק פון דער גייענדיקער וואָך און די לאָ־יוצלח'ס און שלימזל'ניקעס — זיי וועלן שוין ניט געהאָלפן ווערן, אַפילו ווען זיי וועלן זיך צערייסן מיענדיק. אין דעם דאָזיקן טאָג לייגן זיך שוין אויפן מענטשן סימנים פון מידקייט און פאַרמאַטערטקייט. ס'ווערט אָפּגעשוואַכט דער טומל פון מאַרק און פון די קראָמען, און דאָס אייגענע קומט פאָר אַפילו אין די חדרים. די גוטע תלמידים ווייסן שוין דעם שעור אויף אויסווייניק; און די גראָבע קעפּ, וואָס וועט זיי שוין העלפן, אַז זיי וועלן אַפילו זיך ברעכן ווייטער די קעפּ? אין דעם דאָזיקן טאָג ווערט אין מערסטע אידישע הייזער געקאָכט קאַרטאָפל, געפּרעגלט אין אייל, מיט אָנגעשניטענע באַזאַלצטע צי־בעלעס פאַר אַ פאַרשפּייז און רייז מיט צוקער פאַר אַ נאָכשפּייז. דאָס איז שוין אַ סימן פון זאַטקייט און אַ שטיקל נחת־רוח פאַר די פאַרדינער; און די ניט־פאַרדינער, ס'הייסט, יענע וואָס האָבן נאָך ביז איצט ניט פאַרדינט זייער פּרנסה פאַר דער וואָך — דאַרפן זיך דאָך שטאַרקן און קרעפּטיקן, פיזיש און גייסטיק, זיך אויסשלאָפן — האָבן נאָך סיי די, סיי יענע די גאַנצע

וואָך זיך נאָך ניט אויסגעשלאָפן ווי געהעריק. די — ליגן אויף די בעטן אונטער דער קאָלדרע און רעכענען און חשבונ'ען רובל צו רובל, וואָס זיי האָבן אין מזומן און וואָס זיי דאַרפן נאָך איינגיכן אַריינקריגן. און די — ליגן און רעכענען וויפל עס פעלט זיי און זיינען בודק אין דער פינצטערניש פון נאַכט אַלע לעכער און שפּאַלטן פון זייערע קעשענעס. דער ענין פּרנסה לאָזט זיי ניט אָפּ אַפילו אין דער צווייטער אַשמורה פון דער נאַכט.

און אַז דו כאַפּסט זיך אויף דאַנערשטיק אין דער פרי און דו עפנסט די אויגן און וואַשסט די הענט — שפּאַרט זיך תיכף אַריין דורך די פענצטער די דאגה, פונוואַנען נעמט מען אויף שבת? די הכנות און באַדערפעניש פון שבת פאַרנעמען איצט דעם גרעסטן פּלאַץ אין אַלע אידישע הייזער. דער שבת איז ניט קיין טאָג פון אַרבעט און ריווח — אַדרבה, גאָט האָט באַפוילן צו רוען אין שבת'דיקן טאָג און ניט צו טאָן אין אים קיין שום אַרבעט — און שבת איז אַ טאָג פון הוצאות, גרויסע הוצאות. מ'דאַרף חלה, מ'דאַרף פיש און פליש, מ'דאַרף ווייַן אויף קידוש; מ'דאַרף אַזויפיל און אַזויפיל אייער, אַזויפיל סאָרטן מעל, און אַפילו פירות און עפּלקוואַס פאַר עונג־שבת. דערפאַר איז קיין וואונדער ניט, אַז דאַנערשטיק קומט ווידער אויף אַ מיען זיך און יאָגן זיך נאָך אַ פאַרדינסטל. און דאָס איז שוין ניט סתם קיין מיעניש, אַ מיעניש מיט כשר'ע פיינע מיטלען — נאָר אַ מין כאַפּעניש פון די הענט. און ווען מ'שעמט זיך ניט פאַר מענטשן — וואָלט מען זיך געשטעלט אין די גאַסן גזלנ'ען; מ'וואָלט אומגעשליידערט דעם חבר אינמיטן גאַס און אים אויסגעטרייסלט די קעשענעס. וואָס איז שייך? ביי יענעם אין די הענט קלינגען אַ סך מטבעות און דיינע הענט זיינען ליידיק און האָסט ניט אויף שבת. ביי היינט איז שוין ניטאָ קיין שום תירוץ און קיין שום התנצלות, פון „גאָט וועט רחמנות האָבן" און, אויב ניט היינט איז מאָרגן. היינט מוז מען טאַקע שוין אויפן שטעל על־כל־פנים איינקויפן כאָטש אַ האַלבן שבת; און די ווייבער, אַפילו די בעסטע און שטילסטע, וויסן היינט ניט פון קיין שום רחמנות.

און אין די חדרים נעמט מען שוין איצט אַרונטער פון די טישן די שווערע פון שוויס דורכגעווייקטע גמרות און מ'נעמט זיך צום חומש מיט רש"י. משה'ס רייד צו דער גאַנצער עדה פון די בני־ישראל, און אַפילו גאָטס רייד צו אים און צו אהרנ'ען — זיינען ניט אַזוי שווער, ווי רבי ישמעאל און רבי עקיבאַ'ס רייד. דו פאַרשטייסט אין חומש איטלעך וואָרט און דאָס רוב אַפילו אָן רש"י'ס הילף. וואָס איז שייך? קיין האַרבע קשיות זיינען אין חומש ניטאָ, און אויב אין דער פּרשה שטייט אַזוי און אין אַ צווייטער פּרשה שטייט אַנדערש — איז דאָך אין דער תורה ניטאָ קיין מוקדם ומאוחר און ס'איז דאָך אויך פאַראַן אַ כלל און אַ פּרט און אַ גזרה־שוה. אַזוי זיצט מען און מ'לייענט אין חומש מיט אַ לייכט האַרץ; און די רביצן קומט איטלעך

מאָל אַריין, קומט צו צום טיש וואו דער רבי זיצט און מאָנט פאַר אַלעמען אין די אויגן געלט אויף צו מאַכן שבת. דער שבת איז וויכטיקער פאַרן חומש, און דאָס איז שוין אין דער בחינה פון אַ קליינער חתונה, אָדער קנס־מאָל אין הויז. דער עיקר איז, די באַציאונג צווישן גאָט־ברוך־הוא און ישראל, איז ווי די באַציאונג צווישן חתן־כלה. גאָט האָט געקויפט זיין פאָלק און דאָס פאָלק איז צו אים פאַרקויפט, און דער טאָג פון שבת איז דאָס אָנטאָן פון פינגערל. איך רייד ניט מיט משלים, נאָר ס׳איז טאַקע אַזוי באמת, פשוט־פשט.

און אין יענער נאַכט, די נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק, זענען שוין די ווייבער אויך ניט קיין שלאָף. זיי זיינען וואַך ביז נאָך האַלבער נאַכט, פאַרנומען מיט קנעטן חלה, האַלטן אַן אויג, אַז די טייג זאָל ניט איבער־לויפן די מולטער. און יענע טראַכטן, ווי אַזוי איינצושטעלן די מאָרגנדיקע אַרבעט, אַז אַלץ זאָל אַרויסקומען פיין און געראָטן. דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן וועגן די הייזער, וואָס האָבן שוין אויף דער שבת׳דיקער הוצאה; אין אַ סך הייזער אָבער פעלט נאָך גאָר אַ סך און די שווערע דאגות קומען אויף די בעטן, קריכן אויף די גופים און אין די קעפּ און טאַטשן ממש ווי די ווערים... די זאַך איז גאָרניט אַזוי פשוט! מאָרגן איז ערב־שבת און דו האָסט נאָך ניט אַלץ וואָס דו באַדאַרפסט אויף שבת. וואו וועסטו נעמען געלט? ביי וועמען וועסטו קריגן צו לייען כאָטש אויף דאָס נייטיקסטע? וואָס פון די זאַכן אין שטוב קענסטו פאַרמשכנ׳ען?

זאָל איך נאָך שילדערן דעם ערב־שבת גופא? — אַ טאָג אין וועלכן ס׳רעש׳ט און טומלט זיך ביי אַלע אידישע קינדער איבער דער גאָרער וועלט; און אַלע מעשים פון יענעם טאָג פון אָנהייב ביזקל סוף, זיינען שוין לאַנג פאַרשריבן אין די פּאָעטישע מעמוּאַרן אונדזערע. אין דעם דאָזיקן טאָג באַקט מען און מ׳קאָכט, מ׳גרייט צו פיש און עופות, מ׳דריקט אויס ראָזשינקעס און מ׳שאַרפט מעסערס, מ׳שניידט נעגל; מענטשן טונקען זיך אין וואַרעמע בעדער און פאַרען אויס דעם שווייסיקן גוף, וואָס האָט זיבן טעג נאָכאַנאַנד ניט געהאַט אויף זיך קיין טראָפּן וואַסער. דערצו קומט צו די טרדה פון אויפראַמען דאָס הויז, וואַשן די פענצטער, שייערן די טישן, די בענק, אויס־שמירן די פּאָדלאָגע און ווענט מיט ליים. אין פשוטע ווערטער: אַ גרויסע צוגרייטונג פאַרן מלך מלכי המלכים. צו די אַלע מלאכות דאַרף מען נאָך צורעכענען די קולות און געשרייען צווישן מאַן און ווייב, צווישן מאַמע און טאָכטער, צווישן שוויגער און שנור. דער טאַטע בייזערט זיך אויף די בנים, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון חדר און צוזאַמען מיט דעם אויך דעם יאָך פון דרך־ארץ. אַ פרוי שרייט אויף איר טאָכטער, למאי זי האָט אַראָפּגעשטעלט די שיסל אָדער דעם קרוג אויף דער פּאָדלאָגע און ניט אויף דער באַנק. אַפילו די קאַץ ווערט אַרומגעיאָגט פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן. און פאַרגעסט ניט די סתם אָרעמע לייט, וואָס גייען נאָך איצט אום

איבער די הייזער. און פאַרגעסט ניט אַלע שווערע דאגות פון די לעצטע גייער, וואָס מוזן אין דער לעצטער מינוט אָנקומען צו אַ גראַשנדיקער הלוואה, צי נאָך אַ פאַרדינסטל, און קוקן אויס די אויגן אויף אַ נס פון הימל... אַזעלכע נסים טרעפן זיך אַפילו פרייטיק נאָך האַלבן טאָג און נאָך אַ שעה־צוויי איידער ס'שליסט זיך דער טויער פון אינדערוואַכן. דער און דער האָט ניט געהאַט קיין ליכט אויף צום בענטשן, ס'האָבן זיך געהאַט אויסגעלאָזט אַלע האָפענונגען — און דאָך ברענען ליכט אויף זיין טיש, ווען דער אָוונט פאַלט צו.

„און ס'איז געוואָרן ליכט!" ליכטיק אין דער אידישער מחנה, ליכטיק ביי די קינדער פון גאָט. די טישן זיינען געגרייט, אַלע גופים זיינען באַקליידט אין זיידנס און טוך. אין די קלויזן און בתי־מדרשים לויכט שוין דאָס ליכט פון דער שכינה. תפילה און געזאַנג ווערט געהערט, און געפילן פון סליחה און מחילה פילן אָן איטלעכן האַרץ. ווער וועט דען איצט מקנא זיין דעם צווייטן? ווער טראָגט איצט אַ שנאה צום אַנדערן? ווער איז איצט עמיצן עפּעס שולדיק? אַ אידישער מענטש גאַרטלט זיך איצט אונטער מיט זיין גאַרטל, שטעלט זיך ביי זיין שטענדער מיטן סידור אין האַנט. און דעם סידור האָבן מיר דאָך בירושה פון די אַנשי כנסת הגדולה... שבת צו גאָט און צום פאָלק פון זיין בונד! מיר זיינען די קינדער פון אברהם זיין ליב־האָבער און זיין שוץ איז איבער אונז תמיד. גאָט האָט געהייליקט דעם זיבעטן טאָג אויף אַלע דורות — און די שאָטנס צעגייען. אַלע דאגות פון וואָכעדיקע טעג זיינען אַוועק און דער קאַמף פאַרן קיום פון אידישן פאָלק אי'ז צעפלויגן אין דער לופטן. אַ טאָג פון קדושה און רו, אַן אָפּרו פון דעם שווערן יאָך פון פרנסה. דער טיש איז געגרייט פאַר אַלעמען. עסט פונעם בעסטן און טרינקט פונעם שענסטן. עסט און טרינקט און בענטש דעם טאָג פון גאולה!

## יהודה שטיינבערג

## „ברכי נפשי" און „פרקי־אָבות"

און איך בין דאַן געווען אַ דרייצניעריק אינגל, וואָס פלעגט באַגינען אַוועק אין חדר און פאַרזיצן דאָרט ביז שפּעט אין אָוונט. פלעג לערנען גאָטס תורה און קומען אַהיים בייטאָג איבערצוכאַפּן ס'האַרץ און ביינאַכט — איבער־שלאָפן. דורך דער גאַנצער וואָך פלעג איך זיין אין דער היים אַ צופעליקער גאַסט, אַ היימישער אין שטוב פלעג איך זיין בלויז פון פרייטיק נאָך האַלבן טאָג. דעמאָלט האָט מען אונדז, קנעכט, גאָטס קליינע קנעכט, אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי ביז מאָרגן נאָך האַלבן טאָג.

שבת נאָך האַלבן טאָג פלעגט דער רבי צונויפנעמען זיינע תלמידים; ווינטער האָבן מיר געלייענט „ברכי נפשי" און זומער — געזאָגט „פרק",

דורך די ווינטערדיקע שבתים פלעגט אונדז דער רבי ניט צונויפ־
נעמען ביי זיך אין שטוב — נאָר אין אַלטן בית־מדרש. צווישן אַלע אַנדערע
זאַכן מיט וועלכע דער דאָזיקער בית־מדרש האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע
אַנדערע שולן, איז געווען אויך דאָס, וואָס דער שמש פון בית־מדרש איז געווען
אַ ניט קיין באַוויבטער און ער האָט ניט באַדאַרפט גנב'ען פון קהל'שן האָלץ
— דעריבער איז דאָרטן געווען וואַרעמער ווי אין אַלע אַנדערע שולן.

דער הויפט־מאַגנעט וואָס פלעגט ציען דעם רבי'ן פון שטוב צום בית־
מדרש, איז געווען די באַנק לעבן אויוון. אָבער ניט תמיד האָבן מיר זוכה
געווען צום דאָזיקן געהויבענעם פּלאַץ: על־פּי־רוב פלעגט זיך דער שמש
מקדים זיין און זיך אויסציען אויף דער באַנק אין פולער לענג, זיך צעלייגט
ווי ביים טאַטן אין ווייגאַרטן און געכראָפּעט. די גרעסערע אינגלעך פון חדר
פלעגן זיך באַרימען, אַז זיי קענען אַן שמש'ס כראָפּ דערקענען, וואָס פאַראַ
מין סעודה ער האָט יענעם שבת געגעסן: אויב ער האָט געגעסן ביי אַ גבירישן
טיש, איז דאָס כראָפּען געווען אַ שווערס, אַ גראָבס, און האָט פול געמאַכט
דעם גאַנצן חלל פון בית־מדרש; אויב אָבער ער האָט געהאַלטן שבת ביי
אַ איד אַן אָרעמאַן — איז דאָס כראָפּען געווען אַ דינס, אַ לאַנגס, אַ מין זיפץ...
ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פון שלאָף דערציילט אַ מעשה פון אַן אָרע־
מאַנסקן לעבן.

אָבער אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז די באַנק פלעגט אַריינפאַלן אויף
אונדזער חלק און דעמאָלט איז דער רבי געזעסן מיט אונדז לענגאויס אין
איין שורה, מחמת, דער רבי האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם וואַרעמען אויוון,
וואָס איטלעך מאָל וואָס דו גיסט אים אַ טאָפּ געפינסטו אין אים אַ באַזונדערן
טעם און אַ מחיה'דיקן תענוג.

און מיר לייענען: „לויב, מיין נשמה... ער וויקלט זיך אין ליכט ווי
מיט אַ קלייד... זיי שטייגן אויף בערג, נידערן אַרונטער אין טאָלן...
דער וואָס שיקט קוואַלן אין די טייכן... אויף זיי רוען די פייגל פון הימל,
פון צווישן די צווייגן גיבן זיי אַרויס אַ קול... די צעדערן פון לבנון וואָס
ער האָט געפלאַנצט... דאָרטן נעסטלען פייגל"...

און אין דרויסן ברומט דער ווינט מיט אַן עלטערלעכן רוגז: „דאָס
קלייד פון ליכט" אין הימל איז גרוי, פאַרפלעקט... די פענצטער זיינען
פאַרקאָוועט מיט שניי און אייז, באַמאָלט מיט ביימלעך און מיט קליינע צע־
דערן, נאָר די פייגלען פון הימל טוען אין זיי ניט רוען... ס'טרעפט, אַז די
זון קוקט אַריין אויף אַ רגע דורך די פענצטער — האָט זי אַ פּנים, ווי זי בעט
זיך מען זאָל זי אַריינעמען אין בית־מדרש אַריין, מ'זאָל איר געבן אַ פּלאַץ
לעבן אויוון, זיך אַביסל אָנוואַרעמען...

און דער אויוון שלאָגט מיט וואַרעמקייט און שפּרייט אויף אונדז אַ
ליבן דרעמל. די אינגלעך גענעצן... דער רבי פאַלט אויף דער נאָז, אַזוי

ווי ביים וואָכעדיקן תחנון... „זאָגט, זאָגט!" — רופט ער אַ פאַרשלאָפענער: „אַ פסוק נאָך אַ פסוק, איינער נאָכן אַנדערן!"

און איך גיי איבער אין אַ צושטאַנד צווישן וואַך און דרימל...

און איך זע זיך אַליין צווישן הויכע בערג... און אויף די בערג בייגן די געטלעכע צעדערן איבער מיר זייערע קעפּ... און די פייגלען פון הימל סוד'ן זיך איבער מיר... רופן צו מיר פונצווישן די בלעטער... און פון די בערג אַרויס ריזלט און פליסט אַ קלאָרער טייך, אַ ריינער ווי זילבער, שטיפט און צעוואָרפט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס איבערן גרינעם טאָל... און אויף די ברעגעס טאַנצן און שפּרינגען קליינע חיה'לעך און גרויסע חיות... און איך טאַנץ און שפּרינג מיט זיי צוזאַמען, איך שפּרינג אַרויף און רייט אויף איינער אַ גרויסער חיה... איך ציי אַ צווייטער חיה פאַר די אויערן... דריק צו דעם עק פון אַ דריטער... אָבער זיי טוען קיין שלעכטס ניט און זיי בייסן ניט: צי דען קענען זיי מיר טאָן עפּעס שלעכטס — אַז זיי האָבן אַ גרויסן גוטן גאָט איבער זיך, וואָס האַלט אָפן זיין האַנט און זעטיקט יעדן איינציקן פון זיי מיט זיין גוטן ווילן?!

היינט דאָרטן... סאַראַ ריינער ליכטיקער הימל! און דער הימל איז גאָר קיין הימל ניט — נייערט, אַ קלייד... אַ קלייד פון ליכט! און די ערד אונטן איז גאָר קיין ערד ניט — נייערט אַ גרינער טעפּיך, און די וואָלקנדלעך אין הימל זיינען פליגלדיקע פערדלעך, געשפּאַנט אין אַ ליכטיקער קאַרעטע, וואָס שוועבט אין דער לופטן...

דעם רבינ'ס קול וועקט מיך פון דרימל. איך כאַפּ מיך אויף און הער איינעם פון די אינגלעך זאָגן: „מאַכט שפּראָצן גראָז פאַר דער בהמה" — און איך טו אַ קוק צום פענצטער און זע שניי און אייז...

„וויי" — זיפץ איך מיך אָפּ און בענק נאָך די גרינע פעלדער, נאָך די פייגלען, נאָך אַ לויטערן הימל, נאָך די זילבערנע טייכן. „וויי, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צום דאָזיקן ווינטער?"

אָבער סוף־כל־סוף גייט דער ווינטער אַוועק און ס'קומט אָן פרילינג. די פרייע שוועלבעלעך קומען צוריק צו זייערע נעסטן, און מיר — מיר, גאָטס קליינע קנעכטעלעך, גייען צוריק אין חדר אַריין.

און יעדן שבת נאָך האַלבן טאָג נעמט אונדז דער רבי צוזאַמען ביי זיך אין שטוב צו זאָגן „פרק".

און דעם רבי'נס שטוב דעמאָלט זעט אמת'דיק ניט אויס ווי אַ חדר. די ווענט זיינען אויסגעקאַלכט. די פּאָדלאָגע איז באַשאָטן מיט געלן זאַמד, דער לאַנגער טיש איז צוגעדעקט מיט אַ טישטעך. אַלץ איז ריין, אַלץ איז ציכטיק. אַ געמישטער ריח פון ציבעלעס און קנאָבל און טשאָלנט און היץ — יאָגט אָן אויף אונדז אַ פוילקייט. אויך דער רבי איז היינט ניט אינגאַנצן „רבי": זיין שטערן גלאַנצט, די באַקן זיינען צערויטלט, די אויגן זיינע

זיינען גאַר קלענער געוואָרן הײנט... און אונדז דוכט זיך, אַז ער שמייכלט... ביין, די דאָזיקע שטוב איז ניט קיין „חדר“ הײנט, אָבער קיין „וואַלד און פעלד“ איז זי פונדעסטוועגן אויך נישט.

„קוק זיך צו צו דרײ זאַכן“ — זאָגט דער רבי אָפּיר און מיר ענטפערן אָפּ נאָך אים — „און דו וועסט ניט קומען צו קיין עבירה: ווייס, וואָס ס׳איז הויך און איבער דיר“...

און איך ווייס, אַז הויך איבער מיר איז פאַראַן אַ הויכער הימל, אַ ליכטיקע זון, פריילעכע שטערנדלעך און אַ פולע לבנה...

און אונטן — אוי, ווי גוט ס׳איז איך טאָל! ווי גוט ס׳איז צו ליגן אויסגעצויגן ביים טײַך... אַרײַנצוקוקן אין אונטערשטן הימל, וואָס געפינט זיך אין טײַך...

אָבער דער פּרק זאָגט, אַז אויבן איז פאַראַן „אַן אויג וואָס זעט און אַן אויער וואָס הערט און אַלע דײַנע מעשים ווערן פאַרשריבן אין אַ בוך“.

אָבער, צי דען האָב איך געטאָן אַ ניט קיין שיינע זאַך? צי דען וויל איך דען טאָן עפּעס אַזוינס וואָס איז ניט שיין? איך וויל דאָך בלויז ליגן אויסגעצויגן אויפן ברעג טײַך.

דער רבי ענדיקט דעם פּרק און שיקט אונדז פאַנאַנדער, פרײַ פון חדר. איך באַהאַלט זיך פון טאַטנס אויג און לויף שטילערהייט צום טאָל... איך שפּיר אונטער די פיס דאָס גרינע גראָז, און הייב אָן טאַנצן און שפּרינגען ווי אַ ציגנבאָק, אָן אַ ברעקל בושה פאַר זיך אַליין, פאַר אַ דרייצן יעריק אינגל וואָס לייגט שוין תפילין, וועלכן מ׳איז שוין מצרף צו אַ מנין, ווי אַ פאָלנעם מענטשן.

און אי־ך צי מיך אויס ביים טײַכל און קוק אַרײַן אין וואַסער... און די זשאַבעס האָקן איבער זייער שמועס, הייבן אויף זייערע קעפּ און קוקן מיך אָן. מיר דוכט זיך, אַז זיי האָבן דערקענט אָן מיר, אַז איך בין אַ „בעל־סוד“ און זיי קענען ריידן פאַר מיר וואָס נאָר זיי ווילן... און זיי ריידן, גראַגערן צווישן זיך... און דער טײַך הערט און וואונדערט זיך... און קנייטשט זײַן פּנים פון התפּעלות.

קאַר־קוררר! קררר! אָבער איך פאַרשטיי גאָרנישט ניט, וואָס דער־ציילן זיי? אַלץ וואָס איך האָב, אַלץ וואָס כ׳האָב געהאַט, וואָלט איך דעמאָלט אַוועקגעגעבן, ווען עמיץ וואָלט מיך אויסגעלערנט פאַרשטיין זייער שפּראַך.

אָבער שאַ! דאָרטן, פון צווייטער זייט טײַך, אין וואַלד קעגנאיבער — האָט איינע אַ פייגל אַרויסגעשאָלט אַ „תקיעה“... און אַ צווייטע האָט אָפּ־געענטפערט מיט אַ „שברים תרועה“... איינע פרעגט און איינע ענטפערט... אַלץ שווייגט, אַלץ האָרכט און פאַרנעמט... אי־ן דער צווייטער רגע — טוען זיך אַ באַוועג די צווייגן פון דיביימער... און די הײשריקן גייען אַרויס אין טענץ... און די כוואַליעס פון טײַך שמייכלען, לאַכן... און איך וויל אויך

לאַכן, שפּרינגען, זינגען — אָבער כ׳שעם זיך צו עפענען ס׳מויל... דאָ, צווישן די דאַזיקע זינגער!...

„וואָס דאָרטן נעסטלען פייגלען... פונצווישן צווייגן גיבן זיי אַרויס אַ קול״...

און איך זוך דעם גרויסן און דעם גוטן גאָט, וואָס עפנט זיין האַנט און „זעטיקט יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש מיט ווילן״ און איך קוק אין דעם גרויסן, לאַנגן, ברייטן הימל... און איך ווייס, אַז דאָרטן איז גאָט און איך האָב אים זייער, זייער ליב.

און פּלוצים פאַרכאַפּט מיך אַ געוואַלטיקער באַגער אַריינצודרינגען אין דאַזיקן הייליקן לאַנד, וואו עס נעסטלען די פייגל פון „ברכי־נפשי״; און כ׳האָב שוין געהאַט אויסגעטאָן די שיך און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די זאַכן, גרייט אַריינצושפּרינגען אין טייך.

„און אַלע דיינע מעשים ווערן אין בוך פאַרשריבן״ — האָב איך מיך ניט־ווילנדיק דערמאָנט.

צי דען מעג מען שבת זיך באָדן אין טייך? און פּלוצים האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די קעפּלעך פון די זשאַבעס וואָס קוקן אַרויס פון טייך, זיינען ניט קיין קעפּלעך פון זשאַבעס, נאָר שאַרבנס, וואָס שווימען איבערן וואַסער, און די פייגלען זינגען ניט, נאָר זיי שרייען אויס: „על דאטפת אטפוך!״

און איך שרעק מיך און האָב מורא פאַר גאָט... און טו מיך צוריק אָן מיינע זאַכן... און מיין מורא פאַר גאָט האָט פאַרטריבן מיין ליבשאַפט צו גאָט „וואָס עפנט זיין האַנט און זעטיקט יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש מיט ווילן״...

און באַלד דערמאָן איך מיך, אַז דאָרטן, אין אַלטן בית־מדרש ווערט מיך דער טאַטע אַרומזוכן מנחה דאַווענען, און אויב ער ווערט מיך ניט געפינען — ווערט מיך שוין מער ניט פעלן.

און די מורא פאַרן טאַטנס שטראָף האָט אַרויסגעטריבן פון האַרצן די מורא פאַר גאָט... און איך לרייט מיך שוין פאַרויס אויסצוטראַכטן אַ ליגן, אַז איך בין ביז איצט געווען אין חדר...

און איך אייל מיך און לויף צוריק. איך קום אַריין שטילערהייט, שטופּ זיך דורך די דאַווענער, און בין זיך משתדל, אַז דעם טאַטנס אויג זאָל אויף מיר פאַלן... דער טאַטע, דוכט זיך, זעט מיך ניט... ס׳איז אַ סימן צו גוטן.

מיר גייען צוריק אין שטוב — עסן שלש־סעודות. דער טאַטע זינגט זמירות. „אל מסתתר בשפריר חביון״... און אין מיין האַרצן וועקט זיך אַ בענקשאַפט צום גאָט וואָס איז פאַרבאָרגן.

נאָך הבדלה רופט מיך דער טאַטע צו: קום נאָר אַהער, פיינער בחור, וואו ביסטו דאָס דעם גאַנצן טאָג פאַרפאַלן געוואָרן?

דאָס האַרץ אין מיר ווערט אָפּגעשטאָרבן: ס'איז ניט קיין גוטער סימן פאַר דער גאַנצער וואָך.

אויפן קומענדיקן שבת — טראַכט איך שוין ניט מער וועגן טייך. מיר זיצן ביים רבי'נס טיש מיט די אָפענע סידורים. נאָר דער רבי האָט זיך געגעבן אַ היתר צו כאַפּן אויף אַ רגע אַ דרעמל פאַרן פּרק־זאָגן.

און איך בלעטער מיין סידור און וויל אויסמעסטן פאַרויס די לענג פון פּרק — און פאַר די אויגן לויכט אויף דער „פּרק־שירה".

אויך דאָס איז אַ „פּרק", אָבער אַ „פּרק־שירה"... פאַרוואָס לייענט ניט דער רבי מיט אונדז דעם דאָזיקן פּרק?

די פראָש זאָגט: „ברוך שם כבוד מלכותו"!

אוי, האַרץ מיינס — איצט ווייס איך, וואָס זיי האָבן דעמאָלט גערעדט.

דער פויגל וואָס זאָגט: „אויך דער פויגל האָט זיין הויז און דער שוואַלב זיין נעסט."

„וואָס דאָרטן נעסטלען די פייגלען... פונצווישן די צווייגן גיבן זיי אַרויס אַ קול"...

ווי וואָלט איך ליב געהאַט דעם רבי'ן, ווען ער וואָלט דעמאָלט געלייענט מיט אונדז „ברכי־נפשי", און מכוח „פּרקי־אָבות" וואָלט איך אים צוגעזאָגט בהן־צדק זיי צו לייענען אין די ווינטערדיקע שבתים.

## חיים נחמן ביאַליק

### א

## שבת אויפן דאָרף

פון איין זאַך האָט דער טאַטע געהאַט גרויס עגמת־נפש: פון דעם, וואָס אין דאָרף איז ניט געווען קיין באַשטענדיקער מנין און שבת און יום־טוב אָן תפילה־בציבור, פלעגט דער טאַטע זאָגן, האָט קיין אידישן טעם ניט. אַלע נפשות מאַנספאַרשוינען פון ביידע הייזער זיינען געווען זיבן. פיר פון אונדזער הויז: דער טאַטע, מיינע צוויי עלטערע ברידער און דער מלמד, און דריי פון זעליגס הויז. און זינט מיין ברודער איז אַוועק דינען זיינען געבליבן זעקס. דעריבער איז ביים טאַטן געווען אַ גרויסע שמחה, ווען גאָט האָט אים צוגעשיקט אורחים אויף שבת: פון די געהילץ־סוחרים, וואָס קומען אין וואַלד אַריין, צי פון די וואַלד־אַנגעשטעלטע, אָדער פון די אידן וואָס גייען איבער די דערפער, אַ קאַראַבעלניק, אַ גלעזער, און דאָס גלייכן. אַז אַזוינס האָט זיך געמאַכט — פלעגט דער טאַטע שיקן אָנזאָגן פּסח־איצי דעם מילכיקן, אַ פּשוט'ער איד אַ בעזדעטניק, וואָס האָט געוואוינט אַליין מיט זיין ווייב דער עקרה און זיינע מעלקעווּדיקע קי אין אַן אָפּגעלייגטן פאָלוואַרעק, אַ תחום־

שבת פון דאַרף. ער פלעגט זיך אויפהייבן באַגינען און קומען צו אונדז שבת־פרי אין הויז אַריין, געגאַנגען דורך גערטנער און לאַנקעס מיטן ווייסן טלית אונטער דער קאַפּאָטע, צו זיין אַ צענטער צום מנין. ניט ווייל ער איז געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט פון טראָגן אום שבת — די מערסטע ישוב׳ניקעס זיינען ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד ווען עס קומט צו מצוות־מעשיות, אלא ווי באלד מען איז שוין יאָ מקיים די מצוה פון תפילה־בציבור, דאַרף מען זי טאָן ווי געהעריק. בשעת־הדחק האָט מען צוגערעכנט צום מנין אַ קליין קינד מיט אַ חומש אין הענטל. אַז די מנינים זיינען געוואָרן אָפטער, האָט דער טאַטע אַראָפּגעבראַכט פון שטעטל אַ ספר־תורה, וואָס איז געשטאַנען באַהאַלטן אונטער אַ פּרוכת אין אַ קליין אָרון־קודש׳ל. די ספר־תורה איז איינגעשטאַנען אין חדר, וואו מיר האָבן געלערנט און געוואָרפן אויף אונדז, קליינוואַרג, אַ מיסטעריעזע הייליקע מורא. דאָס לייענען פון אונדזער מלמד מיטן ניגון און טראָפּ אין דער קליינער דאָרפישער עדה, וואָס איז געשטאַנען פאַרוויקלט אין טליתים און באַוואָפנט מיט ברילן און חומשים פלעגט וואַרפן אויף דעם שבת׳דיקן פרימאָרגן אין הויז אַ ליבע הייליקייט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אַפילו די קופערנע כלים, וואָס פינקלען געשייערטע אַרונטער פון גראַטקע שמייכלען צו אונדז מיט אַ שבת׳דיקן ליבן שמייכל, אין צווייטן חדר הינטער דער וואַנט פלעגט די מאַמע דעמאָלט שטיין אין איר ציכטיק שבת׳דיק קלייד און זיידענער פאַטשיילע, מיטן גראָבן סידור אין די הענט און אירע ליפּן שעפּטשען. די אויגן אירע זיינען פול מיט פריידיקע טרערן, וואָס זאָגן אומגעפער אַזוי: „אמת טאַקע, מיר לעבן פאַרוואָרפן אין אַ העק, מיר וואוינען צווישן גויים, אָבער דער ליבהאַרציקער דערבאַרימדיקער פאָטער אין הימל ווערט זיין פאָלק ניט פאַרלאָזן, ער האָט אונדז מיט זיינע גרויסע רחמים געגעבן דעם שבת און האָט געמאַכט רוען אין מיין הויז זיין ריינע הייליקע תורה". לכבוד אַזאַ שבת, ווען ס׳איז געווען אַ מנין אין הויז פאַר קריאת־התורה פלעגט זי פרייטיק מאַכן נאָך אַ קוגל און נאָכן דאַווענען מכבד געווען דעם עולם מיט לעקעך און בראַנפן און געשטעלט פאַר זיי שבת׳דיקע מאכלים. די אידן פלעגן טרינקען מיט קליינע זופּן, ווי זייער שטייגער איז, און צוואווינטשעווען דעם טאַטן און דער מאַמען: „לחיים יאָסי, גאָט זאָל געבן ישועות ונחמות אויף אידן און לחיים, איטע, גאָט זאָל געבן, דיין זון זאָל קומען צוריק אַהיים אינגיכן!" און די מאַמע פלעגט זיך אָפּזיפצן און ענטפערן: „אָמן. ווי דערלעבט מען עס שוין, רבונו של עולם?"

און אַמאָל פלעגט זיך מאַכן אַ שטיקל שמחה אין הויז, אַ קליינע יום־טוב׳דיקע סעודה. אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכט, ווען מ׳האָט געשאָכטן אַ קאַלב, צי גענז, און געפּרעגלט שמאַלץ, פלעגט אַראָפּקומען דער שוחט פון נאָענטן שטעטל, אַ איד אַ פּקח, ציכטיק אָנגעטאָן, מיטן ברייטן גאַרטל און מיטן פערלדיקן מויל. אַריינגעקומען אין הויז אַריין מיטן פוטערנעם בגד

און מיטן קעסטל חלפים און פֿאַרשמעקט דאָס הויז מיטן ריח פֿון שטעטלשער אידישקייט און גייסטיקער געהויבנקייט. לכבוד אַזאַ מין געשעעניש פּלעגן באַלד נאָך הבדלה, זיך צונויפֿקומען די מענטשן פֿון מנין: דער מחותן ר׳ זעליג מיט ווייב און קינדער, פּסח־איצי דער מילכיקער און זיין ווייב די עקרה, און אַ צוויי־דריי פֿון די וואַלד־שאַפּאַרעס, וועמען דער טאַטע האָט פֿאַרבעטן נאָך פֿון ערב־שבת. מ׳זיצט אַרום דעם זידנדיקן סאַמאָוואַר ביים טיש, מ׳טרינקט טיי און מ׳שוויצט. דער טאַטע און זעליג שפּילן „וואָלף און ציגעלע“ און דער מלמד שטייט איבער זיי און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געלערנט גמרא, און גיט ביידע צדדים אויף אַמאָל עצות. די וואַלד־שאַפּאַרעס — צום מיינסטנס פֿריילעכע לונג־און־לעבערס — מאַכן די ווייבער צו לאַכן. פּסח־איצי דער מילכיקער לאָזט ניט אַרויס דעם ליולקע־ציביק פֿון מויל און פּילט אָן דאָס הויז מיט רויך און עפּוש, און מיין עלטערער ברודער, אַ יודע נגן שפּילט אויפֿן פֿידל אַ שטיקל „חסידיש“, אָדער „וואָלעכיש“.

נאָר אָט האָט מען אַריינגעבראַכט דעם שוחט אין הויז אַריין — ברוך־הבא! גוטוואָך!“ — און אַלע מאַכן פּלאַץ פֿאַר אים אויבנאָן. נאָכדעם, ווי ער טרינקט אויס אַ צוויי־דריי גלאָז טיי און דערוואַרעמט זיך, גייט ער אַרויס מיט פֿאַרשאַרצטע פּאָלעס און מיטן בלישצנדיקן חלף — מראה גזלן — צו דער שטאַל, אָפּצוטאָן זייער רעכט דעם קעלבל און די געבונדענע גענדז. די הויפֿישע הינט דערהערן די געוואַלטן פֿון די גענדז און דאָס מוקען פֿון קאַלב, נעמען זיך קלייבן אַרום שטאַל און וואַרטן מיט געבייזער און אומגעדולד אויף זייער חלק אָפּפֿאַל, וואָס ווערט אַוועקגעוואָרפֿן אויפֿן מיסט. נאָך שחיטה און בדיקה קומט דער שוחט צוריק אין הויז אַריין, פֿאַרנעמט זיין פּלאַץ אויבנאָן, און ווי פֿריער, באַקומט ער צוריק זיין אידיש־שוחט׳ישן פּנים מיטן ברייטן גאַרטל און פֿיינעם חיתוך־הדיבור. די „וועלף און ציגעלעך“ ווערן פֿאַרוואָרפֿן אָן אַ זייט און אַלע לאָזן ניט אַראָפּ פֿון אים דאָס אויג. ר׳ גדי — אַזוי איז דעם שוחט׳ס נאָמען — זיצט אין זיין ריינער סאַמעטנער יאַרמולקע, פֿאַר־קאַטשעט איבער דעם ווייסן ברייטן גלאַנצנדיקן שטערן און דערציילט זיינע מעשיות. אַ מעשה פֿון אליהו הנביא, זכור לטוב! אַ מעשה פֿון רבי ישראל בעל־שם־טוב, זכרונו לברכה; און ווידער אַ מעשה פֿון שפּאָלער זיידן, זיין זכות זאָל אויף אונדז מגין זיין; און נאָך אַ מעשה פֿון אַ למד־וואָווניק... אַלע אַרום שוויַגן און שטרענגען זיך אָן ניט צו פֿאַרלירן קיין וואָרט. דער „רבי“ זיצט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, מיטן שיטער בערדל אין האַנט, שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געלערנט גמרא, און הערט זיך צו מיט גרויס כוונה, זיך אָפּ־זיפצנדיק ירא־שמים׳דיק אַלע פֿאַר מינוט. פּסח־איצי וויקלט זיך איין אין רויך פֿון זיין ליולקע, זיין היטל ווייט פֿאַרקאַטשעט איבערן שטערן. די וואַלד־אַנגעשטעלטע, אָט די דאָזיקע פֿרייע יונגען, זיינען פּלוצלונג געוואָרן ערנסט און איינע, אַ ווייבל אַ צנועה, איילט זיך צו פֿאַרשטעקן אַ ווידערשפּעניקן לאָק

האָר אונטערן טיכל. דער סאַמאָוואַר אַפילו זינגט אַביסעלע געלאַסענער און זשומעט שטילערהייט. שאַ! דעם שוחט'ס שמועס, אַ זיסער שמועס, געלאַסן און באַ'טעמ'ט, פליסט אַצינד בנחת מיט זיסע טראָפּנס און לייגט זיך אויפן האַרצן ווי אַ באַלזאַם, וואָס איז מחיה־נפשות. די וועלט, אויב אַזוי, איז נאָך ניט קיין הפקר־וועלט, דער שומר־ישראל, אויב אַזוי, דרעמלט ניט און שלאָפט ניט...

נאָכדעם די סעודה פון „מלווה־מלכה", וואָס איר אַנהייב איז משקה — בראָנפן און נאַליווקעס מיט גריוון, מיט פּופּקעס און געהאַקטע לעבער פון די געקוילעטע גענדז; איר מיטן — ווידער משקה מיט אַ קאַכעדיקן רויטן באָרשט, מיט געפילטע קנישעס; און צום פאַרבייסן — זמירות למוצאי שבת, מיין ברודערס שפּילן אויפן פידל און התלהבות'דיקע טענץ ביז אַ שפּראָץ אויף טאָג. פּסח־איצי דער מילכיקער, אַט דער איד דער שווייגער, וואָס האָט געשוויגן דורכן גאַנצן יאָר, פלעגט אין אַזאַ מין נאַכט פלוצלונג אַרויסשפּרינגען פון די כלים און קומען צו דער העכסטער מדרגה פון התלהבות. ער פלעגט טאַנצן און זינגען אין גרעסטן עקסטאַז, ביז כלות הנפש, און טאַנצנדיק וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע, זיין פּנים — אַ שטיק פייער, די אויגן — פאַרמאַכט, די הענט — אויסגעשפּרייט מיט רחמים און ברומט און שרייט אויפן קול: „ישראל עם קדושים, זאָל איך זיין אַ כפרה פאַר אייער מינדסטן נאָגל!" אָדער, מיט אַ געוויין: „אידן, בני רחמנים! לאָזט מיך גיין אויף קידוש־השם! האָט רחמנות, בינדט מיך און וואַרפט מיך אין פייער! אוי, אוי, ס'האַרץ ווערט פאַרברענט פון ליבשאַפט צו אידן!" — אַט אַזוי פלעגט ער טאַנצן און ברומען און וויינען ביז ער פלעגט אַוועקפאַלן אויף דער קאַנאַפּע, ווי אַ טויטער, און אויף מאָרגן פרי — באַגינען, ווי ער האָט זיך אויסגעניכטערט, פאַר'גנב'עט ער זיך צוריק ביי זיך אין הויז אַריין, צוריק צו זיינע קי און מילכיקס און ליולקע און פלעגט ווידער אַנטשוויגן ווערן אויף אַ שטיק צייט.

די מערסטע יום־טובים פלעגן אַוועק אין שטילער צנועה'דיקער פרייד, געמישט מיט אַ שטילן אומעט. דאָס זיין אָפּגעזונדערט איבערגעוואַלט פון דעם אידישן גוף, שפּירן די דאָרפסלייט זייער שטאַרק און דאָס האַרץ בענקט. די העלפט פון „לכם" ווערט אויסגעפילט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין: עסן, טרינקען, שלאָפן, גיין ליידיק — אָבער די צווייטע העלפט — פון „לאדוני" — איז אַ פאַרשטערטע. ניטאָ קיין בית־מדרש, ניטאָ קיין אידישער ציבור, ס'איז גאָרנישט ניטאָ. אַמאָל טרעפט, ס'איז ניטאָ אַפילו קיין מנין, ווייל דער מלמד פאָרט אַוועק אויף די יום־טובים צו זיך אַהיים, און אורחים זיינען אויך אַ זעלטנהייט, מחמת, וואו געפינט איר אַזאַ בלוטיקן אָרעמאַן, וואָס זאָל אויף יום־טוב ניט זיין ביי זיך אין דערהיים? און אַז ס'קלייבט זיך שוין יאָ צונויף אַ מנין מיט גרויס שווערקייט, וואָס פאַר אַ טעם האָט עס שוין

צו גיין הקפות מיט אַן איינציקער ספר־תורה? אָדער, מקיים צו זיין די מצוה פון לולב מיט אַן איינציקן לולב? גיין גוט־יום־טוב ביטן איז אויך ניטאָ איבעריקס צו וועמען, און קיין גרויסער טעם איז דערין ניט פאַראַן. דער מחותן זעליג און פסח־איצי קומען צו גאַסט צום טאַטן, פסח־איצי און דער טאַטע — ביים מחותן זעליג, דער טאַטע מיט זעליגן — ביי פסח־איצין און דערמיט לאָזט זיך דאָס אויס. מ'זיצט צוגאַסט אין שכנ'ס הויז, מ'קנאַקט ניסלעך און דיניע־קערלעך, מ'דערציילט זיך פאַרעלטערטע נייעסן, מ'פּויקט מיט די פינגער אויפן טיש און מ'גענעצט ביז די קינבאַקן טוען וויי.

אַז דער עלטסטער ברודער איז אַוועק דינען איז אין מאַמעס שטילן טרויער־בעכער צוגעקומען נאָך אַ נייער טראָפּן, וואָס האָט זיך געלאָזט שפּירן דערהויפּט אום שבת און יום־טוב. דער עולם אין הויז איז קלענער געוואָרן, מיין ברודעס פּידל איז געהאַנגען אויף דער וואַנט שטום און פאַר־לאָזן. דאָס ליידיקע פּלאַץ ביים טיש האָט אויסגעזען אין דער מאַמעס אויגן ווי אַן אַרויסגעריסענער צאָן אין סאַמע שפּיגל פון מויל, צי ווי אַן אָפּגע־האַקטער פינגער. ביים אויסטיילן די שבת'דיקע חלקים פלעגט זי אויפהייבן טרויעריקע אויגן אויף יענעם ליידיקן פּלאַץ און פלעגט איינהאַלטן אַ זיפץ, כדי ניט צו פאַרשטערן איר שבת, אָדער יום־טוב.

## ב

# די מאַמע בענטשט ליכט אויפן וועג

מיט זון־פאַרגאַנג זיינען די וועגענער צוגעקומען צו אַ וועלדל, אומ־געפער אַ האַלב־שעה פאָרן פון שטעטל. די מאַמע האָט זיך פּלוצלונג אויפ־געכאַפּט, פאַרריכט די פאַטשיילע אויפן קאָפּ, אַרויסגענומען אַ קליין פּעקעלע פון די פּעק, געבעטן אָפּשטעלן דעם וואָגן און איז אַרונטערגעקראָכן.

„וואוהין גייסטו?" — האָט דער טאַטע געזאָגט, זעענדיק, ווי זי פאַר־נעמט זיך צו אַ בערגל אין וועלדל. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין וואָגן אויך.

ליכט־בענטשן" — האָט די מאַמע געענטפערט.

קיינער האָט זיך ניט פאַרוואונדערט. היינט איז דאָך שבת און פסח צו־זאַמען און זי האָט קיין מאָל ניט פאַרפעלט צו בענטשן ליכט. אָבער קיינער האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז אפילו אין דער בהלה פון גירוש וועט זי ניט פאַרגעסן אָנצוגרייטן ליכט, טאָמער וועט פינצער ווערן אין וועג.

מיין ברודער שמואל האָט זיך געאיילט נאָך איר, איר באַהילפיק צו זיין. די וועגענער מיט זייערע אָנטרייבער די פויערים זיינען געבליבן שטיין אויפן אָרט און איר נאָכגעקוקט מיט יראה און כבוד. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך פון בערגל געגאָלדיקט צוויי קליינטשינקע פלעמלעך. דאָס בלינדע

װעלדל איז פּלוצלונג געװאָרן זעעװדיק װי ס׳װאָלטן אין אים אַרײַנגעזעצט געװאָרן צװײ לעבעדיקע אױגן. די בײמער אין װאַלד האָבן געגאַפּט אױף דער אידענע מיט דער פּאַטשײלע, װאָס איז געשטאַנען צװישן זײ מיט אױס־געשטרעקטע הענט איבער די ליכט און שטילערהײט געװײנט.

אַ מאָדנע זאַך: װי משונה־טרױעריק די לאַגע איז געװען אין יענער מינוט, האָט זיך מיר פונדעסטװעגן געדוכט, אַז אין דער רגע װאָס די צװײ קלײנע פלעמלעך האָבן אױפגעלױכטן צװישן די בײמער, האָט דעם גאַנצן װעלדל אַרומגעכאַפּט אַ קדושה. אַז אין אײנס פון זײנע פינצטערע װינקלען, אין אַ טיף־באַהאַלטענעם היכל, האָט זיך אױפגעעפנט אַ טירל פון רחמים און אַ גוטער מלאך האָט פון דאָרטן זײן קאָפּ אַרױסגעשטעקט. די צװײ פלעמלעך האָבן אין מײנע אױגן אױסגעזען, װי צװײ גאָלדענע פּונקטן פון אַ סוף־פּסוק אױפן ברעג הימל: ביז דאַנען — װאָך, פון דאַנען און װײטער — שבת און יום־טוב. דער צער, װאָס האָט אונדז אַלעמען אין יענער שעה אַרומגעכאַפּט, איז װײך און געהײליקט געװאָרן. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אַפילו די פּױערים האָבן דאָס דערשפּירט און נאָכן ליכט־בענטשן, װען זײ האָבן זיך װידער גע־נומען רירן מיט די װעגענער, האָט זײער גאַנג דורכן װאַלדיקן װעג און דורך דעם פינצטער, אױסגעזען שטילער און רױיקער װי פריער. זײער „װיאָ, װיאָ!‟ אױף די פאַרמאַטערטע פערד איז אַרױסגעקומען אײנגעהאַלטענער, רחמנות׳דיקער, װי דער צער פון דער מינוט װאָלט אונטערטעניק געמאַכט זײערע הערצער און שטימען.

די מאַמע האָט שױן נאָך ליכט־בענטשן ניט געװאָלט זיך זעצן צוריק אין װאָגן. זי איז געגאַנגען צופוס מיטן זײט פון װעג און שמואל און דער טאַטע איר פון בײדע זײטן. די קינדער פון די אַנדערע װעגענער האָבן, לױטן טאַטנס עצה, זיך איבערגעזעצט אין אונדזער אײגענעם װאָגן, און גע־הײסן סטיאָפּן טרײַבן פאָראױס צום שטעטל. גאָר אײַנגיכן זײַנען די אַנדערע װעגענער און דער װאַלד געבליבן פון הינטן. כ׳האָב נאָכאַמאָל געװאָרפן אַ בליק צום בערגל אין װאַלד: די צװײ פלעמלעך האָבן צו מיר אַ בלינצל געטאָן און באַלד פאַרשװאונדן געװאָרן. „פאַרלאָשן!‟ האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, און ס׳האַרץ האָט זיך פאַרקלעמט אױפן װאַלד װאָס איז װידער שטאָק־פינצטער געװאָרן. דער טױער פון רחמים, װאָס האָט זיך פאַר אַ רגע געעפנט, האָט זיך װידער פאַרמאַכט, דער גוטער מלאך האָט צוריק־געצױגן זײן קאָפּ און אַלץ אַרום איז געװאָרן פאַרשטומט.

דערװײל איז דער װאָגן אַרױס פון װעלדל, און די לבנה װאָס איז פּלוצלונג אױפגעגאַנגען אַנטקעגן אונדז פון דער ערד — האָט געקוקט אױף אונדז מיט גרױס װאונדער, מיט איר פולן פּרצוף, װי אײנער זאָגט: װער זײַנען דאָס די דאָזיקע װאָס פאָרן אין אַזאַ צײַט?

מיר האָבן זאַלבעפירט זיך צונױפגערעדט אין װאָגן, געזעסן און גע־

שוויגן, וויסט און פוסט אויף דער נשמה. קעלט, חושך, האַרצווייטיק און בושה. ווי פאַרט מען דאָס אין אַזאַ צייט אַריין אין שטעטל ?

און דאָס שטעטל קומט אַנטקעגן אַלץ נעענטער און נעענטער. עס ווינקט פונדערווייטנס, פון אָוונט־פינצטערניש, מיט ליכטיקע פונקען, יום־טוב׳דיקע פייערלעך, וואָס דערציילן פון ליכטיקע אויפגעראַמטע הייזער, פון טישן מיט קלאָרע טישטעכער, באַלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, פון ווייסע קישנס פון די היסב־בעטן, פון ווײַן וואָס שעמערירט און טייערן גלאָזוואַרג, פון פינקלדיקע גאָפּל־מעסער, פון שיינע קליידער און צירונג און פרײלעכע אויפגעלייגטע פּנימ׳ער.

פון אַלע אידן פון גאַרער וועלט, איז מעגלעך, אַז מיר זיינען די אייג־ציקע, וואָס געפינען זיך איצט אין וועג.

(פון דער דערציילונג: „דער טראָמפּייט האָט זיך פאַרשעמט״)

## ש. בן־ציון

# אַ מעשה מיטן ווילנער גאון

דער גאון און צדיק רבנו אליהו ז״ל פון ווילנע האָט זיך מקדיש געווען לתורה און חכמה פון קינדהייט אָן. (מען דערציילט וועגן אים, אַז אין עלטער פון זעקס יאָר האָט ער פאַרשטאַנען און געדרשנ׳ט אין דער תורה, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש) און פון קינדהייט אָן האָט ער זיך געפירט מיט פרומקייט און פרישות, ער האָט געשלאָפן ווייניק און געגעסן ווייניק און האָט זיך אָפּגעשיידט פון מינדסטן תענוג, ווייל בלויז תורה איז געווען זיין באַגער און ער האָט געלערנט דעם גאַנצן טאָג, פון פרימאָרגן ביז אָוונט, איינגעוויקלט אין טלית און תפילין, און די נעכט האָט ער געמאַכט ווי די טעג. ער איז געזעסן און זיך געמיט אין דער תורה, געלערנט און געחזר׳ט, זיך פאַרטיפט אין די סודות פון דער תורה און געדרשנ׳ט סתרי־תורה. די חכמים און די גאונים פון דור ביי אידן האָבן זיך געצויגן צום דאָזיקן „גאון פון גאונים״, זיינען געזעסן פאַר אים ווי תלמידים פאַר זייער רבי׳ן און אויפגענומען זיין תורה מיט יראת־הכבוד. און ער האָט זיך נוהג געווען מיט גרויס עניוות, זיך באַנוגנט מיט ווייניק און געלעבט בצמצום אין זיין אָרע־מער וואוינונג.

דערציילט מען וועגן אים די דאָזיקע מעשה:

ווען דער גאון איז נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק און זיין נאָמען איז שוין געווען באַוואוסט צווישן אידן, האָט ער אויף זיך גענומען אָפּצוריכטן גלות; אַ סך יאָרן איז ער געווען נע־ונד איבער די אידישע קהילות אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען ווי עפּעס אַן אָרעמאַן, כדי מ׳זאָל אים לאָזן צורו און מ׳זאָל אים ניט שטערן אין לערנען און טראַכטן.

איינמאָל אין זיין וואַנדער איז ער אַ דאָנערשטיק אויף דער נאַכט גע־קומען אין אַ קליין שטעטעל און האָט באַשלאָסן צו האַלטן דאָרטן שבת. האָט ער זיך באַלד נאָכגעפרעגט אויפן בית־מדרש. אַריינגעקומען — האָט ער באַלד זיך געזעצט לערנען און איז אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט על התורה ועל העבודה. אויף מאָרגן נאָכן דאַווענען, ווען אַלע מתפללים זיינען אַוועק אַהיים, איז אַריינגעקומען אַן אַלטיטשקע און האָט אָנגעהויבן גרייטן עסן אויף אַ ברעג טיש פאַר אַ בלינדן זקן, וואָס איז געבליבן אין בית־מדרש, געזעסן אין טלית און תפילין און אויך געלערנט. נאָכדעם, ווי זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן צוגרייטן, האָט דער אַלטער געזאָגט צו דער אַלטעטשקער: „קוק זיך נאָר איין און זע, ווער ס'איז דאָ פאַראַן אין בית־מדרש? אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהערט, ווי אַ איד זיצט און לערנט אין דער שטיל און דאָס קול זיינס איז מיר ניט קענטלעך — ס'איז אַוודאי אַ איד אַ דורכגייער, אַ תלמיד־חכם און אַ ירא־שמים." האָט זיך די אַלטע איינגעקוקט און געזאָגט: „ער זיצט נאָך דאָרטן אין ווינקל און לערנט. און ער האָט אַ פיינעם פנים און אַן אויסזען פון אַ קדוש וטהור". האָט ער צו איר געזאָגט: „גיי נאָר בעט אים, ער זאָל עסן מיט מיר אָנבייסן". איז די אַלטע באַלד געגאַנגען, זיך געשטעלט פאַרן גאון און געזאָגט: רבי, מיין מאַן זאָל לעבן בעט אייער כבוד צו עסן מיט אים אָנבייסן." דער גאון האָט לכתחילה זיך אָפּגעזאָגט דערפון, כדי ניט הנאה צו האָבן פון אַ סעודה, וואָס איז ניט גענוג פאַרן באַלעבאָס, נאָר ווען דער זקן איז אויך שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים און אים פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן, אַ דאַנק גאָט, פרנסה בריווח און זיי האָבן גענוג ברויט צו עסן און נאָך פאַרבעטן אַנדערע, איז דער גאון צוגעקומען צו אים און אים געפרעגט פונוואַנען זיי ציען זייער חיונה? האָט דער זקן אים געזאָגט: „די אַלטע, זאָל לעבן, גייט יעדן טאָג אין מיל אַריין און נעמט צונויף אַביסל מעל פון הפקר". — וואָס הייסט?" — האָט דער גאון געפרעגט. האָט ער אים געגעבן צו דערקלערן: ס'איז דער אָפּפאַל פון מיל, דאָס מעל־שטויב, מיין אַלטע קומט אַריין אַהין און זאַמלט עס צונויף מיטן רשות פון באַלעבאָס און פון דעם עסן מיר צו זאַט, און מיר האָבן אויך גענוג צו געבן עסן אויך אַנדערע אָרעמע לייט..." איז דער גאון באַלד געגאַנגען מיט אים, זיי האָבן געוואַשן די הענט און זיך געזעצט עסן פון דעם דאַזיקן שוואַרצן ברויט און אַ מין געקעכטס פון טייג און וואַסער פון איין שיסל. זיי האָבן אָפּגע־בענטשט און זיך ווידער געזעצט לערנען.

מנחה־צייט איז דער זעלביקער בלינדער זקן צוגעקומען צום גאון און געזאָגט: רבי, איך בעט אייך, איר זאָלט אונדז אָנטאָן דעם כבוד צו האַלטן מיט אונדז שבת און עסן ביי אונדזער טיש". האָט ער אים געזאָגט: „איך דאַנק אייך, זיידע, פאַרן גרויסן כבוד, אָבער איר זייט דאָך ניט דער איינציקער מכניס־אורח ביי אידן, געוויס וועט מיך עמיצער בעטן אויף שבת,

טאָ פאַרוואָס זאָל איך צוליב מיר אויספעלן עסן?" האָט זיך דער זקן אַזש אויפגעטרייסלט און געזאָגט: „חס־ושלום, רבי! מיין אַלטע, זאָל לעבן, גרייט צו עסן אויף שבת מיט דער ברייטער האַנט, ווי אַ נגידת׳טע, פאַר אונדז און פאַר אונדזערע ליבע אורחים." פונוואַנען?" — האָט דער גאון געפרעגט. האָט ער אים געזאָגט: „איר שטייגער איז צו גיין יעדן ערב־שבת אין שלאַכטהויז, און זי העלפט די שטאָטישע ווייבער, אָפּפליקן די עופות וואָס זיי שחט׳ן אויף שבת — און זיי גיבן איר דערפאַר ווער אַ קעפּל, ווער אַ פיסל און אַזוי האָבן מיר, ברוך השם, גענוג פלייש אויף שבת." און אַזוי איז דער גאון מרוצה געוואָרן צו האַלטן ביי זיי שבת.

נאָך קבלת־שבת איז דער גאון געגאַנגען מיטן זקן אַהיים. אַריינגעקומען — און אין דער אָרעמער דירה רוט דאָס ליכט פון שבת. דער טיש איז געגרייט פאַר יעדן איינעם צו צוויי קליינע חלה׳לעך, אינמיטן טיש שטייט אַ כוס מיט אַ קליין פלעשל רויטן ווייןָ גענוג אויף אָנצופילן דעם כוס. אין הויז איז ריין און ציכטיק, און אָרעמע לומדים קומען אַריין מיטן „גוט־שבת", און די זקנה, אָנגעטאָן אין ווייסן ענטפערט זיי „גוט יאָר" מיט אַ פריילעך אויפגעלעבט פּנים און אַלע הייבן אָן זינגען מיטן פריידיק ביינאַכטיקן זמר לשבת:

„שלום עליכם מלאכי השרת מלאכי עליון
ממלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא!"

און אַלע אין איין כאָר האָבן געמאַכט קידוש אויף דעם איינציקן כוס וויין. געוואַשן די הענט, זיך געזעצט עסן און יעדער איינער מאַכט „המוציא" איבער צוויי חלות — און די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן מיט זמירות און געזאַנג, מיט קדושה און דאַנק. דער אַלטער סגי־נהור זיצט אויבנאָן, און דער עונג־שבת און אייביקע פרייד זיינען אויסגעגאָסן אויף זיין גרוי־באַקרוינטן פּנים, און די גוטע אַלטיטשקע שטייט און באַדינט מיט גרויס חדווה די מסיבה פון לומדים און גאָטספאַרכטיקע מענטשן. און אַלע פרייען זיך און האָבן הנאה פון אירע מאכלים, ווי פון דער סעודת־שלמה בשעתו.

און אַזוי האָט די שמחה געדויערט אין דער וואוינונג פון די אָרעמע מענטשן דעם גאַנצן טאָג שבת. דאָס קול פון געזאַנג און פרייד און דברי תורה האָט ניט אויפגעהערט פאַר איין רגע, און אַלע האָבן געשפּירט, אַז די שכינה רוט צווישן זיי און זיי האָבן געהאַט גרויס תענוג, אַ מין תענוג פון עולם הבא.

„פון זיי — פלעגט דער גר"א זאָגן — אַט פון יענעם אַלטן מיט זיין אַלטיטשקער, האָב איך געלערנט די מידה פון זיך צופרידנשטעלן מיט ווייניק".

# אברהם רייזען

## .1

## אַן אורח אויף שבת

עס איז שוין געווען אַרום צוויי אַזייגער אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק נאָך מיטאָג. דער שבת, וואָס האָט זיך שוין געשליכט מיט אומגעזעענע טריט, איז געווען פון די טאָפּל־געהויבענע — אי אַ שבת ראש חודש און דער חודש אַליין אַ געהויבענער — אַ חודש אדר. חנה זלמנס, וואָס איז געווען געניט אין דעם יחוס פון יעדן שבת, און געוואוסט זיין באַדייטונג, האָט אויך געוואוסט אַז דער ערשטער שבת פון חודש אדר איז אַ פריילעכער. אין צוויי וואָכן אין דעם חודש אדר פאַלט אויס פורים און מיט טויזנטער יאָרן צוריק — פונקט אַקוראַט ווען, ווייסט זי ניט — האָט זיך אין דער מדינה פרס געטאָן מעשים און מיט די אידן פון יענער ווייטער ווייט און יענעם ווייטן לאַנד האָבן פּאַסירט גרויסע נסים.

איז זי דערפאַר אַליין געוואָרן פריילעכער. דאָס געשטאַלט פון אסתר המלכה, מיט וועלכער זי איז שוין באַקאַנט אַ פּאָר צענדליק יאָר זינט זי, חנה, לייענט דעם טייטש־חומש און דעם „תרגום שני״, שוועבט איר שוין פאַר די אויגן — אַ גרינלעכע, אָבער פול מיט חן. און מרדכי אַליין, אסתר המלכה׳ס פעטער, מיט דער לאַנגער שוואַרצער באָרד און מיט די געדיכטע ברעמען איבער די שוואַרצע אויגן, וואָס איז אַ צייט געזעסן ביים טויער פון מלך אַחשורוש׳עס הויף און שפעטער האָט אים המן הרשע געפירט איבער די שענסטע גאַסן פון דער שטאָט שושן — אויף אַ פערד, רייטנדיק, ער, מרדכי, טוט שוין אויך אַ שוועב פאַר אירע אויגן, ווי אַן אייגענער מענטש...

האָט זי אַוודאי אויף אַזאַ פריילעכן שבת צוגעגרייט בעסערע און טייערע געריכטן. אויף וועטשערע האָט זי אָפּגעקאָכט פיש — און פאַר דער יויך האָט זי רייז מיט בעבלעך... און אין צימעס האָט זי אַריינגעלייגט אפשר אַ לעפל מעל־צוקער, עס זאָל זיין גוט זיס... און אופן מאָרגנדיקן „וואַרמעס״ האָט זי געגרייט גאָר אַ באַזונדער געריכט, וואָס איר זלמנ׳ען וועט אַוודאי געפעלן.

שטייענדיק אַזוי ביים אויוון און קוקנדיק אַלע ווײַלע צום פענצטער צו זען ווי שפעט עס איז, ערשט די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריין אַ איד, אַן אָרעמאַן... פון דעם מין אָרעמע לייט, וואָס גייען אום איבער די הייזער.

איז עס געווען אַ וואונדער — פרייטיק און אַזוי שפעט — אַן אָרעמאַן! געבן אים אַ שטיקל ברויט, האָט זי שוין ניט געוואָלט אים פאַרשעמען, בפרט,

אַז דער אָרעמאַן אָן אַ טאָרבע אונטערן בגד — האָט אויסגעזען פון די מער יחוס'דיקע...

האָט זי אים שוין געוואָלט געבן מזומן געלט אַ קאָפּיקע...

אָבער דער אָרעמאַן, אַנשטאָט צו נעמען אַ נדבה, האָט גאָר איר עפּעס דערלאַנגט...

ס'איז געווען אַ קליין קוויטעלע, אַ פּאַסיקל פּאַפּיר, פאַרשריבן מיט איין שורה — אַ פּלעט אויף שבת. איבערלייענען איז איר געווען פאַרשפּאַרט, בפרט, אַז ס'איז אויף לשון־קודש. נאָר מען דאַרף דען לייענען? מען ווייסט שוין, אַז ס'איז אַן אורח אויף שבת, וואָס מאָטע־בערל דער שמש, פון גרויסן בית־מדרש, האָט איר געשיקט.

מאָטע־בערל איז אַוודאי געווען חנה'ס אַ גוטער פריינט. ער איז טאָקע מיט צוויי שעה צוריק אַליין דאָ געווען מיט זיין לאַנגער קערבעלע, וועלכע איז געטיילט אין צוויי טיילן. אין איין טייל די פּושקע פאַר מזומנים, פאַר אים אַליין, און די צווייטע טייל — פאַר די ליכט, וואָס יעדע באַלעבאָסטע וואַרפט אַריין פאַרן בית־מדרש, אין וועלכן מאָטע־בערל איז אַזש דער אויבער־שמש, און מוז פאַרזאָרגן דעם בית־מדרש מיט ליכט אויף אַ גאַנצער וואָך.

האָט ער, הייסט עס, איר, חנה'ן, אָפּגעטאָן: געשיקט איר גראָד אויף אַזאַ פריילעכן שבת אַן אָרעמאַן אַן אורח.

נאָר, שאַ — האָט זי גליַיך אַ טראַכט געטאָן צוריק — פאַרוואָס טאָקע ניט? ווייל ס'איז אַ פריילעכער שבת, שבת אדר, זאָל טאָקע זיין, אַז מאָטע־בערל, אירער אַ פריינט און טאָקע אַ פריילעכער איד, האָט איר געוואָלט צודינען.

האָט זי שוין אַ שמייכל געטאָן ווי צו זיך אַליין און אָנקוקנדיק דעם אָרעמאַן, וואָס איז געשטאַנען נאָך ביי דער טיר, ווי אַן אַנזאָגער פון ווייטע מדינות, האָט זי מיט אַ פולן מויל געזאָגט:

— נו, אַוודאי... קומט צוגיין.

און דער אָרעמאַן, ווי ער איז אַריין אַן ווערטער, אַזוי איז ער אָן אַ וואָרט צו זאָגן זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר און אַ שווייגנדיקער אַרויס.

חנה האָט שוין געזען נאָר זיין פּלייצע, און דעם ריס אין דעם סאַמע מיטן פון זיין בגד.

זי האָט אַזש אַ זיפץ געטאָן. זי איז אָבער געווען צופרידן.

ערשטנס, דעם כבוד. צו אָבי וועמען שיקט מען ניט קיין אורח, קיין „פּלעט" אויף שבת. און צווייטנס, די מצוה.

זלמן, וואָס איז אָבער נאָך געווען אין גאַס, זאָל קומענדיק זיך ניט בייזערן. ער האַלט ניט אַזוי שטאַרק פון מצוות.

אמת, אַ „גוטער" איז ער. געבן מענטשן עסן — אַוודאי און אַוודאי.

אָבער אַן אורח אויף שבת? האַ?... זי געדענקט שוין ניט, וואָס ער זאָגט דערויף.

זלמן, דער מאַן, מיט אַ שוואַרץ קליין בערדל, ווי שטאַרק צוגעשוירן, הגם געשוירן האָט ער בשתיקה, בלויז די שפּיצן, איז טאַקע באַלד אַריינגעקומען אין שטוב. ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ ווינטערדיקן פּלאַשטש, אין וועלכן מען פאָרט מער אין אַ ווינטערדיקן וועג, אויף אַ יריד ערגעץ אין אַ שטעטל, אָבער ער טראָגט אים וואָך און שבת; ערב שבת פּוצט ער אים בלויז אָפּ מיט אַ בערשטל און נאָכדעם באַשפּריצט ער אים מיט קאַלטן טיי, וואָס נעמט אַרויס די פלאַמעס — און דער פּלאַטש ווערט שוין פאַרוואַנדלט אין אַ שבת׳דיקן בגד.

זלמן האָט זיך שוין געוואָלט נעמען צו זיין ערב־שבת׳דיקער אַרבעט, ערשט חנה, אַ פאַרשולדיקט־שמייכלענדיקע, האָט זיך אַנגערופן צוגרייטנדיק אים פאַרזיכטיק צו דער פּאַסירונג:

— וואָס זאָגסטו, זלמן, מיר האָבן דאָך אַן אורח אויף שבת.

— אַן אורח! — איז זלמן געבליבן שטיין, ווי אַ פאַר׳חידוש׳טער, אין מיטן שטוב, אָבער, קענטיק געווען, אויך מיט נייגעריקייט — ווער איז דער אורח?

האָט שוין חנה אויסגעזאָגט אינגאַנצן:

אַן אָרעמאַן, אַ פּלעט אויף שבת. ווייסט דאָך... מיר האָבן שוין לאַנג טאַקע ניט געהאַט קיין אורח.

זלמן האָט אַ ווײַלע געשוויגן, און באַלד אַן אומרואיקער געפרעגט:

— ווי זעט ער אויס? אַ יונגער, אַן אַלטער? מיט פּאות?

— כ׳ווייס דען? איך האָב אַפילו אים גוט ניט אַנגעקוקט. דאַכט זיך, אַ איד אין די מיטעלע יאָרן.

האָט זיך שוין זלמן, ניט ווויסנדיק ווער דער אורח וועט זיין, וואָס פאַר אַ מין איד דאָס איז, זיך גענומען גרייטען גאָר אַנדערש. טאַקע אַן אָרעמאַן אַן אורח, אָבער אַ פרעמדער מענטש. מען דאַרף ניט פאַרשעמט ווערן.

— האָסטו כאָטש גענוג צו געבן אים עסן? — האָט ער שוין שטאַרק אומרואיק געפרעגט — די דאָזיקע אידן עסן אַ סך, ווייסט דאָך...

חנה האָט דערויף שוין געשמייכלט, ווי אַ געניטע.

— וואָס הייסט, די פּערטע חלה, וואָס אויפדערוואַכן פאַר די קינדער, וועל איך אים געבן אויף קידוש. ס׳איז אַ היפּשע חלה. פיש האָב איך. וועט מען די קינדער געבן קלענערע חלקים. און איך, ווייסט דאָך, בין ניט אַזאַ בעלנ׳טע אויף פיש.

— איך וועל אים מיין חלק אויך אָוועקגעבן.

— נו, און וואו צו זיצן וועט ער האָבן?

און זלמן האָט זיך גלייך גענומען ציילן די בענקלעך, און געכאַפּט

מיטן בליק צו מעסטן די גרייס פון קיילעכדיקן טיש, וואָס האָט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זיך שטאַרק געשאָקלט.

האָט ער שוין געזוכט דעם ציגעל אונטערצושפּאַרן דעם טיש.

ער האָט אַ ריר געטאָן דעם טיש מיט די הענט. ערשט, ווי אַ נס — דער טיש שאָקלט זיך ניט.

און אַן איבעריקער בענקל וועט זיך אויך געפינען. דער אורח וועט שוין זיצן אויפן געפּאַרבטן טאַבורעט.

ס'איז נאָר געווען די פראַגע: וואו, לעבן וועמען.

און ס'איז געבליבן, — ער, דער אורח, זאָל זיצן אַנטקעגן זלמנען; ביי די זייטן די קינדער, און חנה אַליין, זי איז דאָך ניט שייך. זי דערלאַנגט דאָך בלויז דאָס עסן סיי־ווי־סיי. זי וועט זיך שוין צושפּאַרן לעבן אַ קינד.

אָפּגעדאַוונט ביים מנין, וואָס האָט זיך געפונען אין דער נאָענט, וואו זלמן דאַוונט אַלע פרייטיק־צו־נאַכט, שבתים און אפילו ימים־טובים און די ימים־נוראים, איז ער געקומען פון מנין נאָך פאַר דעם אורח, וואָס דאַוונט אין גרויסן בית־מדרש.

האָט זלמן מיט די פינף קינדערלעך, פון עלטסטן ביזן קלענסטן, און מיט חנה'ן אַליין, געוואַרט אויף דעם אָנקומען פון דעם אורח.

חנה איז געווען אָנגעטאָן אין איר שבת'דיקער קלייד, מיט דער האַלב־זיידענער טיכל אויפן קאָפּ, גרייט מקבל פּנים זיין דעם אורח, וואָס האָט זיך שוין אין די עטלעכע שעה, זינט זיין קומען מיטן קוויטעלע, צעוואַקסן אין אַ גרויסער, אָנגעזעענער געשטאַלט.

ס'איז שוין ניט געווען קיין אָרעמאַן, אַ פּלעט אויף שבת, נאָר איינער פון די וויכטיקסטע מענטשן, וואָס געפינען זיך אין דער וועלט.

און טאַקע, וואָס ווייסט זי ווער ער איז?

אפשר איז ער געווען גאָר אַ גרויסער גביר אַמאָל... עס פּאַסירט דען ניט?

און זלמן אַליין, אַן אָנגעלייענטער אין אַלערליי סיפּורים, דערציילונגען און אפילו מעשה־ביכלעך, אין וועלכע ער האָט טאַקע ניט אַלע מאָל געגלויבט, אָבער איצט, ווען די פיר ליכט ברענען אין די לייכטער מיט אַזאַ סודות'דיקן פלאַם, און דער פייער אין לאָמפּ אַליין, — אַ וואָכעדיקער לאָמפּ, וואָס שטייט אין מיטן פון די פיר לייכטער, — איז אויך גאָר אַן אַנדער פייער, עס ציטערט אַזש דאָס פייער אין גלאָז און ווי דאָס פייער וואָלט עפּעס געוואוסט — זלמן האָט אויך געוואַרט אויפן אורח מיט אַ טיאַכקען אין האַרצן און מיט אַ באַזונדער מין נייגעריקייט.

און אָט האָט זיך געעפנט די טיר און דער אָרעמאַן איז אַריין. ס'איז געווען שוין טאַקע ניט קיין אָרעמאַן און ניט קיין אורח... נאָר אַ איד מיט אַ לאַנגער שיינער שוואַרצער באָרד, גרויסע אויגן אונטער אַ סאַמעטענער

היטעל, און דער בגד, אַ בורקע, האָט אויסגעזען ווי אַ בגד, וואָס עס טראָגן די גרויסע משולחים.

די קינדער האָבן אויסגעשטעלט זייערע אויגן פאַר'חידוש'טע. חנה אַליין האָט זיך דערמאָנט אין מרדכי הצדיק. אַזוי זעט מרדכי הצדיק אויס אין דער מגילה. און זלמנען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ געשטאַלט פון די אַמאַליקע אידן, פון שפּאַניע, וועדליק ער האָט געלייענט אין דער היס־טאָריע אויף לשון־קודש.

האָט שוין זלמן פאַרגעסן אין זיין אויפגעקלערטקייט, אין זיינע אַלע פרייע געדאַנקען, אין די חשדים, וואָס ער האָט אויף פרומע אידן בכלל, און ער האָט אים, דעם אורח, אויסגעצויגן די האַנט:

— שלום עליכם...

דער אורח האָט, ניט אויפהייבנדיק די גרויסע אויגן זיינע, נאָר פאַר־קערט, עטוואָס אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, אַרויסגעזונגען אויפן קול:

— עליכם שלום...

און מיט גרויס וואַזשנעקייט האָט מען זיך ענלעך געזעצט ביים טיש און דער אורח אין סאַמע אויבן־אָן.

און ס'איז געווען אַ זכיה, אַז דער אורח האָט געענטפערט אַ וואָרט.

אָבער ווער ער איז און פון וואַנען ער איז — דאָס האָט ער ניט דער־ציילט. ניט פרייטיק־צו־נאַכט ביים טיש, און ניט שבת ביים טשאָלנט.

און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן, אַז סתם אַ איד איז דאָס ניט.

חנה האָט, נאָכדעם ווי דער אורח איז שוין אַוועק צום לעצטן מאָל געפּרואווט דערגיין ביי אים, ביי זלמנען.

— האַ, זלמן, דו ביסט דאָך עפּעס אַ געלערנטער, און אַ קענער, אַדרבא, זאָג ווער קען ער זיין, דער אורח.

— דאָס קען מען ניט וויסן — האָט זלמן, ווי אַ טיף־פאַרטראַכטער, געענטפערט, און האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, זען און האָרכן עפּעס מער, ווי מען זעט און מען האָרכט.

און חנה האָט שוין געפילט גאָר דערהויבן און אַפילו גליקלעך אויף איר שטייגער.

.2

## אין גרינעם גאָרטן

פון שלאָפן שבת בייטאָג האָט הירש למדן ניט געהאַלטן. אַוודאי האָט הירש למדן, ווי איידל ער איז געווען, שבת געגעסן מער ווי אין אַ מיטנוואָך. אַפילו ווען פון יעדן „געריכט" האָט ער נאָר פאַרזוכט, איז שוין געווען גענוג

ער זאָל זאָגן, אַז ער האָט צופיל געגעסן. און ביים שטיקעלע פלייש, וואָס דאָס ווייב האָט אים דערלאַנגט, שוין נאָכן קוגל, איז ער טאַקע „צוגעשטאַנען", געקלאָגט זיך און געבעטן זיך, אַז מער קען ער ניט, און אַ העלפט פון „חלק" אָוועקגעגעבן דעם בן־יחיד'ל, וואָס איז געווען אַ דאַרינקער און אַן אויסגע־בלייכטער. אָבער עס זאָל אים ציען, הירש דעם למדן, צום שלאָף — דאָס ניט. ערשט נאָך אַזאַ „וואַרמעס" האָט אים געצויגן מער, ווי אינמיטנדערוואָך — צו העכערע ענינים, צו אַ טיפערן ספר, וואָס געפינט זיך צווישן די ספרים זיינע אין דעם אַליין־געמאַכטן ספרים־אַלמער.

מיטן זעצן זיך ביי אַ ספר, ביי זיין קליין טישעלע, וואָס איז געשטאַנען, ווי אָפּגעזונדערט פון די אַלע כלי־בית, געענטער צום אַלמער ספרים, האָט ער ווי זיך אויסגעקויפט פון דעם ביסל גשמיות, אין וואָס ער איז נאָר־וואָס געווען אריינגעטאָן, זיצנדיק ביים גרויסן טיש מיט די קינדער ביים שבת'דיקן „וואַרמעס", מיט די עטלעכע געריכטן.

ס'איז אוודאי לכבוד שבת — דאָס צופיל עסן. ער, אָבער, האַלט ניט פון אַזעלכע גשמיות'דיקע תענוגים. מעג זיך אַפילו אין די זמירות אויסגע־דעכנט ווערן די אַלע שבת'דיקע מאכלים מיט אַ לויב־געזאַנג — ער בלייבט דערצו גלייכגילטיק.

ביי אים איז דער עיקר דער עונג־רוחני...

ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס אין אַ זומערדיקן שבת איז אין שטוב אַמאָל צו הייס. דורכן אָפענעם פענצטער, צום הויף־צו, בלאָזט אַפילו אריין אַ ווינטעלע, וואָס דערמאָנט אין זומער, אין דער שיינקייט פון „נאַטור", און עס רופט צו דער פרייער וועלט.

אוודאי, ווען ער איז ניט הירש למדן מיט זיין „שטאַט", וואָס ער פירט, אַמאָל גאָר ניט ווילנדיק, נאָר ווייל עס האָט זיך שוין אַזוי איינגעפירט, אַן זיין רצון — וואָלט ער זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר... און טאַקע אַראָפּ־גאַס, וואו עס הייבן זיך אָן ציען זיך ביי ביידע זייטן וועג די פרייע פעלדער, און דער גרינער וואַלד אַליין איז שוין ניט ווייט. ניטאָ אַפילו קיין האַלבער „תחום־שבת", אַ פרומער אַפילו מעג אַהין גיין... בפרט ער, וואָס מ'מיינט נאָר, אַז ער איז אַ פרומער; ווייל אַ גרויסער למדן, איז ער אָבער דווקא צוליב זיין לומדות אין אַ סך ענינים אויפגעקלערט. און אַפילו דעם „מאמר" אין פרק, אַז ווען מען גייט אין וועג און מען זעט אַ שיינעם בוים און מען זאָגט: „ווי שיין איז דער בוים, איז סכנות נפשות" — קלערט ער עס אויף, פאַר זיך אַליין מיט אַ גוזמא פון די בעלי־התלמוד.

ער אַליין האָט דווקא ליב אַ בוים, אַ פעלד, אַ גרינע לאָנקע.

אָבער צו אָפּט זיך לאָזן שפּאַצירן אַראָפּ־גאַס איז ניט פאַר זיין שטאַט. אַזוינס טוט ער נאָר, ווען זיינע עלטערע טעכטער, אין אַ זייער הייסן שבת,

רופן אים און ער קען שוין ניט באַשטיין דעם נסיון — נעמט ער שוין מיט זיין בן־יחיד׳ל, וואָס פאַר אים איז אַוודאי פרישע לופט נייטיק צו זיין געזונט.

אַזוי אָבער, אין אַ זומערדיקן שבת, ווען די זון איז „צו־שטאַרק״, ווי ער דריקט זיך אויס, איז ער אַ בעלן נעמען זיין טישעלע, וואָס איז זייער אַ גרינגער, און מיטן טישעלע אין דער רעכטער האַנט זיך לאָזן גיין אין דעם גאָרטן פון גרינס, וואָס געפינט זיך הינטער דער שטוב. אַ טאַבורעטל טראָגט שוין צו איינע פון די טעכטער, און אַ ספר נעמט ער שוין מיט זיך אַליין. און אויף אַזאַ׳ן אופן ווערט שוין אַ ווינקל פון דעם גאָרטן פאַרוואַנדלט אין הירש דעם למדנס אַ געצעלט, און עס ווערט שוין זיין רשות היחיד. ער זיצט שוין ביים טישעלע מיטן אָפּענעם ספר און מיטן פנים צו דעם גאָרטן.

דער גאָרטן איז אַ גרויסער און ניט דער גאַנצער גאָרטן געהערט צו הירש דעם למדן אַליין. דער גאָרטן האָט פיר „גרענעצן״. פון יעדן גרענעץ הייבט זיך אָן דער טייל וואָס געהערט צו אַ צווייטן באַלעבאָס, און ווייטער צו אַ דריטן, און צו אַ פערטן. צו דער גאַס די שטוב און הינטער דער שטוב — דער גאָרטן.

ווי אַזוי די גערטנער זיינען געטיילט געוואָרן ביים סאַמע אָנהייב, ווען יעדער באַלעבאָס האָט געקויפט זיין שטוב, צו וועלכער יעדער טייל גאָרטן געהערט, און פאַרוואָס איז איינעמס פלאַץ „גאָרטן״ גרעסער פאַרן צווייטן, האָט הירש למדן ניט געוואוסט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז נאָך פאַר־טיילט געוואָרן פון גאָר אַמאָל, אַמאָל, אין סאַמע „פאַרצייטנס״.

די אַלע פיר גערטנער, וואָס זיי האָבן איין שותפות׳דיקן צאַם, וואָס נעמט אַרום אַזש אַ טייל פון אַ צווייט געסל, ציען זיך אינאיינעם, ווי איין שטיק גאָרטן, ווי ס׳וואָלט געהערט צו איין באַלעבאָס. אָבער כאָטש די אַלע פיר טיילן פון גרויסן שטיק גאָרטן זיינען ניט אָפּגעצאַמט, און וואַקסן צוזאַ־מען, ווייסט יעדערער זיין טייל, וואו עס הייבט זיך אָן און וואו עס לאָזט זיך אויס און עס הייבט זיך אָן דעם צווייטנס טייל. די קליינע גרענעץ־מיעזשע, וואָס טיילט כלומרשט אָפּ איינעמס פון צווייטנס גאָרטן, איז פאַרוואַקסן. אָבער יעדער ווייסט וועלכער טייל עס איז זיינער, ווער עס האָט וואָס און וואו פאַר־זייט. יעדער דערקענט שוין, אָדער כאַפּט שוין מיטן אויג דאָס זייניקע.

בלויז די זון ווייסט ניט דעם אונטערשייד — זי לויכט איבער אַלע גלייך. און ווען עס רעגנט, רעגנט עס גלייך איבער די אַלע פיר טיילן פון גאָרטן.

הירש למדן האָט טאַקע אין אַ שבת בייטאָג, ווען ער איז געזעסן ביי זיין ספר אין גאָרטן און די געדאַנקען זיינען ניט ביים ספר, זיך פאַרטראַכט וועגן אָט דעם ענין, וועגן די גרענעצן, וואָס דער שותפות׳דיקער גאָרטן האָט כלומרשט געהאַט.

עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס די אַלע פיר גערטנער און זייער אויך צווישן זיי, זיינען אַלע גלייך פאַרוואַקסן מיט אַלערליי גרינסן, און

קיינער רירט ניט אָן אײנער דעם צווייטנס גרינצייג. יעדערער האָט, אין אָנהייב זומער, פאַרזייט דאָס זייניקע און יעדנס טייל איז גלייך געוואַקסן און דער רעגן איז געפאַלן אויף יעדנס חלק גלייך, אויף יעדנס טייל גלייך געגאָסן. און די זון האָט נאָכן רעגן יעדן טייל פון גאָרטן גלייך געוואַרעמט און אינעווייניק האָט יעדערן טייל די ערד געגעבן איר זאַפט און איר קראַפט.

און אויך גרויס נחת האָט הירש למדן געהאַט דערפון, וואָס צווישן די אַלע פיר באַלעבאַטים, צו וועמען דער שטיק גאָרטן האָט געהערט, יעדערן זיין חלק, איז אויך געווען אַ גוי. אַ גוי־אישער שכן, וואָס וואוינט די דריטע שטוב פון זיינער, פון הירש למדנס, האָט אַ חלק אין אָט דעם גאָרטן און ס'איז נאָך, זינט הירש למדן געדענקט, ניט אַרויסגעקומען קיין שום קריג מיט דעם גוי.

אַדרבא, ער ווייסט, אַז דעם גויס ווייב, אַנטאָליע, ווען מען פאַרזייט דעם גאָרטן, גיט זי אַפילו עצות, ווי אַזוי אַ געוויסן מין גרינס צו פאַרזייען, עס זאָל בעסער זיך „צונעמען", און אַז עס קומט צו פאַרזייען די זון־רויזן, וואָס וואַקסן אויס אַזוי הויך און שיין, און זעען אויס אין סוף זומער כמעט ווי אמת'עביימער, העלפט שוין אַנטאָליע אוודאי.

און די בייטן מיט די צייטיקע גרינע אוגערקעס, וואָס וואַקסן אַמאָל נאָענט ביים גרענעץ פון אַ צווייטנס טייל גאָרטן און ווען אַ גרעסערע אוגערקע, אַ צייטיקע, פאַלט אַליין אַראָפּ אין אַ צווייטנס בייט, ווייס יעדער גלייך צו וועמען די אוגערקע געהערט, און מען גיט זי יענעם איבער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל...

און זיצנדיק שבת אין גאָרטן, און טראַכטנדיק דעמאָלט וועגן דער גאַנצער וועלט, מיט אַלע אירע לענדער און מיט די אַלע גרענעצן און וועגן די מלחמות, וואָס עס קומען פאָר אויף דער דאָזיקער וועלט, דאַכט זיך הירש למדנען, אַז אויך אָט דער גאָרטן, וואו ער זיצט איצט ביי זיין טישעלע, ביי אַן אָפענעם ספר, איז אַ מין וועלט, יעדער חלק פון גאָרטן איז אַ לאַנד און יעדער „מיעזשע" וואָס טיילט־אָפּ איינעמס גאָרטן פון צווייטנס, איז אַ גרענעץ.

און פונדעסטוועגן — טראַכט ער דעמאָלט — וואָס פאַר אַ שלום עס הערשט צווישן זיי! שלום ושלווה...

און אָנשטאָט אַריינצוקוקן אין ספר, קוקט ער שוין אויפן גרויסן גאָרטן, וואָס געהערט צו פיר באַלעבאַטים, און איינער איז אַפילו פון אַ צווייטער אומה — און הירש למדן לערנט דערפון גאָר הויכע זאַכן.

יעדער בייט קוקט שוין אויס אין זיינע אויגן ווי אַ בלאַט אין אַ ספר; יעדער שטענגעלע מיט גרינס — ווי אַ קלוג וואָרט, און יעדעס גרין בלעטעלע — ווי אַן אות.

פאַרבערענגענדיק אַזוי אין גאָרטן, פאַרטיפט אין זיינע הויכע געדאַנקען, מערקט ער ניט, ווי די זון האַלט שוין ביים פאַרגיין.

די אַלע מינים גרינסן ווערן אויך, ווי פאַרטראַכט, טיף אין זיך. יעדע געוויקס מיט איר סוד, מיט איר מיין, מיט איר כוונה.

און אָט קומט אַ ווינטעלע, אַזאַ לינד, אַ דערקוויקנדיקס — די בלעט־לעך טוען זיך וויגן און מורמלען דערביי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ טיפע באַדייטונג...

הירש למדן וואָלט דווקא דאָ נאָך געזעסן, געטראַכט וועגן יעדער בלעטל און געטראַכט וועגן דער גאַנצער וועלט. ווייל אין יעדער זאַך, וואָס וואַקסט, איז דאָ אַ געדאַנק, אַ כוונה און מען קען אַ סך, אַ סך לערנען פון דעם.

ס'איז אָבער שוין מנחה־צייט. וועט ער שוין אַוודאי אין בית־מדרש ניט גיין. שוין שפּעט. און דערצו, אָנגעפילט מיט אַזויפיל געדאַנקען, וואָס ער האָט אין גאָרטן אָנגעזאַמלט, ווי ער וואָלט זיי אום שבת פון גאָרטן אויסגעריסן פון דער טיף פון דער גרינער ערד, איז ער ניט אין מוט צו גיין אין בית־מדרש.

וועט ער שוין מנחה דאַווענען אין דערהיים.

קומט ער שוין אַריין מיטן טישעלע צוריק אין שטוב און שטעלט זיך צו מזרח־זייט.

און דאַווענענדיק אין דער שטיל, ווי פאַר זיך, זעט ער ווי דאָס ווייב גרייט שוין צום טיש צו שלש־סעודות. זי וואַרט נאָר, ער זאָל אָפּדאַווענען מנחה.

אין גאָרטן האָט ער זיך טאַקע אַביסל אויסגעהונגערט, און צו שלש־סעודות גרייט דאָס ווייב אַ מאכל וואָס זי האָט געמאַכט פון די גרינס וואָס וואַקסט אין גאָרטן. איז אים שוין ניחא דאָס עסן.

און ווען ער זיצט שוין ביים טיש ביים דעם געריכט, וואָס דאָס ווייב האָט צוגעגרייט פון די אַלערליי גרינצייג, וואָס וואַקסט אין אייגענעם גאָרטן, פאַרפירט ער שוין אַ שמועס וועגן גאָרטן בכלל, און ער גיט־אָפּ אַ גרוס פון יעדן גרינס, וואָס ער האָט דאָרטן געזען.

— די זון־רויזן זיינען ווי אמת'ע ביימער...

און אַז ער קומט צו די זון־רויזן, צעשטראַלט זיך זיין לענגלעך שמאָל פּנים, די אויגן לויכטן אויף.

ווייסן שוין די שטוביקע, אַז דער טאַטע, דער למדן, האָט זייער ליב ביימער. און די עלטערע טאָכטער, וואָס שמועסט אַמאָל מיטן טאַטן וועגן העכערע ענינים און ווייסט זיינע פאַרלאַנגען, זאָגט אים צו, אַז איבעראיאָר, אם ירצה השם, וועט זי פאַרזייען מער זון־רויזן.

אָבער די פשוטע און פרומע מאַמע פאַרריכט איר:

— ניט אום שבת רעדנדיק.

טוט שוין הירש למדן אַ שמייכל און איז מתיר.

וועגען זייען און פלאַנצן מעג מען רעדן אויך אום שבת. ס'איז אַ שיינע זאַך.

און מיט אַ זיפץ גיט ער שוין צו:

— הלוואי איז דאָ פּלאַץ אין גאָרטן פאַר אַן אמת'ן בוים ווי איך וואָלט טאַקע פאַרפלאַנצט.

און הירש למדן האָט שוין געזען אין זיין געדאַנק אַן אמת'ן בוים וואַקסנדיק אין זיין גאָרטן פון גרינבצייג און די צווייגן זיינע לאָזן זיך אַראָפּ, און ער, הירש למדן, זיצט ביי זיין טישעלע ביי אַ ספר אונטער זייער שאָטען...

## .3

## אין אַ שבת'דיקן זומער־טאָג . . .

. . . שבת נאָכן טשאָלנט לאָזט זיך דער אַכט־יעריקער לייבל מיט זיינע חברים'לעך אַראָפּ־גאַס, אַראָפּ־שטעטל . . . ס'איז חי־געלעבט . . .

עס שטייען פון ביידע זייטן ביימער מיט געדיכטע צווייגן און מיט ברייטע, גרינע בלעטער, אַז דער שאָטן זייערער איז נאָך שענער ווי זיי אַליין. עס זעט אויס ווי אויסגעמאָלטע טונקעלע קווייטן אויף דעם זאַמדיקן וועג. אין מיטן וועג, אַז מען ווערט אַביסעלע פאַרמאַטערט פון גיין צו פוס, זעצט מען זיך אַוועק אויפן גרינעם גראָז ניט ווייט פון די רעלסן, אויף וועלכע עס גייט דורך אַמאָל אַ „באַן". איז דאָס אַ „טאָוואַרנער פּאָיעזד", גייט ער פּאַמע־לעך, אַז מען קען איבערציילן אַלע וואַגאָנען און ניט מאַכען קיין טעות. מען זעט אַפילו דעם לאָקאָמאָטיוו און ביי דער טיר פון לאָקאָמאָטיוו דעם מענטשן, וואָס הייצט דעם לאָקאָמאָטיוו, און מען זעט ניט נאָר דעם רויך אין דער הייך, נאָר אויך אינעווייניק דעם פייער און מען זעט אַפילו ווי אונטן, פון די רערן גיסט זיך הייס וואַסער. טאָמער איז דאָס אַ „קוריערסקער פּאָיעזד", צי אַפילו אַ פּאַסאַזשירסקער, לויפט ער שוין שנעל, ווי אַ בליץ . . . די וואַגאָנען איבער־ציילן קען מען שוין ניט . . . מען זעט אָבער ביי די פענצטערלעך — אַזעלכע מאָדנע, ווי אין אַ קלויסטער, מיט אַרויפגערוקטע פאַרהאַנגלעך — שטייען מענטשן שיינע, רייכע. יענע דאַרטן גיבן שנעל אַ קוק אויף זיי דאָ, אויף די אינגלעך, אויף לייבלען אויך, און שמייכלען און פאַרשווינדן ערגעץ ווייט, ווייט, אַז עס כאַפּט לייבלען אָן אַזש אַ בענקשאַפט. ווער זיינען זיי דאָס טאַקע? קענטיק פריצים, גרויסע פריצים! . . . און וואוהין פאָרן זיי דאָס?

אַז מען קומט אָן אין דערפל איז שוין גאָר אַ רחבות. ברייטע, גרינע לאָנקעס . . . אַנטקעגן ווינקט דער טייך . . . זיין וואַסער איז געלבלעך, אָבער רוישיק . . . און ביי דער זייט — די וואַסער־מיל. אַ גרויסע ראָד, הינטער אַ וואַנט פון מיל, דרייט זיך נאָכאַנאַנד אַרויף און אַראָפּ און פון דער ראָדס שטעקעלעך און קלענערע רעדעלעך גיסט זיך וואַסער אין גרויס שפע, אין

ליכטיקע פּאַסן, ווי געשניטן פון אַ זוניקן מעסער, אויסגעזעצט אין דימענטענע שטראַלעכלעך...

עס איז שיין צו קוקן... לייבל בלייבט אַזש פאַרגאַפט...

אינעווייניק אין מיל גייט מען שוין אַריין פאַרזיכטיק. ערשטנס, איז אין מיל דאָ אַ גוי, וואָס גיט אַכטונג. ביי חנא דעם מילנער אַליין איז שבת — מישט ער זיך ניט. ער, חנא, איז באַהאַלטן אין זיין שטוב — אַ גרויסע און אַ נידעריקע, קענטיק מיט אַ סך חדרים... און דער גוי גיט אַכטונג... איז בעסער, אַז מען גייט ניט אַריין צו וויט אינעווייניק אין מיל. צווייטנס, קען מען זיך טאַקע אויסשמירן אין מעל־שטויב. און לייבל, ווי זיינע חברים־לעך, טראָגן לכבוד שבת דווקא טונקעלע גאַרניטערלעך. טאָ ווי וועט מען קומען צוריק אַהיים אויסגעשמירטע אין ווייסן שטויב?... כאַפּט מען בלויז אַ קוק שטייענדיק ביי דער ברייטער טיר פון דער מיל, און מען זעט אויך געגוג וואונדער... צוויי ליכטיקע קיילעכדיקע שטיינער, איינע אויף די אַנדערע, דרייען זיך און אונטן, אין אַ קאַסטן אַזאַ, שיט זיך ווייסע מעל, און ס׳ווערט אַלץ מער און מער. אַ פרייד צו קוקן... ווייסע מעל אויף חלה אויף שבת...

האָט אָבער לייבל געלערנט שוין ביי יוסף דעם מלמד, וואָס האָט איינ־געפירט אַ חוק, אַז אין אַ זומערדיקן שבת זאָלן די „קינדער" קומען בייטאָג אויף אַ שעה אין חדר און לערנען פרק... וועט זיי זיין פאַרשפּאַרט צו שטיפן...

יוסף דער מלמד, מיט דער לאַנגער, שוואַרצער באָרד, מיט אַ לענג־לעכן, שמאָלן פנים, וואָס האָט געטראָגן סיי וואָך און סיי שבת אַ שוואַרצע לוסטרינענע קאַפּאָטע, און אויפן קאָפּ — שוין אויף דער יאַרמולקע — אַ שוואַרצע היטל, פון איין שטיק שוואַרצע סחורה — אַפילו דער ברילעק פון דער זעלביקער סחורה — האָט ער אויסגעזען ווי אַ איד פון גאָר אַלטע צייטן. אַז ער האָט געלערנט מיט די קינדער תנ״ך, האָט זיך לייבלען געדאַכט, אַז ער זעט אויס, דער רבי זיינער ר׳ יוסף, ווי דער נביא ירמיהו... טאָמער האָט ער געלערנט מיט זיי גמרא, האָט זיך לייבלען געדאַכט, אַז דער רבי אַליין איז אויך אַ תנא און איז גערעכט, לויט ער האָט יענעם געזען אין זיין דמיון, צו רבי מאיר׳ן... עס זאָל פעלן אַ האָר!...

ווען ר׳ יוסף האָט מיט זיי אָבער געלערנט שבת פרק, האָט שוין ר׳ יוסף, זיין רבי, אין לייבלס אויגן אויסגעזען ווי דער תנא רבן גמליאל. דער רבי אַליין, הייסט עס, איז געוואָרן אַ איד פון פרק, פון יענע צייטן... און ניט יענער רבן גמליאל זאָגט עס די אַלע גוטע און קלוגע רייד, נאָר דער רבי זיינער...

ר׳ יוסף איז בכלל ניט געווען קיין בייזער רבי. געלערנט האָט ער „מיט גוטן"... און אַ קול האָט ער געהאַט אַ שיינעם... אַ דיקלעכן, אָבער

אַן אָנגענעמען, און אַ ניגון האָט ער געהאַט צו יעדער מין לערנען אַן אַנדערן. צו תנ"ך — אַזוי ווי אינגאַנצען געזונגען, צו גמרא — האַלב געלערנט און האַלב געזונגען, צו פּרק איז שוין געווען דער ניגון אַ געמישטער — האַלב פון תנ"ך און האַלב פון גמרא...

אויך דער חדר גופא איז שבת פאַרוואַנדלט געוואָרן ווי אין אַ שטוב ערגעץ אין ארץ־ישראל — וואו רבן גמליאל, צי אַן אַנדער תנא פון פּרק האָט געוואוינט — וועדליק לייבל האָט עס געזען און זיך פאַרגעשטעלט אין זיין דמיון. דער טיש מיט דער איבערגעדעקטער טישטעך — ווי אַ שולחן. די געוואַשענע הילצערנע בענק, אויף וועלכע די תלמידים וואָס זיינען גע־קומען לערנען פּרק זיינען געזעסן, האָט אויסגעזען ווי פון פּימפּסנהאָלץ. די ערדענע פּאָדלאָגע, שטאַרק אויסגעטריקנט, ווי שטיין, האָט אויסגעזען ווי דער דיל אין אַ געצעלט ערגעץ אין די פּליינען פון ממרא.

איז שוין לייבלען דעמאָלט אין זינען ניט געלעגן דער היגער וואַלד, דער וועג צום דאָרף גאַלינקע, די רעלסן מיט די פּאַיעזדן, און ניט די מיל מיט דער ראָד, מיט די שטיינער, וואָס מאָלן מעל...

ער האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט וויכטיקע ענינים און מיט גאָר גרויסע אידן — תנאים, און געהערט אַזעלכע רייד, וואָס אַפילו אַז מען הערט זיי צו צוועלף יאָר, ווערט מען שוין אַ גרויסער איד, אַ דערוואַקסענער, הייסט עס, און עס פאַרגייט דער חשק צו שפּילן זיך, צו גיין אין וואַלד, אין דאָרף, צום מיל און צו די פּאַיעזדן.

ביי די ערשטע פּסוקים פון פּרק טראַכט נאָך לייבעלע פון דער גאַס; ער כאַפּט נאָך אַ קוק אין פענצטער צו דער זון אויפן הויף, און צום גרינעם גאָרטן, מיט אַלערליי גרינסן, וואָס וואַקסן אין אים. דער רבי, ר׳ יוסף, מאַכט זיך ניט זעענדיק... ער זינגט נאָר אויס העכער אַ פּסוק פון פּרק... דער פּסוק איז טאַקע פול מיט חכמה... און געזאָגט האָט דאָס ניט קיין אַנדערער, ווי רבן גמליאל... דאָ אין חדר אָבער, אין דעם שבת׳דיקן נאָכמיטאָג, זאָגט עס דער רבי, ר׳ יוסף, לייבעלעס רבי...

און לייבלען דאַכט זיך, אַז עס איז ניט נאָר איין אומה, נאָר איין משפּחה. זיין רבי יוסף דער גמרא־מלמד איז טאַקע אַ איד פון פּרק... ניט פאַלגן אים איז ניט נאָר אַ מורא, נאָר טאַקע אַ רחמנות.

סיידן גאָרניט קומען שבת אין חדר. ניט אַלע מלמדים האָבן איינגע־פירט צו לערנען שבת פּרק מיט די תלמידים. אָבער לייבל מאַכט זיך האָרץ יעדן שבת נאָכמיטאָג און קומט... וואָס ווייטער ער שפּאַצירט אַריין מיטן רבין אין פּרק אין די סאַמע געדיכטע, אַלץ ווייטער ווערט ער פון וואַלד, פון דיביימער ביי דיביידע זייטן וועג, פון דער מיל. ער געפינט זיך שוין ערגעץ אַנדערש, צווישן אַנדערע מענטשן, מיט אַנדערע נעמען... איינער הייסט אַבטליון... און דער חדר אַליין איז אַן אַנדערער...

און ווען ער גייט אַרויס פון הדר, וואו ער איז געזעסן ניט מער ווי איין שעה, איז שוין דער שבת׳דיקער לאַנגער טאָג צעריסן געוואָרן. ס׳איז שוין באַלד מנחה־צייט... גיין ערגעץ איז שוין שפּעט, און די חברים זיינע פון די אַנדערע חדרים זיינען שוין מסתמא ערגעץ ווייט... ער הערט זייער קלינגענדיקן לאַכן, זייערע רווישיקע שפּילן... ער זעט זיי דאָ אין וואַלד, דאָ ביים טייך, ביי דער מיל, צי גאָר אויף דער גרינער לאָנקע ביי די רעלסן, וואו די פּאַיעזדן גייען פאַרביי — וועלכער פּאַמעלעך און וועלכער שנעל, שנעל, אַזש מען זעט זיך ניט אַרום ווי אַזוי ער פאַרשווינט...

און לייבל לאָזט זיך אַן אומעטיק־פאַרטראַכטער אַהיים...

## 4.

## די דריי סעודות...

אַוודאי האָט די וואוילגעלערנטע חנה זלמנס געוואוסט, אַז שבת פאַר־שטערן טאָר מען ניט, מעג אַ שבת אַפילו אויספאַלן אין די אומעטיקע „דריי וואָכן"... צי אַפילו דעם סאַמע טרויעריקן שבת־חזון, וואָס פאַלט אויס פאַר תשעה־באָב, טאָר מען אויך ניט פאַרשטערן... אָבער זי, וואָס האָט געדענקט סיי די הפטורה, סיי די בלעטער געשיכטע וועגן „חורבן ירושלים", וואָס איז געדרוקט נאָך דער הפטורה, אין איר טייטש־חומש, נאָך פון פאַראַיאָרן, האָט ניט געקענט פועל׳ן ביי זיך אויף אַ „שבת־חזון" אַנצוגרייטן צו־רייכע גע־ריכטן... ניט אויף דער פרייטיק־צונאַכטיקער וועטשערע, ניט אויפן שבת־דיקן וואַרמעס — בייטאָג...

עס איז אויסגעקומען ווי זי וואָלט זיך אַליין געגנאַרט. קיין פיש האָט זי ניט געקויפט — ווייל איר האָט זיך געדאַכט, אַז די פיש איז ניט פון די וואָס זלמן און די קינדער האָבן ליב. און ס׳איז טאַקע געווען גראָד טייער... האָט זי אַנשטאָט פיש צוגעגרייט אַן אַנדער ערשט־געריכט פאַר פרייטיק־צו־נאַכ־טיקער וועטשערע.

איר זלמן, כאָטש אַן אויפגעקלערטער, האָט אַוודאי אָנגענומען איר תירוץ. און גראָד איז ער מיט דעם אָרעמען געריכט געבליבן שטאַרק צופרידן.

— זייער באַ׳טעמ׳ט... — האָט ער גוטמוטיק גערימט.

און אַלס צייכן, אַז ער האָט עס טאַקע געמיינט, האָט ער אויף דרך־ארץ ניט איבערגעלאָזט...

ווען ניט שבת־חזון וואָלט חנה זיך געפרייט: זלמנען זאָל אַזאַ אָרעמע ערשטע געריכט יאָ געפעלן — איז פאַר איר געווען אַ שטאַרקע אָנערקענונג פאַר איר בריה׳שקייט. אָבער סיי ווי סיי האָט זי זיך געדרויטלט, און דערפאַר אָראָפּגעדרוקט מער אויף דעם שטערן די האַלב־זיידענע טיכל... און זיך גע־גרייט צו דערלאַנגען די איבעריקע פרייטיק־צו־נאַכטיקע געריכטן, וואָס צוליב

שבת־חזון האָט זי אי ווייניקער זיך אָפּגעגעבן ביים קאָכן זיי — בייטאָג, אי טאַקע ווייניקער געווירצט.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די יויך איז געווען אַפילו פּאַר אַ חתונה־וועטשערע — די מחותנים צו דערלאַנגען און דאָס חלק פלייש, וואָס יעדער באַקומט ביים טיש — און זלמן, ווי דער מאַן, פּאַטער און שפּייזער — דער ערשטער — כאָטש ער האָט עס ניט פאַרלאַנגט — איז אי גרעסער ווי יעדער פרייטיק־צו־נאַכט, אי געשמאַקער.

חנה האָט שוין אַזש אין האַרצן דעמאָלט פּאַראיבל געהאַט אויפן באַ־קאַנטן קצב — ישראל־וועלוועל... סטייטש — האָט זי געטראַכט: זי האָט אומישנע אים געבעטן אַ מאָגערן חלק און ניט קיין טייערן, און זיי, ביים טיש, פאַרקערט, זאָגן גאָר, אַז ס׳פלייש איז באַ׳טעמ׳טער ווי אַלע מאָל... און דווקא שבת־חזון...

אָבער ווי באַלד שבת פאַרשטערן טאָר מען ניט — זי האָט דאָך וועגן דעם אַליין געלייענט — האָט זי חלילה, ניט געזינדיקט, און זאָל טאַקע די קינדער און זלמנען וואויל באַקומען... אינמיטן וואָך — אין די דריי וואָכן קומען זיי נעבעך אָפּ — האָט זי זיך אין געדאַנק פאַרטיידיקט...

ערשט אויף מאָרגן שבת צום וואַרמעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווער־ליק די מבינות־זאַגערייי פון זלמנען און פון די קינדער — אַז פון דער ערשטער געריכט אָן ביז דעם קוגל, צעגייט אַלץ אין מויל... און יאָ — האָט שוין געפּרעגט זלמן — וואו האָט זי טאַקע גענומען אַזאַ מין פאַרשפּייז?... אויך דער קוגל דווקא אָן ראָזשינקעס און געשניטענע רייפּטלעך עפּל, ווי דאָס רוב אין אַ שבת — איז געווען מעדני מלך.

איז חנה אַוודאי געווען אי פאַר׳חידוש׳ט פון דער פאַרוואַנדלונג פון יעדער אָרעמער געריכט אין אַ רייכער, אי צופרידן וואָס זלמן און די קינדער לויבן אַזוי שטאַרק יעדעס געריכט... אַדרבא, זאָלן זיי הנאה האָבן, זאָל זיי וואויל באַקומען...

אין אַ ווײַלע אַרום, אַז דער טיש איז געבראַכט געוואָרן צוריק צו זיין שבת׳דיקער אָרדענונג, מיט דעם רייכן טישטעך איבערגעדעקט — זיינען די קינדער אַרויסגעגאַנגען ווער — פון די קלענערע — צו שפּילן מיט די אַנדערע קינדער אויף דער גאַס, און — אַ דערוואַקסנס — צו אַ חבר׳טע, צי צו אַ חבר׳ל.

זלמן אַליין איז צוגעגאַנגען צו זיין שטענדיקן לייען־אָרט: ביים קאָמאָד — צוגעשפּאַרט צום פענצטער, וואו ער האָט שטייענדיקערהייט אַריינגעקוקט אין איינעם פון זיינע ביכלעך, פון די אייגענע, צי פון די געבאָרגטע ביי זיינע רייכערע חברים נאָך פון בחור׳שער צייט — און געלייענט בלויז מיטן בליק, אָבער אַזוי פאַרטיפט, אַז חנה האָט זיך שוין געקענט נעמען צוגרייטן צו לייענען איר ספר אויף עברי־טייטש, איר טייטש־חומש...

אויפגעמישט פריער די הפטורה צו דער סדרה „דברים", וואָס איז טאַקע געווען באַשטימט פאַר דעם זעלביקן שבת — האָט זי נאָך ניט געוואַגט אָנצוהייבן מיט דעם ריכטיקן ניגון, צוגעפּאַסט שוין זינט יאָרן פאַר איר און וואָס זי אַליין האָט עס געהערט, ווען זי איז נאָך מיידלווייז געווען אין דער היים ביי איר טאַטן אליה יונה און איר מוטער רבקה האָט נאָך געלעבט. האָט זי אָנפאַנגס געלייענט אין דער שטיל און אָן אַ ניגון...

האָט שוין זלמן זיך דערמאָנט, אַז אין אַזאַ שבת האָט חנה אַ סך צו לייענען, און כאָטש ער האָט געהאַלטן אין לייענען אַ שטעל, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט מיט דער גרויסער פאַנטאַזיע — האָט ער שטילערהייט פאַרמאַכט זיין ביכל, עפּעס אַ מורמל געטאָן ווי אי צו זיך, אי צו חנה'ן, און דאָס האָט באַדייט, אַז ער גייט זיך דורך...

חנה האָט געוואוסט, אַז ער, כאָטש אָן אויפגעקלערטער, אָבער ער ווייסט אַלץ, וואָס זי וועט דאָ באַלד לייענען — און אויך אים טוט ווי שטאַרק דאָס האַרץ אויף חורבן ירושלים... נישט מער — ער לייענט עס אין זיינע ביכלעך אויף לשון־קודש, און ביי אים איז רעכט אַפילו אינמיטן וואָך און דווקא ניט אין דער ריכטיקער צייט, ווען מען דאַרף גאָר זיין פריילעך, ווענדליק די סדרה... האָט זי אים פאַרגעבן און האָט אים אין געדאַנק געוואונטשן אַלדאָס גוטס, וואָס ער גייט אַוועק און לאָזט איר אַליין מיט אַזאַ סדרה, און מיט אַזוי פיל צו לייענען נאָך דער סדרה — וועגן חורבן ירושלים, און דערצו נאָך דער פּרק... די קינדער זאָלן נאָר אינמיטן ניט אָנקומען פון גאַס, און ניט בעטן עפּעס — עסן, צי טרינקען...

ערשט ביי דער סדרה לייענען, און ווער רעדט שוין שפּעטער — ביי דעם טייל חורבן ירושלים, וואָס אַלע מעשיות זיינען איבערדערציילט אין אַ גרינגן עברי־טייטש, און זי האָט שוין געלייענט וויינענדיקערהייט, האָט איר נאָך דערצו שטאַרק ווי געטאָן וואָס זי האָט צופיל צוגעגרייט מאכלים. אמת, זי ווייסט, אַז שבת טאָר מען ניט פאַרשטערן — אָבער עס איז דאָך פאָרט אַזאַ שבת — אַ שבת־חזון! וואָס דאַרפן האָט זיך דאָס אין אָט דעם שבת אָפּגעטאָן...

האָט זי שוין וואָס וויטער געלייענט מיט אַ מער וויינענדיקן קול... און זי האָט שוין ניט געהערט, וואָס אַרום איר קומט פאָר...

אין שטוב זיינען שוין אָנגעקומען פריער די קלענערע קינדער, שפּעטער די גרעסערע, און באַלד נאָך זיי — זלמן אַליין... די צוויי קליינע קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט איינס צום צווייטן — אין אַ ווינקל און זיך געהיט ניט הויך אָן אָטעם צו טאָן. און איינס פון די צוויי גרעסערע — די טאָכטער, האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער דער מאַמען, דאָס קיילעכדיקע פרישע פּנים אויף אירע אויסגעשטרעקטע הענט און זיך צוגעהערט, ווי די מאַמע וואָלט געלייענט אַ געשיכטע פון היינטיקער צייט... אגב האָט שוין

די זעלביקע טאָכטער, וואָס האָט שוין גענומען ראָמאַנען אויף פּראָקאָט און האָט זיי געלייענט יעדן שבת, פלעגט אויך פון צייט צו צייט, ווי בשתיקה פון דער מאַמען, אַריינקוקן אין דעם דאָזיקן עברי־טייטש בוך, וואָס זי, די מאַמע, לייענט מיט אַזאַ אומעטיקן ניגון... די יונגע טאָכטער פלעגט גראָד געפינען צו לייענען אין דעם דאָזיקן ספר אויף עברי־טייטש וועגן זייער שיינע פּאַסירונגען מיט דער וועלט און מיט מענטשן... אַנדערע ווערטער, און אַפילו גאַנצע פראַזן, האָבן איר דערמאָנט אין די היינט־וועלטיקע ביכלעך, די ראָמאַנען, וואָס זי האָט פון צייט־צו־צייט גענומען אויף פּראָקאָט...

און דאָס אינגעלע, איר ברודערל, איז געשטאַנען ניט ווייט פון טיש, אַריינגעדרונגען מיט די שוואַרצע אויגן, דאָ אין דער מאַמען, דאָ אין איר בוך, און ניט געוואַגט עפּעס צו בעטן, צי פרעגן...

בלויז זלמן, ווי דער עלטסטער אין שטוב, דער מאַן און דער פאָטער, און וועלכער איז געקומען שפּעטער פון די קינדער, האָט מיט גרויס רחמים אין זיין שטים — זיך געווענדט צו חנה׳ן און געזאָגט:

— נו, רו זיך אָפּ, חנה... ס׳איז דאָך שוין באַלד מנחה־צייט... די קינדער וועלן דאָך וועלן עסן...

דאָ האָט חנה אַ מיש געטאָן די בלעטלעך; ערשט זי האָט נאָך געהאַט אַ צוויי זייטן; אמת, שטאַרק שפּאַרעוודיק... און דערצו נאָך — מוז זי אָפּזאָגן דעם פּרק פון אָט דעם שבת...

האָט זי פונדעסטוועגן זיך אויפגעהויבן פון טיש, געמאַכט אַ סימן מיטן שיינעם שנירל אין ספר, צו געדענקען וואו זי האָט איבערגעלאָזט און זיך געלאָזט זען, וואָס הערט זיך מיטן דריטן מאָלצייט לכבוד שבת...

זי האָט געהאַט צוויי געבעטן צו היטן: אי טרויערן אויף די אומגע־קומענע אין ירושלים, אי ניט פאַרשטערן שבת, און דערצו זאָלן די קלענערע קינדער, וואָס וויסן נעבעך פון גאָרנישט — טאַקע ניט בלייבן הונגעריק, חלילה...

און ווי באַלד עס איז שוין געווען זעקס שעה נאָכן שבת׳דיקן וואַרמעס — האָט שוין חנה געקענט צוגרייטן אַדריטע סעודה פון דעם ביסל מילכיקס, וואָס עס האָט זיך ביי איר געפונען אין שפּייז־אַלקערל, ווי ביי אַ באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך בכלל געזאָרגט פאַר איר הויזגעזינד. דערצו האָט זי געטראַכט — ס׳איז דאָך פאָרט שבת, און פאַרשטערן טאָר מען ניט — טאַקע נאָך פּרייטיק פרי — מיט דער חלה, אויסגעבאַקן אַזאַ מין קוכן, אַ פלאָדן כלומרשט, טאַקע פון זעלביקן טייג פון דער חלה, אָבער מיט אַ האַלבער איי און מיט אַביסל גוטן בוימל, אי אַריינגעטאָן אין דעם טייג, אי אונטערגעשמירט די סקאָווע־רעדע... און ס׳איז גראָד אַרויס געראָטן — דווקא אום שבת־חזון...

די דריטע שבת׳דיקע סעודה איז אַרויסגעקומען רייכער ווי יעדער שבת — אַזוי האָט זיך געדאַכט חנה׳ן. זי האָט זיך אָבער פאַרגעבן נאָכדעם,

ווען זי האָט שוין ביים סוף געלייענט ווי אַזוי גאָט הערט דער מוטער רחלס טענות און ער זאָגט צו דער מוטער רחל, אַז פון אירעט וועגן וועט ער די ישראל אומקערן צו זייער לאַנד — קיין ארץ־ישראל...

דורך די טרערן האָבן זיך אירע אויגן געליכטיקט מיט גלויבן... און זי האָט זיך שוין געריכט אויפן קומענדיקן שבת — אויף שבת־נחמו...

אויף איר פנים האָט זיך שוין געשפּילט די קומענדיקע פרייד...

## שלום אַש

### 1.

### שבת אין וועג

#### א

דו זעסט, אַפילו אַ בלאָז פון אַ ווינטל גייט דאָ ניט פאַרלאָרן. ניט אויף קיין שטיינערנע טראָטואַרן פאַלן דאָ די זונענשטראַלן, ניט אויף שטיי־נערנע מויערן בלאָזט דאָ דער ווינט פון פרילינג. וואַרף נאָר דיין בליק אַרום: יעדער פון די פרילינג־ווינטלעך עפנט אַ נייע טיר אין דער ערד, יעדער שטראַל פון זון רופט אַרויס צום לעבן נייע גראָז־קעפּלעך פון דער ערד, און דער ווינט באַנייט זיי, די טוי־טראָפּן טרינקען זיי אָן, און גאָטס וועלט שפּראָצט אַרויס... די געשמאַקע ריחות טראָגן זיך אום אין דער לופטן און באַהויכן מיט זייער אָטעם אַלץ, וואָס זיי באַגעגענען אויפן וועג...

איינזאַם בין איך אין וועג, ווייט פון שטאָט, פון אַ דאָרף. אַרום ציען זיך גרינע זאַפטיקע בייטן. דער פסח איז נאָך ניט לאַנג אַריבער, די געוויקסן האַלטן נאָך ביים פאַנאַנדערשפּראָצן, דיינע אויגן ווערן נאָך ניט פאַרבלענדט פון קיין ציטיקער פרוכט, — ניין, אַלץ האַלט נאָך דערוויל אין אײן שפּראָצן...

די ערד איז נאָך שוואַרץ דאָ און דאָרט, קליינע גרינע קעפּלעך עפענען זייערע קליינע מיילעכלעך, קליינע בלומען קוקן אַרויס, ווי ק נדערשע אויגעלעך, מיט התפּעלות, פרייען זיך און לאַכן...

און אַלץ וואַקסט אויף די אויגן, וואַקסט און בליט פאַנאַנדער... און אויבן, איבער דעם אַלעמען, שפּרייט זיך אַ ברייטער און פריילעכער הימל. און אַרום איז קיינער נישטאָ, אויסער דיר איינעם. איינזאַם ביסטו, דיין פּעקל אויף די פּלייצעס, דער שטאָק אין דער האַנט, און דו גייסט ווייט, ווייט, און עס דאַכט זיך דיר, אַז קיין וועלט איז גאָר ניטאָ, ניטאָ קיין שטאָט, ניט פאַר דיר, ניט הינטער דיר. איינער ביסטו אויף דער וועלט און דו ביסט דער הערשער איבער אַלץ, וואָס אַרום דיר...

ב

הינטערן וואַלד שטייט אַ קלייך הייזל, די ווענט פון ברעטער; איבערן צעפוילטן שינדל־דאַך הייבט זיך אַ שוואַרצער, אַן אויסגעקרימטער קוימען. דאָס קליינע הייזל שטייט פאַר זיך, איינס און אַליין, אַזוי ווי עס וואָלט קיין שייכות ניט געהאַט צו דער גאַנצער איבעריקער וועלט. עס שטייט און עס זעט, אַלע טאָג קומען האַלצהעקער מיט העק אין די הענט, האַקןביימער, און דאָס קליינע הייזל האַלט אין זיך טיף פאַרבאָרגן דעם טרויעריקן סוד... פון איין זייט ציט זיך דער וואַלד, הויכע צווייגהאַפטיקעביימער שטייען, ווי אַ סך מנינים אידן; אין דער הייך און אין דער ווייט ציען זיך צווייגן, איינע נאָך די אַנדערע, און פאַרשווינדן טיף אין וואַלד אַריין... דאָרט אין טיפן וואַלד איז געוויס פאַראַן עפּעס אַזוינס... פון מיטן וואַלד קומט געשווינד צו לויפן אַ קוועלכל און לויפט ווייטער, און איילט זיך, אַזוי ווי אימיצער אין טיפן וואַלד וואָלט אים שלעכטס געטאָן, און ער לויפט צו קלאָגן זיך פאַר מוטער־טייך, אַריינצופאַלן אין איר מוטערלעכע אָרעמס... ווייט לינקס, הינטער די פעלדער, זעט זיך נאָך עפּעס וואָס, אָבער וואָס דאָס איז — ווייס איין גאָט...

אויפן בענקל, וואָס פאַרן הייזל, פונקט קעגן וואַלד, זיצט ר׳ בנימין. פון אונטער זיין זשילעט זעען זיך אַרויס לאַנגע ציצית. ער רויכערט אַ ליולקע און קוקט אין דער וועלט אַריין. ער דערזעט מיך נאָך פון דער ווייטן און ווינקט צו מיר מיטן פינגער. „זייט מוחל, ר׳ פעטער״ — פאַרטייטש איך מיר זיין וואונק, אָבער הערן הער איך גאָר נישט — דער שטח איז נאָך צו ווייט.

בנימין דער וואַלד־וועכטער וואוינט שוין דאָ פון לאַנג. דאָס הייזל האָט ער געעירש׳נט נאָך פון זיין עלטער־עלטער זיידן. עפּעס אַ מין „הכנסת־אורחים״ האָט גאָט באַשאַפן דאָס הייזל אין מיטן וועג, אַ איד זאָל האָבן וואו אַריינצוגיין. אַ פולע שיסל מיט זויערמילך, אַ שטיק שוואַרץ ברויט — דאָס באַקומט יעדער אומזיסט, קיין געלט וויל בנימין פאַר אַזעלכע זאַכן ניט נעמען. „אַז איך פיר עס אַרויס אין מאַרק, איז עס סחורה, — זאָגט בנימין — אָבער כל־זמן עס איז נאָך אין דער היים, איז דאָס אַ שטוב־זאַך, און פאַר שטוב־זאַכן נעמט מען קיין געלט ניט״.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיר אַנטקעגן. ער שאָקלט מיר פון ווייטן מיטן קאָפּ — ער מיינט, איך זאָל אָפּוואַרטן.

— פון וואַנען גייט אַ איד?

— אַוודאי פון סטשעלעץ קיין גאַסטינין, אַנצוציען אויף שבת, — פּרוּאווט ער טרעפן.

— האָסט שוין פאַרשפּעטיקט, — זאָגט ער און מאַכט מיט דער האַנט — די זון גייט שוין אונטער, — און ווייזט מיט דער האַנט אויפן רויטן הימל, וואָס הינטערן וואַלד.

ניט קלערנדיק קיין סך, פאַרקירעווע איך זיך אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט צו זיין הייזל.

— דער לוח שרייבט, — זאָגט ער מיר דערוויל — אַז זיבן אַזייגער בענטשט מען ליכט. עס איז שוין נאָך פינף.

זיינע טאַטעס האָבן געציילט די טעג נאָך די שייטלעך האָלץ, וואָס זיי פלעגן אַלע טאָג צוגעבן הינטער דער הרובע, און דאָס וועטער פלעגן זיי פאַרזאָגן נאָך דעם אויסזען פון הימל. אָבער בנימין ווייס דאָס אַלץ שוין פון לוח.

מיר קומען אונטער צום הייזל. אויפן שוועל שטייט אַ הויכע אידענע, אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ ווייסע פאַטשיילע און קוקט אויף איר מאַן, אַזוי ווי זי וואָלט אים עפּעס וועלן פרעגן. הינטער איר פאַרטוך באַהאַלטן זיך צווי קליינע מיידעלעך, קוקן אַרויס מיט זייערע אָפּגעברענטע פּנים׳לעך, זייערע האָר, האַלב רויטלעך, האַלב געלבלעך, זיינען צעשויבערט. זיי קוקן אויף מיר מיט אַ קינדערשן שמייכל.

—טויבע, מיר האָבן אַן אורח אויף שבת.

איך גיב אַ שאָקל צו דער אידענע מיטן קאָפּ. מיין שאָקל דאַרף באַ־טייטן: „גוט מאָרגן“, „גוטן אָוונט“. די אידענע שטייט, ווייס ניט וואָס צו טאָן. אָבער פלוצלונג גיט זי זיך אַ קער און גייט אַריין אין הויז.

אַמאָל, אַז מען האָט געהאַקט דעם אַלטן וואַלד, האָבן דאָ געוואוינט שאַפאַרעס, און עס איז געווען אַ קאַנטאָר, איז דאָ געווען אַ מנין, און אַ ספר־תורה איז געווען, — דערציילט מיר ר׳ בנימין.

מען פירט מיך אַריין אין שטוב. דאָס ערשטע, וואָס מיין בליק קען אונטערשיידן איז — מילך קריג, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אויף צווי מיל־כיקע בענק. אין שטיבל איז קאַלטלעך. אויף די פענצטער שטייען פולע טעפּ מיט זויער־מילך, און אַ פעטער געררוך טראָגט זיך איבערן גאַנצן הייזל.

באַלד קומט אַריין אַ הויך מיידל מיט צווי שוואַרצע צעפּ אויפן קאָפּ. פון אונטער דעם רויטן קליידל זעען זיך די באָרוועסע פיס. אויף דעם רויט־געוואָרענעם געזיכט אירן שוועבט אַ שעמעוודיקער שמייכל. זי טראָגט אַריין אַ פולן קאָרב אייער. ווי זי דערזעט מיך, גייט זי שנעל אַריין אין צווייטן קאַמער.

דאָס מיידל שעמט זיך. יעדעס מאָל, ווען זי גייט נאָר דורך דאָס שטיבל, הייבן זיך אָן אירע באַקן צו רויטלען, און זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. איך האָב איר ניט געוואָלט שטערן, בין איך אַוועק זיך אַרומוואַשן לכבוד שבת.

ג

דאָס הויז איז אויפגעראַמט און ריין. עס ברענען צווי ליכט אין צווי באַגילדעטע, אויסגערייניקטע לייכטער. דער טיש איז צוגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך. אַרום איז שטיל. די חלות זיינען צוגעדעקט מיט אַ קליין ווייס טיש־

טעכל. דער רויטער ווײַן בלישטשעט אין קלאָרן פלעשל, און די כוסות שטייען אַרום. אויף אַלץ רוט דער גייסט פון שבת. דער טאַטע, אַן אויסגעוואַשענער און אַ ריינער, שטייט ביים טיש אויבן־אָן אין דער שבת׳דיקער קאַפּאָטע און זאָגט אויפן קול „לכו נרננה" פון אַ סידור. די מאַמע, אויך אַן אַרומגעוואַשענע, מיט אַ ווייסן שבת׳דיקן שלייער אויפן קאָפּ, זיצט און קוקט אין אַ תחינה. די מיידעלעך, אין בלויע קליידעלעך מיט ווייסע פאַרטוכלעך, זיצן שטיל און הערן זיך איין אין טאַטנס דאַווענען. און די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, מיט די צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, זיצט אויך ביים טיש. זי שעמט זיך שוין ניט. דאָס געזיכט רויטלט זיך. זי איז פאַרטראַכט. די אויגן בלישטשען, און צוויי ברעמען ווי בויגנס וואַכן און היטן די אויגן, וואָס קוקן זיך צו אַלץ צו און שווייגן. פייגעלע זיצט און טראַכט עפּעס...

עס איז אַזוי שטיל, שבת׳דיק. דעם טאַטנס קול נאָר צעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן הייזל. אַלע זיצן און האָרכן.

איך שטיי לעבן פענצטער. דאָס פענצטער איז אָפן. דער אַלטער וואַלד שלאָפט שוין לאַנג, איינגעהילט אויף העלפט אין נעפּל. פון עק הימל זעט זיך נאָך אַ רויטער בליאַסק. די זון גייט אונטער, זי פאַרשווינדט דאָרט ערגעץ טיף אין וואַלד, און דער אַלטער וואַלד שטייט און הערט זיך איין אין ר׳ בנימינס קול, וואָס איז מקבל־שבת, הערט, טראַכט עפּעס און שווייגט...

און ר׳ בנימין דאַווענט אַלץ העכער און העכער. ניט מיט לעבעדיקער שמחה איז ר׳ בנימין מקבל שבת — עס איז ספירה־צייט, דער איד איז איצט פאַרטרויערט, דער „לכה דודי" איז אויך אַ טרויעריקער. מיט אַ פאַרטרויערטער שטילער שמחה נעמט ר׳ בנימין אויף דעם שבת.

אַלץ אַרום איז גרייט און וואַרט נאָר אויפן שבת, און אָט באַלד, באַלד וועט ער קומען פון טיפן וואַלד, וועט קומען און וועט זיך אויף אַלץ צעשפּרייטן...

אַלץ אַרום שטייט און וואַרט און האָרכט ר׳ בנימינען. דער אַלטער וואַלד וויל אויך מקבל שבת זיין. ער בענקט נאָכן שבת און וויל לויבן דעם אַלמעכטיקן, אָבער די ביימער זיינען שטומע, און ר׳ בנימין איז דאָס זייער שליח־ציבור: ער זאָגט פאַר זיי, און זיי האָרכן... און אָט קומט צוגיין דער שבת און צעשפּרייט זיך איבער דעם גאַנצן געגנט.

אַלץ שווייגט און איז פול רו. דורכן פענצטער קומט אַריין דער שבת. די ליכט ברענען, די חלות זיינען צוגעדעקט. אַרום טיש מיטן ווייסן טישטעך זיצן אַלע אין שבת׳דיקע קליידער, און דער טאַטע גייט אַרויס אַנטקעגן און זינגט:

שלום עליכם, עליכם שלום!

ד

די נאַכט פון שבת. די ליכט גייען אויס, דער לאָמפּ ברענט נאָך העל. די מיידלעך זיצן אַרום טיש, האַלב זיצנדיק און האַלב אָנגעלענטערהייט, די קעפּלעך אויף די הענטלעך, און זיי שלאָפן. די מאַמע זיצט ביי אַ ווינקל פון טיש, קוקט אויף די גוסס׳דיקע ליכט און האָרכט. דער טאַטע זיצט אויבנאָן, אָנגעלענט אויפן שטול, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, ער קייט געקאָכטע באָב און הערט אויך. די עלטערע טאָכטער, פייגעלע, לייענט עפּעס אַ מעשה־ביכל פאַרן לאָמפּ.

שטיל און רואיק לייענט דאָס מיידל עפּעס אַ מעשה, וואָס איז פאַר־לאָפן מיט אַ גרויסן צדיק, וואָס האָט זייער אָפּגעהיט דעם שבת, און אַלע פּרייטיק נאָכמיטאָג פלעגט ער שוין ניט אַרויסגיין פון שטוב. און דער צדיק האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט. עס איז געווען אַ ווינטער־טאָג, דאָנערשטיק. דער צדיק איז אַוועק אין אַ דערבייאיקן דאָרף אויף אַ ברית, מל צו זיין אַ קינד. אַז ער איז געגאַנגען צוריק, איז אויסגעפאַלן אַ גרויסער שניי און האָט פאַר־טראָגן דעם וועג. דער צדיק האָט פאַרבלאָנדזשעט און האָט געמוזט נעכטיקן אין וואַלד. אויף מאָרגן, פרייטיק, איז דער צדיק אין גרויס צער און איז מתפלל צו גאָט, ער זאָל אים ניט דערלאָזן מחלל שבת צו זיין. פּלוצלונג הערט ער פון ערגעץ אַ זייגער שלאָגט צוועלף. דער צדיק שטעלט זיך אָפּ אונטער אַ בוים — ער וויל ווייטער ניט גיין, עס איז שוין שבת. ער גיט אַ קוק — ערשט ער שטייט פאַר אַ גרויסן פּאַלאַץ. דער צדיק גייט אַריין אין פּאַלאַץ, זעט ער אינעווייניק שטייט אַ טיש צוגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך, און ביים טיש זיצט אַ גרייז־גרויער מאַן מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, אין האַנט האַלט ער אַ זילבערנע טאַבאַק־פּושקע און לערנט. ער גייט אונטער: „שלום עליכם!״ — „עליכם שלום! אַ איד האָט פאַרבלאָנדזשעט, וועסטו ביי אונדז האַלטן שבת״...

איך שטיי ביים פענצטער. שטיל. דער וואַלד שלאָפט. די ביימער שטייען שטיל און האָרכן אויך די מעשה, וואָס פייגעלע לייענט, אָבער טיף אין וואַלד רוישט עפּעס... די שטערן ווינקען עפּעס פון הימל מיט אַזוי פיל חן; אַלץ רוט, אַלץ איז שבת׳דיק.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין עס דער צדיק פון פייגעלעס מעשה, וואָס האָט אויף שבת פאַרבלאָנדזשעט אין גן־עדן התחתון...

2.

## הכנסת אורחים

דאָס ווייבל האָט געוואָלט דעם מאַן געפעלן ווערן. זי האָט זיך אין שטוב אַרומגעקוקט צי איז אַלץ אַזוי צוגעגרייט, ווי ער האָט עס ליב. זי האָט

באַמערקט דעם צוגעשטעלטן טיש פאַר די אורחים מיט די וואָכעדיקע מעשענע לעפל און מעשענע לייכטער און מיט ברענענדיקע ליכט אין זיי; און געוואוינט איז זי געווען פון דער היים אויס, אַז אַלץ זאָל זיין שיין, יעדע זאַך אויף איר אָרט, און עס האָט איר געשטערט אָט דאָס וואָכעדיקע, וואָס רייסט זיך אַריין אין איר שבת אַריין. זי האָט נישט פיינט געהאַט די אורחים, — נאָר זיי מיט זייערע שמוציקע קאַפּאָטעס, דאָ ביי דעם הערלעך־געדעקטן טיש!... פאַר ליכט־צינדן איז עס נאָך געווען, האָט זי געהייסן די דינסטן גרייטן פאַר די אורחים אַ באַזונדערן טיש אין קיך און אַרויפשטעלן די מעשענע לייכטער מיט דעם וואָכעדיקן געפעס, כדי אַז זי מיט דעם מאַן און די קינדער זאָלן זיין ביי דעם טיש אַליין. זי האָט געמיינט, אַז עס וועט אים געפעלן אַזוי. דער טיש איז אַזוי שיין, שבת׳דיק!

עס איז אַראָפּגעקומען די עלטערע טאָכטער פון דער הייך, אויך שבת׳דיק אָנגעטאָן, מיט איר צירונג באַפּוצט. זי האָט געזען דעם באַזונדערן טיש, וואָס איז אין קיך געגרייט געווען, און איר האָבן פאַרדראָסן די בייע מאָדעס, וואָס מען פירט דאָ איין נאָך איר מוטערס טויט. נאָר דער „מומען" זאָגן עס האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי געוואַרט ביז דער פאָטער וועט קומען אַהיים פון שול. און כאָטש זי האָט די „מומע" ליב געהאַט און זיך גוט פאַר־טראָגן מיט איר, האָט זי דאָך אין האַרצן נקמה געוואָלט דערלעבן אָן איר, דערפאַר, וואָס זי פאַרנעמט דער מוטערס אָרט. זי האָט געוואוסט, אַז דעם פאָטער וועט פאַרדריסן די גרויסאַרטיקייט, וואָס דאָס ווייבל פירט איין אינדערהיים. דאָס ווייבל האָט זיך אַפילו געוואָלט מיט דער טאָכטער מיישב זיין, האָט זי אָבער געוואוסט, אַז אַ טאָכטערס האַרץ איז שטענדיק אָנגעקניפּט אָן דער מוטער... און איבעריקנס איז זי די באַלעבאָסטע אין דער שטוב און טוט וואָס איר געפעלט.

דערווייל איז דער שבת אָנגעקומען מיט רואיקע טריט. איבערן הימל האָט זיך די טונקעלע נאַכט אויסגעשפּרייט, ווי אַ שוואַרץ זיידן טוך מיט שטערן באַנייט. דאָס שטעטל האָט זיך אין טונקעלן שאָטן געהילט, די גע־וועלבלעך זיינען געווען פאַרמאַכט, די שבת־ליכטלעך האָבן פון די פענצטער אַרויסגעקוקט. און אַ שבת־יום־טוב׳דיקייט איז איבערן שטעטל ווי אַ זאַנפטער שלאָף געפאַלן. אידן גייען שוין פון דאַווענען אַהיים. רב שלמה מיט דעם אידעם און קינדער, מיט די יונגען, זיינע מענטשן — און אַ פּעקל אורחים הינטער אים. רואיק, מיט שבת׳דיקע טריט, טרעט זיך רב שלמה און מאַכט זיך מיט דער האַנט די שוואַרצע געדיכטע באָרד גלייך, פאַרשפּרייט זי איבער זיין וויס־געפּרעסטן העמד, איבער זיין שוואַרצן זיידענעם ראָק, און די אידיש־קייט שמעקט אַראָפּ פון אים. ער קוקט אויף די אָרעמע שטעטלשע גויים, וועלכע דרייען זיך אַרום האַלב־שיכור אין געסל, אין זייערע וואָכעדיקע קליידער, און באַדויערט זיי פון טיפן האַרצן, וואָס דער רבונו של עולם האָט מיט זיי דעם

חסד נישט געטאָן און זיי דעם שבת ניט געגעבן. עס בעט זיך דער איד און ווינטשט פון גאַנצן האַרצן, אַז משיח זאָל קומען, די וועלט זאָל ווערן אויס־געלייזט, און אַלע גוים פון דער וועלט זאָלן אָננעמען אידישקייט.

אַריינגעקומען אין שטוב, געזאָגט גוט־שבת; מיט אַ שטילן רואיקן שמייכל, וואָס שיינט איבערן פנים פון אַ פול האַרץ מיט פרייד, באַגעגנט חנהלע זיין „גוט־שבת" און ענטפערט אָפּ אין דער שטיל: „גוט־שבת, גוט־יאָר". רב שלמה דערפילט אין איר מינע די וואַרעמקייט פון איר האַרץ, וואָס ליגט ווי אַ ליכט אויסגעגאָסן איבער איר גאַנצער געשטאַלט, און מיט אַ האַרץ פול פרייד באַגריסט ער די שבת׳דיקע מלאָכים, וואָס קומען מיט אים אין שטוב אַריין. ער קוקט אויף דעם ווייס־געדעקטן טיש, אויף די זילבערנע לייכטער און דאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר אַלץ, וואָס ער טוט מיט אים און אַ גרויסע שטאָלצקייט פילט אים אָן, אַ שטאָלצקייט אויף זיין אידישקייט, אויף גאָט און אויף דער תורה, וואָס ער האָט די אידן געגעבן. ווי אַ קיניג פילט ער זיך אין זיין היים. אַוועק איז דער גלות, חורבן ירושלים איז קיינמאָל ניט געוועזן, און בבל און רוים האָבן קיינמאָל נישט עקזיסטירט. און ווי אַ נצחון־ליד איבער זיינע אייביקע שונאים, די גריכן מיט די רוימער, ווי ער וואָלט ערשט פון בית־המקדש צוריקגעקומען, און דאָ איז זיין ירושלים, זינגט ער „שלום־עליכם, מלאכי השרת".

אָבער פלוצלונג דערזעט ער דעם געדעקטן טיש אין קיך פאַר די אורחים. אַ צער דריקט זיין האַרץ, וואָס זיין שבת ווערט פאַרשטערט. ער ווייס, וואָס דאָס איז, און האַלט זיך איין מיט אַלע מעגלעכקייטן נישט צו שטערן זיין שבת. ער זעט, ווי די אורחים זעצן זיך שוין אויס אין קיך ביים טיש — און דער צער אין האַרץ ווערט נאָך גרעסער. פאַרשעמט ווערט ער פאַר זיך. „אַן אורח איז געגליכן צום רבונו של עולם; אַז דו ביסט מכבד אַן אורח, איז ווי דו וואָלסט דעם רבונו של עולם מכבד געוועזן", — דערמאָנט ער זיך, וואָס דער גאָסטיניגער רבי האָט אים אַמאָל געזאָגט. און ווער איז ער דען, וואָס ער זעצט זיך ביי זיין שיינעם טיש, און דעם רבונו של עולם לאָזט ער אין דער קיך? אָבער שבת איז עס. קיין איין וואָרט רעדט ער נישט, גייט צו צום טיש, נעמט אַראָפּ די פלאַש מיט ווייַן מיט דער כוס פון זיין טיש, טראָגט עס אין דער קיך אַריין און זעצט זיך אַוועק ביי די אורחים. באַלד האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון טיש און זיינען נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער אין קיך אַריין. קיינער האָט נישט דערוועגט זיך קיין וואָרט צו רעדן, ניט צו פרעגן. די אורחים האָבן באַלד צווישן זיך אָרט געמאַכט. מען האָט אָנגעהויבן איבערטראָגן אין קיך אַריין די שטולן, די טעלער און די לעפל. אַלע האָבן זיך אין קיך אויסגעזעצט ביים אָרעם־געדעקטן טיש, מיט די מע־שענע לייכטער, און די גרויסע זילבערנע לייכטער האָבן זיך פאַרשעמט און איינזאַם געברענט אין דער גרויסער שטוב.

דאָס ווייבל איז פאַרשעמט געוואָרן. רויט און בלאָס איז זי דעם גאַנצן אָוונט געווען, און נישט איינמאָל זיך טועה געווען ביים טיילן. דער עולם איז געזעסן שטיל. נאָר באַלד האָט זיי רב שלמה באַרואיקט מיט זיינע בליקן. נאָך דעם קידוש, ביי די פיש, האָט ער אָנגעהויבן פריינטלעך צו רעדן מיט די אורחים, מיט די קינדער און געשמייכלט ליבלעך צום ווייבל, און גערעדט צו איר, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען פאָרגעקומען. און גע־שפילט האָט ער זיך מיט די קינדער, געגלעט די מיידלעך איבער די קעפּלעך און געפּרעגט די אינגלעך עפּעס פון לערנען. באַלד האָט מען אָנגעהויבן זמירות צו זינגען, און אַלע האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זיצן אין דער קיך. אַלע זיינען צוריק פריילעך געוואָרן, באַרואיקט זיך, און דער שבת איז זיך גע־גאַנגען זיין געוויינלעכן יום־טוב׳דיקן גאַנג.

נאָר דאָס ווייבל אַליין איז געזעסן אַ טרויעריקע. און וויפל רב שלמה האָט זיך באַמיט זי צו באַרואיקן מיט די בליקן און מיט גוטע ווערטער, האָט עס נישט געהאָלפן. זי איז געזעסן אַ טרויעריקע און האָט רואיק געטיילט ביים טיש.

אַז זיי זיינען צו זיך אין צימער אַריינגעקומען, איז רב שלמה צוגע־גאַנגען צום ווייבל, האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ און געזאָגט אַזוי:

— ביסט פאַרשעמט געוואָרן, חנה׳לע. אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? אַז דו ביסט מכבד אַן אורח, איז ווי דו וואָלסט מכבד געווען דעם רבונו של עולם. און ווער, וואָלסטו געוואָלט, זאָל ליבער פאַרשעמט ווערן: דו, צי דער רבונו של עולם?

זי האָט אין דער שטיל דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגן און געזאָגט מיט אונטערטעניקייט און מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— איך ווייס ניט, ווי אַזוי איך זאָל זיך פירן. לערן מיך, שלמה, לערן מיך, איך וועל דיך פאָלגן... (פון „רב שלמה נגיד")

## 3.

## שלום־זכר

„אויף דיר בין איך געוואָרפן־געוואָרן פון דער טראַכט. פון מיין מוטערס בויך ביסטו מיין גאָט..."
פון זיין מוטערס בויך ווערט דער געלייטזעליגטער אויסגעוויילט פאַר זיין שליחות. די העכסטע לייט־זעליגקייט איז די קונסט פון גלויבן...
דאָס איז די געשיכטע פון יחיאל, וואָס האָט פון זיין קינד־הייט־אָן געפילט דעם עול, וואָס איז געפאַלן אויף זיינע פּלייצעס...

אַ שלעכטע צייט איז אויפגעשטאַנען אויף דער וועלט. איבער דער ערד זיינען נאָר־וואָס אַדורכגעגאַנגען די מלחמות פון גוג און מגוג. די פעלקער

פון דער וועלט, צוזאַמענגעטריבן אין נאַפּאָלעאָנישע חיילות, האָבן נאָר־וואָס דאָס לאַנד אַדורכגעצויגן; ווי אַ היישעריק די אויבערפלאַך פון דער ערד צו־געדעקט, אין יעדן בעט געשלאָפן, פון יעדן טאָפּ דאָס געקעכטס געפרעסן. באַשמוצט און צעטראָטן ווי אַ געפּייניקטער גוף ליגט דאָס גאַנצע לאַנד אַ חרוב׳דיקס און קרעכצט פון די שלעק, וואָס עס איז געשלאָגן־געוואָרן. די מלחמות פון גוג און מגוג זיינען שוין אַדורכגעגאַנגען און די טריט פון דעם פאַרשפּעטיקטן משיח הערן זיך נאָך אַלץ נישט...

דענסמאַל איז געגאַנגען אַ מאַן און האָט פאַרלאָזט זיין שווערס הויז. וואָרים נאָך דער מלחמה פון גוג ומגוג איז אַ הונגער געווען אין לאַנד. דער שווער איז פאַראָרעמט געוואָרן און האָט נישט געקאָנט מער דעם איידעם האַלטן אויף קעסט, אַזוי ווי ער האָט אים צוגעזאָגט אין די תנאים, כדי ער זאָל קענען זיצן און אין דער תורה לערנען. האָט ער גענומען זיין ווייב און זיך באַזעצט ביים ברעג פון ווייסל, וואָרים ער האָט געהערט, דאָס לאַנד איז רייך און פעט און די מענטשן האָבן זיך גענומען ווידער די ערד באַאַרבעטן, „האָבן געפונען ברויט אין מצרים". די פרוי האָט געהאַנדלט מיט די פויערים, פאַרקויפט זיי ציץ און לייוונט אויף די מערק. וואָרים דער מאַן אַליין איז געווען אַ פרומער און האָט טאָג־און־נאַכט געפאָרשט אין גאָטס תורה.

איז זיין ווייב טראָגעדיק געוואָרן און האָט אים געבוירן אַ זון, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן ישכר. אין דריי יאָר אַרום איז זי ווידער טראָגעד־יק געוואָרן און האָט געבוירן אַ צווייטן זון, וואָס מען האָט אים גערופן יחיאל, וואָס איז דער טייטש „לעבעדיקער גאָט".

און עס איז געווען, ווען די מוטער איז מיט איר קינד אין קימפּעט געלעגן — יעדן מאָל ווען זי האָט אים די ברוסט אין מויל געגעבן, האָט זי זיין נאַקעטן קאָפּ מיט איר האַנט באַדעקט און פאַר איר ניי־געבוירן קינד די ברכה איבערן מילך פון איר ברוסט געמאַכט, וואָרים זי איז געווען אַ פרומע פרוי און האָט איר קינד פון מוטערלייב נאָך צו גאָט געשענקט...

אָבער דאָס האָט זי נישט באַדאַרפט טאָן, וואָרים יעדן פאַרנאַכט זיינען חדר־אינגלעך צו דער קימפּעטאָרין אין שטוב געקומען, אַרום איר בעט זיך געשטעלט און פאַר דעם ניי־געבוירענעם ביז צו זיין אידישן קריאת־שמע געלייענט...

וואָרים ווי יונג די מוטער איז, איז עס שוין איר צווייט געבורט און זי איז געניט און ווייסט, אַז פאַר דעם צוועק האָט זי גאָט אויף דער וועלט באַ־שאַפן, וואָס מער נשמות פון הימל אין לעבן אַריינצוברענגען. זי האַנדלט און וואַנדלט ווי אַן אמת׳ע אשת־חיל, וואָרים איר מאַן דער פרומער און דער וואויל־לערנער איז פאַר עפּעס בעסערס באַשאַפן. אין בית־המדרש זיצט ער גאַנצע טעג און פאָרשט גאָטס שריפט, ער זאַמלט־אָן רייכטימער פאַר זיך און פאַר איר אויף דער צווייטער וועלט.

האָט די יונגע מוטער דורך דער גאַנצער צייט פון איר טראָגן יעדן פרייטיק צו ליכט־בענטשן אַ פּאָר גראָשן אָפּגעשפּאָרט און אין אַ באַזונדער שעפ געלייגט, כדי זי זאָל האָבן מיט וואָס די אורחים אויפצונעמען, ווען זיי וועלן קומען איר ניי־געבוירענעם מקבל־פּנים־זיין ביים שלום־זכר און ביים ברית. גאָט צו דאַנקען, זי האָט עס באַוויזן און זי קאָן זיין מיט לייטן צוגלייך.

דער שבת איז שוין אין דער אָרעמער שטוב אַריינגעבראַכט. די גוטע שכנ׳טע בלימעלע, ברוך דעם פישערס ווייב, האָט זיך זייער געמיט: די שטיי־נערנע פּאָדלאָגע פון געוועלב־שטוב, וואו די קימפּעטאָרין ליגט, איז אויס־געקערט און מיט יום־טוב׳דיקן געלן זאַמד אויסגעשיט; די ליכט־שנויצן לייכטן אין מעשענעם הענג־לייכטער פון דיקן באַלקן אַראָפּ; די ליכטלעך אָנגעצונדן אין די לייכטער איבער דעם ווייס־געדעקטן טיש. די קימפּעטאָרין ליגט ווי אַ קעניגין אונטער אַ ווייסן באַלדאַכין, וואָס איז מיט ווייסע ליילעכער פאַרהאַנגען. די ווייסע ליילעכער האָבן אַן אויסטערלישע ריינקייט אַרום איר געשאַפן און אַ ווייסן אָפּשייד געשניטן צווישן דער מוטער און דער איבעריקער וועלט. לעבן איר בעט שטייט אַ קליין טישל, אויף וועלכן עס ברענט זיך אַ ליכט, און אַ סידור ליגט פאַר איר. לעבן איר בעט זיצט די גוטע שכנ׳טע בלימעלע אין איר יום־טוב־הויב, אין איר שבת־קלייד, כדי די קימפּעטאָרין צו באַדינען. דער ניי־געבוירענער דרימלט איינגעבעט אין אַ קישן לעבן איר. דער עלטסטער זון, אין זיין שבת׳דיקן קאַפּל, שלאָפט דעם שלאָף פון די געריכטע ביי דער מאַמעס פיס. אַזוי איז אַלץ אין שטיבל אָנגעגרייט אויפ־צונעמען די אורחים, וואָס דער טאַטע איז געגאַנגען פון בית־המדרש ברענ־גען אַהיים.

באַלד איז דער טאַטע געקומען פון בית־המדרש, מיט גרויס פרייד האָט ער דעם שבת אין זיין שטוב באַגריסט און צום ווייב, פאַרדעקט הינטער די ווייסע ליילעכער, האָט ער אַרונטערגעזאָגט:

— גוט־שבת, מיין ווייב! מיר וועלן האָבן זייער חשוב׳ע אורחים. איך האָב געטראָפן חסידים, וואָס פאָרן פון רבין אַהיים און האָבן אויף שבת זיך פאַרהאַלטן אין שטאָט. איך האָב זיי געבעטן אויף שלום־זכר, זיי זאָלן מקבל־זיין דיין זון מיט געזאַנג און פרייד.

— זייער גוט האָסטו געטאָן, מיין מאַן!

דער יונגער פאָטער, אָנגעטאָן אין זיין אַטלעסענער זשופּיצע מיטן שטריימל אויפן קאָפּ, האָט איבער דער שטוב אָנגעהויבן שפּאַנען אַהין־און־צוריק, כדי די מלאָכים צו באַגריסן, וואָס זיינען מיט אים לכבוד שבת אין שטוב אַריינגעקומען:

—שלום עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון!

דער לאַנגער שאָטן, וואָס עס האָט געוואָרפן זיין בחור׳שער, אויסגע־דאַרטער יונגער קערפּער, איז אים נאָכגעגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט איבער

די פּאַליצעס טוך און ציץ, וועלכע זיינען איצט לכבוד שבת מיט ליילעכער געווען באַהאַנגען... אויך זיין בכור, דער צוויי־יעריקער זון, וועלכער האָט זיך ביים פּאַטערס אַריינקומען אין שטוב פון שלאָף אויפגעכאַפּט, באַקליידט מיט זיין סאַמעטן קאַפּל די אויסגעצערטע פּאות, איז נאָך דעם פּאַטער נאָכ־געגאַנגען און ווי דער טאַטע האָט ער זיך אויך אין די הענטלעך געפּאַטשט און מקבל־פּנים געווען די מלאכים, וואָס זיינען מיט דעם טאַטן אין שטוב אַריינגעקומען.

באַלד האָבן די ערשטע אורחים זיך באַוויזן. מען האָט אַריינגעפירט אונטער די אָרעמס דעם שוואַכן ר׳ מרדכי׳ן, וואָס איז געגאַנגען אַנגעטאָן, ווי דער מנהג דענסמאָל פון די אַלטע לכבוד שבת, אין ווייסן: אין אַ ווייסער זשופּיצע, אין ווייסע זאָקן. דער אַלטער ר׳ מרדכי, כאָטש אַ חלוש, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס און זיין אויסגעמאַגערטער, איינגעשרומ־פּענער קערפּער איז אַרויסגעפאַלן פון דער ווייסער קאַפּאָטע, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון דער מצוה, וועלכע איז געווען זיין חזקה, צו זיין אויף אַלע „שלום־זכרס״. געפירט האָט אים אונטער דעם אָרעם זיין שמש ר׳ שמעיה, וועלכער איז באַשטאַנען אינגאַנצן אויס שטיקלעך און ברעקלעך. זיין גרינע זשופּיצע איז געווען צעריסן, צעפּליקט, צעטרענט. און אַזוי ווי זיין זשופּיצע, אַזוי אויך זיין באָרד און פּאות. מען האָט ר׳ מרדכי׳ן אַוועקגעזעצט אויבנאָן ביי דעם לאַנגן ווייס־געדעקטן טיש, אויף וועלכן עס זיינען שוין געשטאַנען אַנגעשטעלט די גלעזער פאַרן ביר און טעלערלעך פאַר עפּל און געזאָטענע אַרבעס.

נאָכן רב זיינען געקומען די שטאָט־אידן, — אידן מיט רויטע, אידן מיט שוואַרצע בערד, פון ווינט און רעגן אויסגעפּראַסטעטע רויטע פּנים׳ער, אידן בעלי־מלאכות, יאַרידניקעס, פעלצן־וועשער, הענדלערס. זיי האָבן געפירט ביי די הענט זייערע יונגע קינדער, וועלכע זיינען אויך געקומען דעם נייעם איד צו באַגריסן. אַלע האָבן זיך אַרום די טישן אויסגעזעצט. די עפּעלעך די קינדער צעטיילט און אַליין האָבן זיי אַ ברכה געמאַכט איבער די אַרבעס און ביר.

דאָס זיינען געווען פּשוט׳ע מענטשן. פון גרויסע געטלעכע וועגן האָבן זיי נישט געוואוסט, זיי זיינען געווען שלום מיט זייער גאָט. געדאַוונט צו אים מיט פּראָסטן געבעט. און ווען עס איז זיי שלעכט געגאַנגען, האָבן זיי זיך געווענדט צו אים דורך דעם מויל פון קעניג דוד, דורך זיין תהילים. זיי האָבן דעם ניי־געבוירענעם איד באַגריסט מיט אַ שיין ליד, געזונגען קורץ־אָטעמדיק, מיט אַ בעטנדיקער שטימע: „גאָט איז מיין שעפער, גאָרנישט וועט מיר פעלן, אויף פעטע פעלדער פיטערט ער מיך, ביי רואיקע וואַסערן טרינקט ער מיך אָן...״ דאָס ליד, מיט קרעכצן און זיפצן אַדורכגעזאַפּט, איז געקראָכן שווער,

ווי מידע פערד אויף אַ שטיינערדיקן באַרג. עס איז געווען אַ שנאָרער־געבעט נאָך אַ ביסעלע אָרעמער מענטשלעכער פרייד. דעם קרעכץ וועגן פּרנסה און דאָס אָכצן נאָכן ביסעלע געזונט האָט מען געהערט אין דעם ניגון. זיינע טראָפּנס, וואָס ער האָט געגעבן, זיינען נישט געווען קיין פולע, נאָר שיטערע, אָן טוי און אָן זיסקייט — רעגן אויף שווינדזיכטיקער, אויסגעזויגענער, זאַמדיקער ערד...

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און אַ כאַליאַסטרע יונגעלייט אין צעשליסענע אַטלעסענע קאַפּאָטעס, די שטריימלען פאַררוקט אָן אַ זייט, זיינען אַריינגעקומען, געהאַלטן זיך אינאיינעם, פאַרבונדן צוזאַמען דורך הענט און אָרעמס.

— גוט־שבת, אידן! גוט־שבת, בעל־ברית!

דאָס זיינען געווען אַ גרופּע חסידים, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פון פּשיסכע, פון דעם אָרט פון זייער רבין. שטריימלען פאַררוקט אָן אַ זייט, אַזוי ווי די קאָזאַקן, אויף די געגאָלטע קעפּ, מיט שפּיציקע לאַנגע בערד און פלאַמענדיקע אויגן, זיינען זיי געווען אַ חברה פאַר זיך אַליין. זיי האָבן געהאַלטן אין איין דערציילן די וואונדערלעכע זאַכן, וואָס זיי האָבן געהערט ביים רבין, וועגן די נייע וועגן פון לערנען און גאָט דינען, וואָס דער באַגרינדער פון פּשיסכע, דער „הייליקער איד", האָט איינגעפירט — צו דינען גאָט דורך פרייד.

און איינער פון זיי ,אַ יונגערמאַן מיט אַ געלן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און צוויי געלע פליענדיקע פּאות, וועלכע האָבן זיך צוזויפגעמישט מיט זיין בלאָנדגעלן, שפּיציקן בערדל, דערציילט ווייטער מיט גרויס התלהבות, נישט שטערנדיק זיך פון די פרעמדע, די מעשה פון „הייליקן איד", ווען ער איז נאָך געווען ביי זיין רבין אין לובלין, — וואָס ער האָט געהאַלטן אינמיטן דערציילן:

„ווען דער הייליקער איד איז נאָך געווען ביים רבין אין לובלין, האָט אים דער רבי פון לובלין ווי אַ צייכן פון גרויס כבוד געשאָנקען פּרייטיק פאַר דער מקוה זיינס אָן אייגן העמד. דער קליינער הייליקער איד האָט אויפן וועג צו דער מקוה אָנגעטראָפן אָן אָרעמאַן, וואָס האָט ביי אים געבעטן אַ נדבה אויף אַ טרונק בראָנפן. קיין געלט האָט ער נעבעך נישט געהאַט, האָט דער הייליקער איד געזאָגט צום אָרעמאַן: „ווייסטו וואָס, דאָ האָב איך דעם רבינס העמד, נאַ, האָסטו עס, פאַרזעץ עס אין אַ שענק און קויף אַ טרונק בראָנפן."
אַז מען איז שפּעטער געוואָר־געוואָרן, וואָס דער הייליקער איד האָט אָפּגעטאָן, דעם רבינס העמד אָוועקגעגעבן אַ שיכור, איז דאָך געוואָרן אַ גרויס גערודער — מען האָט אים געשלעפּט צום רבין, חסידים האָבן אים געוואָלט דורס'ן. האָט ער זיך אויסגעלאַכט און געזאָגט: אַז אַ איד נעמט אַ טרונק בראָנפן

און מאַכט דעריבער אַ ברכה און פרייט זיך מיט זיין גאָט, האָט ער מער חשיבות ווי דעם רבינס העמדער! וואָרים אַפילו דורך אַ טרונק בראַנפן, ווען מען טוט עס פון גאָטס וועגן, קאָן מען גאָט דינען..."

דער עולם, וועלכער איז שוין געווען אָנגעשטעקט מיט דער פרייד פון שבת — וואָס גיט דעם איד אַ „נשמה יתירה" — האָט זיך זייער געפרייט מיט דעם רבינס תורה און געלעקט דערפון די פינגער.

„און וואָס, מיינט איר, איז ער געבעך אַזוי פרי פון דער וועלט אַוועק?" —דערציילט ווייטער דער באַגייסטערטער יונגערמאַן. — „נאָך דער מלחמה פון גוג און מגוג האָט ער אַ בונד געמאַכט מיט דעם רבין פון לובלין, מיט דעם מגיד פון קאָזשעניץ, אַז זיי דריי זאָלן זיך איינשפּאַרן — נישט אַנדערש נאָר משיח'ן אויף דער ערד אַראָפּצוברענגען. זיי דריי האָבן אַזוי פיל געבעטן, די הימלען געשטורעמט מיט זייער געוויין, פרייד און געבעט, אַז מען האָט זיך אויבן מיט זיי נישט געקענט קיין עצה געבן, און מען האָט אַלע דריי צו דער ישיבה של מעלה געבעטן... אַלע דריי זיינען זיי אין זעלבן יאָר נפטר געוואָרן..."

„אָבער דערפאַר האָבן מיר היינט אונדזער רבין ר' בינם פון פשיס־סע!..." — פרייט זיך אַ צווייטער חסיד מיט דעם היינטיקן לעבעדיקן רבין.

אַזוי האָט מען זיך דערציילט חסידישע מעשיות פון רבין ביי יחיאלס געבורט. די אַלע וואונדערבאַרע מעשיות האָבן אַריינגעשוועבט אין דעם בעט, וואו די יונגע מוטער איז געלעגן מיט איר ניי־געבוירן קינד אונטער די ווייסע ליילעכער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער שלאָפנדיקער ניי־געבוי־רענער טרינקט זיי איין מיט דער מילך פון זיין מוטער...

די חסידים ביים טיש האָבן זיך ענג צוזאַמענגערוקט, די יוגנטלעכע קער־פערס זיינען זיך מיטאַנאַנד צוזאַמענגעוואַקסן. זייערע שאָטנס האָבן געצייכנט גראָטעסקע סילועטן אויף די ווענט און אויפן פולאָפּ. אַלע האָבן זיך צו די מעשיות צוגעהערט. די חסידים האָבן דערציילט פון די גוטע מידות, וואָס מען לערנט זיך אָן ביים רבינס טיש. זיי האָבן דערציילט וועגן דעם, וואָס ביים רבין וואַרפט מען אַראָפּ פון זיך דעם עול פון דער וועלט. מען שפּאַנט זיך אויס פון וואָגן פון פרנסה, מען באַפרייט זיך פון אַלע זאָרגן און עס איז אַ לעבן בלויז פאַר אַ העכערן צוועק. זיי האָבן דערציילט וועגן דער פרייד פון לערנען און דאַווענען, וואָס שטראָמט־אַרויס אויס ליבע צו גאָט. ווי מען פילט זיך פשוט ביים רבין אַנגעבונדן אין אַ העכערער וועלט. מען פילט, אַז מען איז נישט אַליין, נאָר מען געהערט צו וועמען. עס איז דאָ פאַרוואָס צו לעבן, — כדי ליב צו האָבן גאָט.

די פראָסטע אידן, וואָס האָבן אָנגעפילט ברוך־משהס שטיבל, האָבן גע־קוקט אויף די פרעמדע חסידים מיט גרויס קנאה און נחת. איינציקווייז זיינען

זיי אויך אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער פרייד, וואָס האָט אַרויסגעשאָלט פון די יונגעלייט, און זיך געפילט אַרויסגענומען פון זייער אָרעמער וועלט און פּאַראַייניקט מיט עפּעס העכערס און שענערס. דאָס וואָרעמקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון די פרעמדע חסידים, האָט אויף אַלע זיך אָפּגעלייגט, אַלעמען אַרומגענומען און געאייניקט צוזאַמען. האָבן זיי שוין פאַרגעסן אָן זייערע זאָרגן און זיינען פאַרטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדער וועלט, וואָס די פרעמדע האָבן אַריינגעבראַכט.

פּלוצלונג האָט איינער פון זיי אָנגעהויבן זינגען. סיי די ווערטער, סיי דער ניגון זיינען געווען גאָר אַנדערע. זיי האָבן נישט געבעטן ביי גאָט: „ער זאָל זיי פיטערן אויף פעטע פעלדער"... נאָר „ער זאָל רייניקן זייער האַרץ אים צו דינען אין וואָרהאַפטיקייט..." און אויך דער ניגון, וואָס האָט באַגלייט די ווערטער, איז נישט געווען קיין בעטנדיקער, קיין קרעכצנדיקער, קיין קריכנדיקער אויף שטיינערדיקע וועגן, נאָר אַ לייכטער, ווי אויף פליגל געטראָגן. טיילמאָל האָט ער געשטורעמט, מיט טאַצן געפּאַטשט און אַוועקגעשאַרט פון זיך אַלץ אויף רעכטס־און־לינקס: „קערט־אויס דעם וועג". — אַן אַנדער מאָל איז ער שוין דערגאַנגען און ער איז געווען לויטער פרייד, פרייד וואָס ווערט קיינמאָל נישט זאַט, וואָס ווערט שטענדיק פאַרצוקט ווי אַ חיה פון איר אייגענעם דאָרשט. און מיטאַמאָל איז ער שוין איינגאַנצן רואיק געוואָרן, — שטיל, שטיל, ער וויל שוין גאָרנישט, ער האָט דערגרייכט דאָס זייניקע און גייט־אויס און פאַרשווימט אין אייביקער שלימות...

דער עולם איז פאַרגאַפט געוואָרן. אַ בענקשאַפט האָט זיך אָנגעצונדן אין אידישע הערצער און פאַר לויטער בענקשאַפט נאָכן פאָטער אין הימל האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוזאַמען שאָקלען אויף די בענק, וואו זיי זיינען געזעסן. זיי האָבן געהאַלטן איינס דאָס אַנדערע ביי די הענט, פאַרבונדן און פאַרקניפּט געווען, ווי צוזאַמענגעוואַקסן אין איין גוף, אין איין נשמה דורך דעם וואָרט און דעם געדאַנק:

„רייניק אונדזערע הערצער צו דינען דיר אין וואָרהאַפטיקייט." אַזוי ווי זיי האָבן זיך געשאָקלט, אַזוי האָבן די שאָטנס אויף די ווענט זיך מיט־געשאָקלט און מיטגעטאַנצט מיט זיי.

און פּלוצלונג, ווי געפירט דורך דעם אינסטינקט פון התלהבות, האָבן זיי זיך אַלע אינאײנעם אויפגעהויבן און אָנגעהויבן נאָך דעם ריטם פון זייער ניגון צו באַוועגן זיך שטייענדיקערהייט. צוערשט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך. ביס־לעכווייז האָט דער ניגון אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערוויקלען, ווי אַ פייער, וואָס צינדט־אונטער. דער טעמפּאָ איז געוואָרן פלינקער, איילנדיקער, אַזוי אויך זייערע טריט, זייערע קערפּערס, זייערע פאות און זייערע שטריימלען. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן באַזעסן געוואָרן פון אַ מעכטיקן כוח, וואָס האָט זיי גענומען אין זיין רשות אַריין און האָט זיי מער נישט אָפּגעלאָזט.

די פרייד, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון די יונגעלייט, האָט אָנגע־שטעקט אויך די היימישע טרויעריקע אידן. פאַר פרייד האָבן זיך באַוויזן טרערן אין זייערע אַלטע אויגן, זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס. זיי האָבן נאָר געפילט, אַז זיי זיינען אומענדלעך גליקלעך, אַז זייער האַרץ איז איבערגעפילט מיט אַ זיסקייט און אַ בענקשאַפט. זיי האָבן זיך געפילט פאַר־אייניקט און פאַרבונדן צוזאַמען מיט אַ גרויסער אומפאַרשטענדלעכער פרייד.

אַז די פרייד האָט דערגרייכט צו דעם העכסטן עקסטאַז, האָט זיך אָנ־גערופן איינער פון די פרעמדע אורחים צום פאָטער פון ניי־געבוירענעם:

— ברוך־משה, דו האָסט נישט קיין ביסל בראָנפן?

ניין, דאָס האָט ער נישט געהאַט. דאָס האָט ער פאַרגעסן אָנצוגרייטן. דאָס ביסעלע ביר, וואָס ער האָט יאָ אָנגעגרייט, איז אויך שוין אויסגעגאַנגען. אין שבת־פלעשל איז נאָר איבערגעבליבן אַ ביסול קידוש־וויין.

— אם־ירצה־השם אויפן ברית, פאַרענטפערט זיך דער יונגער פאָטער.

— איי, דו שוטה, זאָגט דער פרעמדער צום פאָטער, — אַנישט באַ־דאַרף מען דען האָבן בראָנפן שיכור צו ווערן! אַז מען וויל, ווערט וואַסער אויך בראָנפן!

און ער איז צוגעגאַנגען צום טינדל וואַסער, אָנגעשעפּט אין דער שעפּ, אַ ברכה־געמאַכט, געטרונקען — און שיכור געוואָרן...

די אַנדערע האָבן אים נאָכגעטאָן און אויך שיכור געוואָרן...

— אַז דו ווילסט, דיין זון, — באַווייזט איינער פון די פרעמדע אויף דער קימפּעטאָרין, — זאָל זיין אַ חסיד, גיב אים אויך אַ שלוק פון דעם שעפּ וואַסער, וואָרים שיכור באַדאַרף מען זיין, ווי עס שטייט געשריבן, „לא מיין" — נישט פון וויין, נאָר פון פרייד צו גאָט!...

און אַלע זיינען זיי שיכור געוואָרן פון פרייד צו גאָט.

די יונגע מוטער איז געלעגן אונטער איר ווייסן באַלדאַכין, באַהאַנגען מיט די ווייסע ליילעכער, פלעגט זי דאָך פון צייט צו צייט אַרויסקוקן דורך אַ שפּאַלט און זען די פרייד פון די פרעמדע חסידים און זיך איינהערן צום פרו־מען געזאַנג. זי האָט געהאַלטן איר ניי־געבוירענעם איינגעבעט אין קישן לעבן זיך, זי האָט אים צוגעדריקט צו איר האַרץ. איר יונג פּנים, וואָס פון די שווערע זאָרגן, וואָס דער עול אויפצוהאַלטן איר משפּחה האָט אַזוי פרי אַרויפגעלייגט אויף אירע אַקסלען, האָט עס אָנגעהויבן פרי פאַרצערן און רינצלען זיך, איז איצט אויסגעלייטערט געוואָרן. אַ טרייסטנדיקע האַנט האָט אָפּגעווישט פון איר אַלע זאָרגן, און אַ מיידלשע פרישקייט האָט איצט אַרויס־געשפּילט אויף די אויסגעגלעטע אויגן־ראַנדן און פון יונגן מויל (וואָרים רבקה האָט דורך דער צייט פון קימפּעט אָפּגערוט פון האַנדל און וואַנדל), — האָט זי מיט פריידיקן נחת געקוקט אויף איר ניי־געבוירענעם ביי איר ברוסט,

זי האָט מיט איר האַנט איבער זיין פאַרשוויצטן שטערנדל איבערגעפירט און געפּליסטערט אים אין אויערל אַריין:

„מיין קינד, דו זאָלסט זיין אַ חסיד ווי זיי!...“

(פון „תהלים־איד“)

4

# פון דער דערציילונג „יתגדל ויתקדש“

פּאַרנאַכט־צו, ווען מען האָט די פּאַרטיע אידן צוריקגעבראַכט אין זאַמל־פּונקט אַריין, האָט איטשע־מאיר, ווי די אַנדערע אידן, דערזען פאַר דעם נידעריקן צאַם, וואָס האָט אַרומגערינגלט די ציגלנע געביידע, אַ גרויס געדראַנג פון מענטשן. צוגעקומען צום טויער, האָט איטשע־מאיר באַמערקט, ווי אַ הויכער דראַנג שטאַרצט אַרויס פון הויף איבערן פּלויט און אויף אים וויגן זיך דריי גופים, מיט לאַנגע, אויסגעצויגענע, נאַקעטע פיס, וואָס מען האָט געהאַט אַראָפּגעשלעפּט פון זיי די שטיוול. דער עולם פון דרויסן האָט באַטראַכט די געהאַנגענע, וואָס מען האָט זיי געלאָזט הענגען אויף דער תליה, כדי אָפּצושרעקן די באַפעלקערונג. אַ פּאָר קריסטלעכע פּרויען האָבן געקניט אויף די שטיינער און געבעטן מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַנדערע זיינען געשטאַנען, פאַרשטיינערטע, און האָבן געשוויגן.

— אוי, נטע־משה איז געגאַנגען — האָט דער איד, איטשע־מאירס אַ ריי־חבר, אַ ברום געטאָן אין דער שטיל צו זיך אַליין.

— ברוך דיין אמת! — האָט איטשע־מאיר געערדט צו זיך.

— אַנטקעגנגעשטעלט זיך. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. „דיסציפּלין־ברוך“ רופן זיי דאָס — האָט דער איד געברומט אין זיך.

— מיר זיינען אַלע אין גאָטס האַנט — האָט איטשע־מאיר אָפּגע־ענטפערט אין אַ ברום.

דאָס מאָל איז די מחנה אַהיימגעבראַכטע אידן נאָך מער פאַרשטומט געוואָרן ווי אַן אַנדער מאָל. מען האָט אַפילו נישט דעם מוט געהאַט איבער־צוריידן וועגן דער געשעעניש, ווען מען איז שוין געווען אין קעלער־שטוב און מען האָט זיך אַנידערגעוואַליעט אויף די זעק, אָדער מען איז געזעסן מיט די פיס אי־ן די הענט. די שוואַרצע פליגל פון טויט, וואָס זיינען געהאַנגען איבער אַלעמען, האָבן אַריינגענומען די אידן אונטער זייער שאָטן. מען האָט מורא געהאַט אַפילו שווער צו הערשען, ווי מען האָט עס געטאָן אַן אַנדער מאָל. מען איז נאָר געזעסן, מיט די פיס אין די הענט.

„יתגדל ויתקדש שמיה רבה!“ — האָט זיך דאָס מאָל דערהערט איטשע־מאירס קול העכער און שטאַרקער.

— וואָס וויל ער? — דאָס אומגליק ברענגען אויף אונדזערע קעפּ?
— האָבן דאָס מאָל זיך שוין געהערט פּראָטעסט־שטימען.
— ער האָט נישט געזען, וואָס מען טוט דאָ?
דאָס מאָל האָט איטשע־מאיר געהאַט ווינציקער נאָכפאָלגער. דער־פאַר האָבן זיך געהערט מער שטימען:
— נו, גיכער... גיכער... גיכער...
— ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך — האָט איטשע־מאיר געקנייטשט די ווערטער.
— נו, שוין גענוג, גענוג... — האָבן אַנגסטיקע שטימען זיך געהערט פון אַלע ווינקלען.
איטשע־מאיר האָט די איבעריקע ווערטער פאַרשלונגען.
אַזוי איז אָפּגעלאָפן אַ גאַנצע וואָך. איטשע־מאיר האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט זיין פלייסיקייט, מיט זיין דיסציפלין, מיט זיין געהאָרכזאַמקייט, מיט זיין וויליקייט, מיט זיין הכנעהדיקייט. ער איז געוואָרן דער „ליבלינג״ פון די געשטאַפּאָ־לייט. זיי האָבן אים אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר די אַנדערע אידן: „דאָס איז אַן אַנשטענדיקער יודע!״ — זיי האָבן אַפילו געטריבן שפּאַס מיט אים און געזאָגט, אַז זיי וועלן אים מאַכן פאַר אַ טרופּן־פירער פון די אידן. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט אַזאַ שלימות, אַז קיין איין מוסקל האָט נישט געציטערט אין אים פון פּראָטעסט אָדער ניט־ווילי־קייט. דאָס איז אַלץ געווען ביז פרייטיק. אַז עס איז געקומען פרייטיק נאָכ־מיטאָג, האָט דער געשטאַפּאָ־מאַן באַמערקט אין איטשע־מאירן אַן אומרו־איקייט. ביי יעדן מאָל, וואָס ער איז צוגעקומען צו דער קופּע אויפצולאָדן אויף זיין שטייגער, האָט ער אַ מינוט זיך פאַרהאַלטן און געקוקט אין הימל אַריין, ווי ווייט די זון האַלט. דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל אויפגעוועקט פון זיינע חלומות מיט דעם שמיץ פון קנוט אין זיין האַנט איבערן קאָפּ. איטשע־מאיר איז אָבער אַלץ אומרואיק געווען. זיינע אויגן גרויס, דערשראָקן, האָבן געהאַלטן אין איין אויסקוקן. אָט האָט מען זיי אָבער סוף־כל־סוף געפירט אַהיים פון דער אַרבעט. איטשע־מאיר האָט געהאַלטן אין איין צוויילן זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט פאָראויסלויפן פאַר דער׳ גרופּע, קוים וואָס דער איד אין זיין ריי האָט אים צוריקגעהאַלטן. גאָט צו דאַנקען, אַריינגעקומען צוריק אין דעם זאַמל־פּונקט, איידער נאָך עס האָט זיך אַ שטערן באַוויזן, וואָס איטשע־מאיר האָט געהאַלטן אין איין אויס־קוקן אין הימל. קוים זיינען זיי אַראָפּגעקומען צו זיך אין קעלער־שטוב אַריין, איז איטשע־מאיר אָן אַן אָטעם צו צו דער וואַנט און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן:
„יתגדל ויתקדש שמיה רבה!״
— נו, פלינקער, פלינקער, פלינקער!

דאָס מאָל האָט איטשע־מאיר זיך נישט געלאָזט איילן. אָפּגעזאָגט די גאַנצע קריאת־שמע, האָט ער אַרויסגענומען אַ שטיק ברויט, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר, אין זיין קעשענע. ער האָט אויפגעהויבן דאָס שטיקל ברויט און אָנגעהויבן מאַכן קידוש:

„יום הששי ויכולו השמים והארץ וכל צבאם...״

גאָט צו דאַנקען, עס איז אָפּגעלאָפן גלאַט, אָן שום שטער.

נאָר אויפן צווייטן טאָג, אין פרימאָרגן, ווען איטשע־מאיר האָט אויפגעוועקט דעם עולם מיט זיין „יתגדל ויתקדש״, איז ער געבליבן שטיין ביי דער וואַנט. שוין האָט זיך געהערט דער לאַנגער פייף, שוין האָבן אַלע זיך געיאָגט אויסצושטעלן זיך אין רייען און אַרויסצוגיין — איטשע־מאיר שטייט ביי דער וואַנט און האַלט אין איין שאָקלען זיך.

— איטשע־מאיר — גיט אים ווער אַ שטורך — קום!

איטשע־מאיר רעאַגירט נישט, הערשט נישט אויף צו שאָקלען זיך.

— איטשע־מאיר!

— שלעפּ אים אַוועק!

איטשע־מאיר לאָזט זיך נישט אָוועקשלעפּן, האַלט זיך אין איין שאָקלען.

— ער שפּילט זיך מיט זיין קאָפּ! קום!

— איטשע־מאיר! — הערט זיך אַ לעצט קול.

דער עולם מאַרשירט אַרויס. איטשע־מאיר בלייבט שטיין ביי דער וואַנט.

באַלד הייבט אָן רעגענען איבער זיין קאָפּ מיט שמיץ פון קנוט און ער דערהערט אַ קוויטשנדיק געשריי, ווי טייוואָלים וואָלטן געטאַנצט אַרום אים:

— דו פאַרפלוכטער יודע!

איטשע־מאיר לאָזט רעגענען די שמיץ איבער זיין קאָפּ, האַלט זיך אין איין שאָקלען.

אַ זעץ אין דער זייט. ער גיט זיך אַ וואַקל. ער שטייט פּנים־צו־פּנים מיט פייער־שפּריצנדיקע אויגן, מיט געשאַרפטע, אַרויסגעזעצטע ווייסע ציין. אַ פויסט שלאָגט אים אין פּנים אַריין:

— אַרויס!

— הער לעבן, היינט קאָן איך נישט. היינט איז רוהע־טאָג — זאָגט איטשע־מאיר און פּרוואווט מאַכן אַ פריינטלעך, שמייכלענדיק פּנים פון דער אויפגעלאָפענער, בלוט־רינענדיקער נאָז אַרויס.

— וואָס!

— היינט איז סאַבאַט ביי אונדז, היינט איז רוהע־טאָג, היינט קאָן איך נישט.

דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אים מער נישט געשלאָגן. ער האָט אים אַנגענומען ביים קאַרק, אַרויסגעפירט אים פון קעלער און אַריינגעבראַכט אין דער ביוראָ פון טרופּן־פירער. פאַרקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן, אויסגעשטרעקט דעם אָרעם:

— הייל היטלער!

— הייל היטלער! וואָס איז געשען?

— דיסציפּלין־ברוך!

דעם טרופּן־פירערס אויגעלעך זיינען נאָך קלענער געוואָרן, זיין פּנים ערנסט. ער האָט געטראַכט אַ מינוט. ער האָט אים דערקענט: דאָס איז דער איד מיט דער גרויסער באָרד. ער האָט געהאַט וועגן אים אַ ראַפּאָרט: „ווילִיק". ווי גוט דער טרופּן־פירער איז ניט אינסטרואירט געוואָרן אין דער שולע פאַר זיין פּראָפעסיע, ווי זיין האַרץ איז נישט געווען ליידיק פון יעדן מיטגעפיל, האָט דער איד — צי עס איז געווען איטשע מאירס האַלטן זיך דורך דער גאַנצער צייט, אָדער דאָס שפּיל מיט איטשע־מאירס שטאַר־קער באָרד, וואָס איז געווען פאַר אים זייער אַמוזאַנט — האָט דער איד איצט אויפגעוועקט אין אים אַ לעצטן שטראַל מענטשלעכקייט. ער האָט געוואָלט דעם ווילדן „פול־בלוטיקן" אידן אָפּראַטעווען. ער האָט זיך אויפ־געהויבן, איז צוגעגאַנגען צום אידן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אַ גלייכ־גילטיקער, מיט אַן אידיאָטישן שמייכעלע אויף זיין פאַרבלוטיקטן פּנים, האָט גענומען דעם קנוט פון דעם געשטאַפּאָ־מאַן, האָט אַ פיר געטאָן מיט איר איבער דעם אידנס קאָפּ און געפרעגט אים:

— ווער ביסטו?

— יודע שווייַן, האָבע קיינע ערע! — האָט איטשע־מאיר אויסגערופן הויך אויף זיין גאַנצער שטימע.

— נו, איצט גיי צו דער אַרבעט, יודע! — האָט דער טרופּן־פירער אויסגערופן.

— הער לעבן, היינט קאָן נישט, היינט איז רוהע־טאַג.

— פיר אים אָפּ! — האָט דער טרופּן־פירער אויסגערופן.

— הייל היטלער!

— הייל היטלער!

דער טרופּן־פירער האָט אויפגעהויבן דעם טעלעפאָן צו טעלעפאָ־נירן. עפּעס האָט געמוזט אין אים ווירקן. ער האָט צוריקגעלייגט דעם טעלע־פאָן אויף זיין אָרט און גערופן דעם געשטאַפּאָ־מאַן, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעפירט איטשע־מאירן.

— האַלט! באַווייז אים דעם גאַלגאַן!

מען האָט איטשע־מאירן צוגעפירט צו דער תליה, באַוויזן אים דעם דראָנג.

— ווייסט, וואָס דאָס איז, יודע?

— יאָ, איך האָב עס געזען... וואו מען הענגט לייט... האָט איטשע־מאיר אָפּגעענטפערט.

— הער לעבן, איך האָב אינען געזאָגט. היינט קאָן איך ניט. אָסור אויב איך קאָן. היינט איז שבת, רוהע־טאָג.

מען האָט דערפון געמאָלדן דעם טרופּן־פירער. דער טרופּן־פירער האָט טעלעפאָנירט צו דער העכערער מאַכט. ער האָט באַקומען די פּאַראָר־דענונג: „הענגען דעם איד, איטשע־מאיר ראָזענקראַנץ, פאַר דיסציפּלין־ברוך, דעם זעלבן טאָג, זעקס אַזייגער פאַרנאַכט, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע צוויי פון קאַטוילישן גלויבן".

אַז מען האָט איטשע־מאירן צוגעפירט צו דער תליה — האָט ער געהאַלטן אין איין מורמלען די שבתדיקע מנחה פאַר זיך. די תליה האָט אים נישט באַאומרואיקט. וואָס עס האָט אים יאָ באַאומרואיקט און וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן, איז געווען אויפן הימל, צי דער שבת גייט שוין אויס. געזען, אַז עס איז נאָך גרויסער טאָג, האָט ער זיך געווענדט צו דעם עלטסטן, וועלכער האָט אים באַגלייט צו דער תליה:

— הער לעבן, איך האָב אַ ביטע צו אינען, זיי זיינען געווען אַזוי גוט צו מיר.

— וואַרטן זי ביז די ערשטע שטערן וועלן אין הימל זיין — באַווייזט ער אויפן הימל — היינט איז רוהעטאָג.

דער באַגלייטער איז אַ מינוט נשתומם געוואָרן אויף דער מאָדנער בקשה פון דעם אידן. דאַן האָט ער אַ שמייכל געגעבן.

— גוט, יודע, די אַנדערע וועלן פריער הענגען.

מען האָט די צוויי קאַטאָליקן, וועלכע זיינען געווען פאַראורטיילט צו־זאַמען מיט איטשע־מאירן, פריער געהאַנגען. נאָך זיין רייע איז געווען אײדער ער האָט געענדיקט די שבת־מנחה.

— אתה אחד ושמך אחד — האָט איטשע־מאיר געברומט פאַר זיך, ווען מען האָט פאַרוואָרפן די פּעטליע אויף זיין האַלדז.

פאַרנאַכט, ווען מען האָט די פּאַרטיע אידן צוריקגעבראַכט פון דער אַרבעט האָבן זיי ווידער אָנגעטראָפן אויף אַ געשטייי מענטשן פאַר דעם טויער. פון ציגל־פּלויט האָבן זיי שוין געזען, ווי איטשע־מאירס דאַרער קערפּער שאָקלט זיך פון דער תליה, צוזאַמען מיט אַנדערע צוויי. איטשע־מאירס נאַקעטע פיס, פון וועלכע מען האָט געהאַט אַראָפּגעצויגן די לאַטשן, האָבן זיך לאַנג אויסגעצויגן. מערסטע אידן האָבן געהאַלטן די אויגן אַרונ־טער, גלייך צו דער ערד צו, זיי זאָלן ניט זען, און האָבן פאַרשטיקט דעם קרעכץ:

איטשע־מאיר איז שוין אויך געגאַנגען.

די מערסטע האָבן געשוויגן, נאָר ווען זיי זיינען אַריינגעגאַנגען צו זיך אין קעלער האָבן זיי זיך נישט געוואָרפן אויף די הילצערנע ברעטער, נישט גענומען די פיס אין זייערע הענט אַריין, נאָר באַלד איז איינער פון זיי אויסגעוואַקסן ביי דער וואַנט פון קעלער — אָנגעהויבן זיך צו שאָקלען און געראָפן מיט אַ הויך קול:

— יתגדל ויתקדש.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט: „פלינקער, פלינקער!" נאָר איין איד האָט זיך אויסגעפלאַנצט אונטער דעם אַנדערן, אונטער דעם חזן, און אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען:

— יתגדל ויתקדש.

איטשע מאיר האָט געקראָגן אַ נאָכפאַלגער.

## י. י. טרונק

# קאַפּיטלעך פון „פּוילן"

### א

שבת פאַרטאָג, כלחוך השור, נאָכדעם ווי די הענער האָבן געקרייט, האָט זיך סימכע גייגע געפעדערט אויפצושטיין און אַרויסצוקריכן פון בעט. ער האָט געוואוסט, אַז היינט, שבת־שבע־ברכות, וועט זיין דער קולמי־נאַציע־פונקט פון דער גרויסער חתונה, און דאָס גרויסע חשיבות, וואָס ער וועט היינט איבערלעבן וועט איבערשטייגן אַלץ וואָס ער האָט איבערגע־לעבט זינט ער איז מיטגעפאָרן נאָך דער וויפּראַווע (אויסשטייער) קיין וואַר־שע, אומעטום מיטגעגאַנגען מיט דער באָבע לאה און געגעסן די עסנס ביי העקסלמאַנען אין רעסטאָראַציע. סימכע גייגע האָט זיך געהאַט שטאַרק צו־געוואוינט צו כל׳ערליי רביצנס, אַז ער האָט זיך שוין כמעט געפילט ווי אַ שטיק פון דער רבנישער משפחה, הגם די רבנים האָט ער אומהיימלעך גע־מיטן, קודם־כל איבער דעם פלינקן רעדן זייערן, איבער דעם פעפערדיקן ריח פון זייערע שטריימלעך, און איבער די ווילדע לשון־קודש׳דיקע ווערטער וואָס האָבן אים געשטאָכן אין די אויערן ווי שפּיציקע דערנער. צווייטנס האָט ער נישט געהאַט קיין חן ביי הירשל נאָמן אין די אויגן. הירשל נאָמן האָט אים געטריבן מיט ביטול. ער, סימכע גייגע, האָט אויך נישט געקאָנט פאַר־טראָגן דעם ריח פון הירשל נאָמנ׳ס קאַפּאָטע. סימכע גייגע האָט ביי זיך באַשלאָסן נאָר צו האַלטן זיך ביי די רביצנס, וואו ער האָט געהאַט אָנזען. און סימכע גייגע איז געווען צופרידן. זיין ווייב שרה בינען איז עס נישט אַרויסגעקומען צום געזונט. זי האָט נעבעך נישט געהאַט די מינדסטע אָנונג וועגן דער זיסער יחוס־שפּילקע וואָס שטעכט איר אַלטן סימכען. אין איר

קעגנווארט איז ער געוואָרן אויפגערעגט, געגלאָצט אויף איר מיט זיינע רויטע אויסגעשטעלטע אויגן, געשריגן אָן שום סיבה, און געשאָלטן מיט די גרעב־סטע פּויערישע קללות.

נעכטן פרייטיק־צו־נאַכטס צו שבע־ברכות האָט ער געפילט ווי ער גייט ווידער אַמאָל אַרויף מיט הונדערט שטאַפּלען אויף די זיסע אומזעבאַרע לייטער, און דאָס נעמלעך איבער ר׳ ישעיה פּריוועסעס ווייב, די גבירטע שבע׳לע.

צו סימכע גייגעס אויערן קיין אָסמאַלין, נאָך דאָן ווען ער האָט נישט מער געוואוסט ווי פעלד, פערד און קו, האָבן דערגרייכט די שמועות וועגן דעם אידישן מאַגנאַט ר׳ ישעיה פּריוועס פון וואַרשע, — אָבער די דיס־טאַנץ צווישן סימכע גייגען הינטער דעם אַקער־אייזן אָדער גאָר אין די שטאַלן פון זיינע בהמות און ר׳ ישעיה פּריוועסן פון וואַרשע איז געווען אַזוי ווייט, אַז טיפער ווי אויבנאויפיק אין די אויערן אַריין איז עס סימכען נישט אַריינגעגאַנגען. אַפילו זייענדיק אין וואַרשע וועגן דעם כלה־אויסשטייער איז ער פאַרנומען געווען מיט דער באָבע לאה, מיט דעם זיידנס אין די קראָמען און מיט העקסלמאַנס רעסטאָראַציע. ווען ער האָט אויך אָפטער געהערט רעדן פון ר׳ ישעיה פּריוועסן אין די גרויסע שניטקראָמען אויף די נאַלעווקעס, צי גאָר ביי אַ שניידערין וואָס האָט זיך גערימט פאַר דער באָבע לאה אַז זי האָט אַמאָל גענייט אַ קלייד פאַר עמיצן פון דער משפחה פּריוועס, צי אַפילו ווען סימכע גייגע איז געזעסן ביי אַ גרויס שטיק גענדזנס אין העקסלמאַנס רעסטאָראַציע צוזאַמען מיט נאָך וואַרשעווער אידן וואָס האָבן ליב געהאַט העקסלמאַנס מאכלים, פלעגט ער אָפט פון די פרעמדע עסנדיקע אידן הערן דערמאָנען דעם נאָמען פון ר׳ ישעיה פּריוועס. אָבער פאַר סימכע גייגען זיינען עס געווען צו הויכע פענצטער און צו אומפאַרשטנדלעכע שמועות. זיי האָבן אין זיין פּויערישן געמיט נישט אָנגעקלאַפּט. ער האָט נאָר געהאַט איין שוואַכקייט: קוטנעס יחוס, די באָבע לאה, די גרויסע קראָמען אויף נאַלעווו־קעס, און העקסלמאַנס רעסטאָראַציע. סימכע גייגע האָט געהאַט אַ צו קליינע פאַנטאַזיע און אַ צו ענג האַרץ פאַר צופיל איינדרוקן. די לעצטע טעג פון דער חתונה האָט זיך סימכע גייגע שוין געהאַט אַזוי צוגעוואוינט צו כל־ערליי רביצנס, אַז אַפילו די קאָלישער רביצן וואָס האָט געבלאָזן מיט יחוס, האָט צו סימכען גערעדט, זיך מיט אים באַדינט און אים גוטמוטיק גערופן „ר׳ סימכע ״. דאָס האָט אים געוואַלדיק אימפּאָנירט.

נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט דעם גרויסן קידוש ביי די מאַנסבילן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פרייטיק־צו־נאַכטס־סעודה פון שבע־ברכות, האָט סימכע גייגע באַלד פאַרלאָזט דאָס גרויסע חדר פון די רבנים. אויף דער שוועל האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט הירשל נאמן און באַקומען פון אים עטלעכע לשון־קודש׳דיקע אָפּשניטן, וואָס הגם סימכע גייגע האָט

זיי נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט אין זייער טאָן גוט געפילט ביטול און באַליידיקונג. סימכע גייגע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ער איז גלייך אַריבער צו די ווייבער. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט צווישן די טישן מיט די רביצנס. די רביצנס זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן זייערע שבת׳דיקע יופּעס. אויף די טישן האָבן געברענט אַ סך שבת־ליכט און אויך די נייע שבת׳דיקע דרשה־געשאַנק־לייכטערס אין וועלכע די כלה האָט ס׳ערשטע מאָל געבענטשט ליכט. פון אָנהייב האָט סימכע גייגע געפּרואווט אויף זיין גראָב־לעך הייזעריק קול צו שרייען און אונטערצויאָגן די סאַרווערס וואָס האָבן אַרומגעטראָגן לאַנגע „פּולמיסקעס״ מיט די שמעקנדיקע שבת׳דיקע פיש. ער האָט אויך געפּרואווט הויך צו שרייען זיינע ווייבערישע ווערטלעך מיט וועלכע ער האָט אַלע מאָל ביי אַ טייל פון די מחותנת׳טעס אַרויסגערופן אַ שמייכל. אָבער סימכע גייגע האָט באַלד אויפגעהערט, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס פּויערישע קול, די ווערטלעך זיינען אים שטעקן געבליבן אין מויל. ביי די ווייבערישע טישן איז געווען עפּעס אַן אַנדער שטימונג.

עס איז געווען איבער דער גרויסער גביר׳טע שבע׳לע פּריוועס, דאָס ווייב פון ר׳ ישעיה פּריוועס.

די אויסגעפּוצטע ווייבער און מחותנת׳טעס ביי די טישן האָבן שטי־לער גערעדט צווישן זיך. סימכע גייגע האָט באַשיימפּערלעך געזען אַז מען באַמערקט אים גאָרנישט. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט אַהין, אויבן־אָן, וואו ניט ווייט פון דער כלה איז צווישן דער קאַלישער רביצן און דער באָבע פּריווע געזעסן שבע׳לע פּריוועס.

אויך דאָ איז זי געזעסן ווי אַ ליאַלקע, שבע׳לע פּריוועס. זי האָט גע־טראָגן אַ שוואַרץ זיידן קלייד דיסקרעט אַרומגענייט מיט איידעלע שפּיצן, אויך דאָס שייטל איז איר געווען אַרומגענומען מיט אַ צאַרטן שפּיצן־שאַל ווי אַן אַלטע שפּאַנישע גראַנדעצאַ. אין אירע אויערן האָבן געציטערט און זיך געבאַמבלט צוויי גרויסע בריליאַנטענע אוירינגלעך ווי צוויי שטאַרקע ליכט־פּונקטן. די בריליאַנטן אין שבע׳לעס אוירינגלעך האָבן אַריבערגעלויכטן מיט זייער אינטענסיווקייט אַלע צענדליקער און צענדליקער אָנגעצונדענע שבת־ליכטער וואָס האָבן אין גרויסע זילבערנע לייכטערס געפלאַקערט אויף די פולע ווייסע געדעקטע טישן. דאָס זעלבע פון די גאָפּל־מעסער און פון די לייכ־טערס און דאָס ווייסקייט פון די וועבענע טישטעכער איז געווען בלאָס אַקעגן דער ליכטיקייט פון די בריליאַנטן. אויך די בריליאַנטענע קאַליע אויף שבע־לעס האַלדז האָט ווייס געשעמערירט און אַרויסגעשפּריצט אירע ליכטער פון דעם שוואַרצן איידעלן זיידנס פון שבע׳לעס קלייד.

אין דער געפּאַלדעוועטער שוואַרצקייט פון איר קלייד און אין דער העלקייט פון אירע בריליאַנטן איז שבע׳לע פּריוועס געזעסן ווי אַ מאַיעסטע־

טישע — רעמבראַנדישע — ליכט־פיגור אינמיטן די רביצנס אין זייערע שבת׳דיקע יופּעס און אין זייער באַשיידענעם גאָלדענעם צירונג.

שבע׳לע פריוועס האָט כמעט ווי נישט גערעדט, זי האָט זעלטן אַ שטילן און דיסקרעטן שמייכל געטאָן, אָדער לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. די ברילִיאַנטן אין שבע׳לעס אויערן האָבן נאָך שפּע׳דיקער און ווייסער אויסגעזען זייערע שאַרפע ליכטער ווען שבע׳לע פריוועס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געשמייכלט, גלייך ווי די ברילִיאַנטן אַליין וואָלטן באַלייכטן שבע׳לעס שמייכל. דאָס האָט שבע׳לע אַ שמייכל געטאָן אין דער זייט פון דער קאָלישער רביצן. אַלע יחוס־קאָמפּלעקסן האָבן זיך צעברענט אין דער קאָלישער רביצן זיצנדיק ביי שבע׳לע פריוועס, און זי האָט אַלעמען געוואָלט ווייזן איר היימישקייט און די אַלטע באַקאַנטשאַפט, די וואַרשעווער באַקאַנטשאַפט מיט שבע׳לע פריוועס, און אַז זי רעדט מיט שבע׳לען ווי מיט אירס גלייכן.

סימכע גייגע איז געשטאַנען אַ פריטשמעלעטער. ער האָט געזען אַז קיינער קוקט נישט אויף אים און אַז די קאָלישער רביצן וואָלט אים איצטער גאָרנישט דערקענט.

אויך סימכע גייגע האָט מיט זיינע רויטלעכע פויערישע אויגן אָנגע־הויבן פּאַמעלעך צו קוקן אויף דער קליינער צירלעכער פרוי אין זיידנס און אין איידל־שטיינער וואָס איז געזעסן אויבן־אָן צווישן די שבת׳דיק אויס־געפּוצטע רביצנס. ער האָט געזען ווי אַלע לייכטערס לייכטן טונקל אַקעגן די ברילִיאַנטענע פייערן אין שבע׳לעס אויערן און אין שבע׳לעס זיידענעם קלייד־קראַגן. ער האָט געזען ווי שבע׳לע האָט זיך קוים צוגעגרירט מיט איר גאָפּל צו די שמעקנדיקע שבת׳דיקע פיש אויף איר טעלער. אויף שבע׳לעס פינגער האָבן געלויכטן פּערל און גרינע שמאַראַגדן. סימכע גייגע האָט געזען ווי אַלע די שמעקנדיקע חתונה מאכלים זיינען ביי שבע׳לע פריוועס גאָר עפּעס וואָכעדיקעס. אין זיינע שווערע פויערישע אויערן האָט ערשט איצט אויפסניי אָפּגעקלונגען דער נאָמען „פריוועס״ וואָס ער האָט געהערט ביי העקסלמאַנען אין רעסטאָראַציע, אין נאַלעווקער שניט־קראָמען און ביי וואַרשעווער שניי־דערקעס, וואו מען האָט געצייט דער כלה׳ס אויסשטייער. ערשט איצט האָט עס אויפגעלויכטן אין זיין טעמפּן פויערשן שכל, אַז אָט די אַלע רביצנס און אַפילו די קאָלישער רביצן איז נאָך נישט דער העכסטער יחוס־שטאַפּל, צו וועלכן ער סימכע גייגע, קאָן דערגרייכן. ס׳איז נאָך דאָ עפּעס העכערס און עפּעס אויסטערלישערס אין די פיינע און זיסע לאַבירינטן פון יחוס. איבער אַלע שבת־לייכטערס האָט ער אַריבערגעקוקט צו דער קליינער דיסקרעט־שווייגנדיקער פרוי אין זיידנס און אין ברילִיאַנטן, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן ווי עמיצער וואָלט אים געטאָן אַ קלאַפּ אין פויערשן קאָפּ אַריין און אויפגעוועקט פון די הינער־פּלעט —

די פריוועס!

דער ערשטער געדאַנק איז געווען ביי סימכע גייגע צוצוגיין צו שבע׳לע פריוועס און איר זאָגן: גוט־שבת, גוט־שבת, שבע׳לע פריוועס! — אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, די פיס זיינען אים געווען שווער ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ תהום, עס האָט אים געפעלט יעדער מוט, ער האָט געוואוסט, אַז צוליב דער דאָזיקער קליינער פרוי קאָן אים איצטער קיינער נישט, און ער איז מיטאַמאָל צוריקגעוואָרפן געוואָרן צו די טונקעלע צייטן פון פאַר דער וואַרשעווער נסיעה, צום אַקער־אייזן, צו די שטאַלן מיט די קי און צו די פורן מיסט. סימכע גייגע האָט אַקוק געטאָן אויף זיינע אומגעלומ־פערטע גרויסע האָרעפּאַשנע הענט און אויף די נעגל הינטער וועלכע עס ליגט די שוואַרצע ערד פון זיינע פעלדער. סימכע גייגע האָט מיטאַמאָל דער־פילט זיין פויערשע צוריקגעשטאַנענקייט, די דיסטאַנץ צווישן אים און שבע׳לע פריוועס, און אַז די קאַלישער רביצן וואָס האָט אים נעכטן אַזוי גוטמוטיק גערופן ר׳ סימכע, וועט אים איצטער גאָרנישט דערקענען.

סימכע גייגע האָט זיך ווי אַן איבעריקער פאַרשוין אַרומגעדרייט צווישן די טישן מיט די מחותנת׳טעס וואָס זיינען געזעסן ווייטער פון שבע׳לע פרי־וועס. ער האָט אַנגסטלעך געמיטן דאָס אָרט וואו זי, שבע׳לע, איז געזעסן. קיינער האָט נישט באַמערקט זיין אָנוועזנהייט. ער איז געווען שטיל און ני־דערגעשלאָגן. אַפילו די סאַרווערס האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

אַהיימגייענדיק שפּעט נאָך אָסמאָלין איז ער געגאַנגען אַליין אין דער נאַכט. דאָס גראָז האָט פייכט געשאָרכט אונטער זיינע שטיוול. די ביימער האָבן געררוישט אין די פינצטערנישן. פון די פעלדער האָט געשמעקט דאָס אָפּגעשניטענע קאָרן. הינט האָבן דאָ און דאָרט געבילט אין די שטילע וווייט־קייטן. סימכע גייגע האָט געטראָטן אין דער תמוז־נאַכט איינער אַליין מיט שווערע טריט און מיט אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער האָט אין זיינע אומעטיקע מחשבות כסדר געזען דאָס בילד פון שבע׳לע פריוועס ווי זי זיצט אויבן־אָן צווישן אַלע רביצנס און וואָס די זילבערנע גאָפּל־מעסער אויף די טעלער, די ווייסע טישטעכער אויף די טישן און די ברענענדיקע שבת־ליכטער זיינען בלאָס אַקעגן די שעמערירנדיקע פלאַקערן פון אירע בריליאַנטן. סימכע גייגע האָט זיך מיטאַמאָל ווי אָפּוועזנדיק אָפּגעשטעלט, זיינע ליפּן האָבן פלוצלונג גע־זאָגט אין דער ווינטיקער תמוז־נאַכט אַריין:

גוט־שבת, שבע׳לע פריוועס...

אין די הימלען האָבן געפינקלט די שטערן.

אין זיין גערוימיקן חדר אין דער היים האָט טריב געקאָפּטשעט אַ קליין נאַפט־לעמפּל. אין גרויסן דאָרפישן בעט אויף אַ סך קישנס און צוגעדעקט מיט אַ גראָבער פויערשער קאָלדרע איז געלעגן שרה־בינע. זי איז געלעגן אין אַ פאַרשלומפּערטער שלאָף־קופּקע און פעסט געשלאָפן. שרה־בינע האָט אָפן

געהאַלטן דאָס ווייכע פּאַרעמלאַזע מויל און הויך געשנאַרכט. סימכע גייגע האָט זיך אַנידערגעשטעלט לעבן בעט און אויף איר, אויף דער שנאַרכנדיקער אידענע, כעס׳דיק אויסגעגלאָצט זיינע רויטלעכע פּויערשע אויגן. סימכע־גייגע האָט הייזעריק אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ פּאָר גראָבע דאָרפּישע קללות. דאַן האָט ער פון זיך אַראָפּגיצויגן די שטיוול און זיך אויסגעטאָן די זיידענע קאַפּאָטע און די הויזן. ער האָט כסדר געוואָרטשעט, און בייזערהייט האָט ער זיך אַריינגעלייגט צו שרה־בינען אין בעט אַריין.

אַ גאַנצע נאַכט האָט סימכע גייגע נישט צוגעטאָן קיין אויג, און איצט אינדערפרי האָט ער זיך אַרויסגעפּירט אינדרויסן אויף זיין הויף. די זון האָט ערשט אָנגעהויבן אויפצוגיין און די ערד האָט לייכט געבליט אין דעם יונגן רויט פון פרימאָרגן. אויף די ביימער האָבן אָנגעהויבן צו זינגען די פייגל. ס׳האָט געשמעקט מיט אַלע פרישקייטן פון דער וועלט. פון די עופות־שטאַלן האָט זיך געהערט דאָס געקוואַקעריי פון הינער, גענדז, קאַטשקעס און אינדיקעס. סימכע גייגע האָט אַרויסגעלאָזט די עופות אויפן הויף. די הינער האָבן געפילדערט און הויך געקוואַקעט און אָנגעהויבן צו פּיקן די ערד. אַ סטאַדע ווייסע מיט שוואַרץ געשפּרענקלטע אינדיטשקעס האָבן מאַיעסטעטיש, אין זיך־וויגנדיקן גאַנג אַוועקגעלאָזט איבערן הויף. די אינדיקעס האָבן זיך אָנגעבלאָזן, פאַנאַנדערגעלאָזט זייערע פעדערן, פאַנאַנדערגעשאָקלט די רויטע קרעלן אויף זייערע גורדערס און געכאַלדערט. אויך די געגדז זיינען מיט אַ געשריי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איבערן הויף. דערזעענדיק סימכע גייגען אין אַ זיידענער שבת׳דיקער קאַפּאָטע — וואָרים סימכע גייגע האָט זיך פון גרויס צעמישטקייט אָנגעטאָן שוין אין גאַנץ פריאיקן באַגינען די זיידענע קאַפּאָטע — האָבן אַ טייל פון די געגדז צו אים אויסגעשטרעקט זייערע העל־דזשער און געסיקעט.

סימכע גייגע האָט מעכאַניש גענומען אין די הענט אַריין צוויי היל־צערנע עמערס, און אַנגעשעפּט וואַסער פון דעם ברונעם.

ער איז געגאַנגען אָנטרינקען זיינע בהמות.

ער האָט פאַנאַנדערגעעפנט די טיר פון זיין קי־שטאַל.

אַ וואַרעמער ריח פון היי און מיסט האָט אַקעגנגעשלאָגן פונעם שטאַל. די קי וואָס זיינען געשטאַנען און געמעלה־גרה׳ט ביי די קאַרעטעס האָבן אויס־געדרייט זייערע העלדזער און אים אָנגעקוקט מיט זייערע גרויסע אויגן ווען ער, סימכע, איז אַריינגעקומען אין שטאַל מיט די עמערס וואַסער. ווען סימכע גייגע איז צוגעגאַנגען צו דער ערשטער קו און צו איר אויפגעהויבן דעם פולן עמער מיט קאַלטן ברונעם־וואַסער, האָט זי אים מיט אירע גרויסע נאַזלעכער וואַרעם אַריינגעהויכט אין פּנים אַריין און אים לייכט געלעקט די האַנט. דאַן האָט ער ווידער געבערענגט וואַסער און אָנגעפּאָיעט די אַנדערע קי. ער האָט

לחלוטין נישט באַמערקט, אַז ער גייט דאָ אַרום צווישן זיינע בהמות אין דער שוואַרץ־זיידענער חסידישער קאַפּאָטע.

דעם לעצטן עמער וואַסער פונעם ברונעם האָט ער געברענגט פאַר דעם יונגן ביקל וואָס איז געשטאַנען צוגעבונדן ביי אַ זייטיקער קאַרעטע. דאָס ביקל איז געווען נאָך גאָר אַ ווילד בהמה׳לע, אַ שקאָציש בהמה, און ליב געהאַט אַלעמען צו שטויסן מיט די הערנער, אַפילו די קי האָט עס געשטויסן אין די פולע אייטערס אַריין, אַזוי אַז מ׳האָט עס, דאָס ביקל, נישט געקאָנט אַרויסלאָזן אויף דער פּאַשע צוזאַמען מיט דער גאַנצער טשערעדע, און סימכע גייגע האָט עס כסדר געמוזט האַלטן אין שטאַל צוגעבונדן צו דער קאַרעטע. נאָר פאַר סימכען אַליין האָט דאָס ביקל מורא געהאַט, און ווען סימכע גייגע האָט עס אַ גלעט געטאָן איבערן קאַרק, האָט עס אים האַסטיק באַהויכט מיט די נאָזלעכער און אים אַפילו געלעקט איבער דער האַנט. איצ־טער אין שבת׳דיקן באַגינען איז סימכע גייגע צוגעגאַנגען מיט אַ פולן עמער וואַסער צום אַנגעבונדענעם ביקל.

דאָס ביקל האָט צו סימכען אויסגעדרייט דעם קאָפּ. עס האָט סימכען דערזען אין דער זיידענער קאַפּאָטע, און סימכע גייגע איז אויסגעקומען פאַרן ביקל עפּעס גאָר משונה פרעמדלעך אין שטאַל, עפּעס גאָרנישט דער אייגענער סימכע גייגע ווי תמיד. און איידער סימכע גייגע האָט נאָך באַוויזן צו דערנענ־טערן זיין עמער מיט וואַסער צום ביקלס מויל, האָט זיך דאָס יונגע שקאָצישע ביקל פאַרפּלאָנטערט מיט די הערנער אין סימכע גייגעס זיידענער חסידישער קאַפּאָטע און מיט אַ ווילדער חיה׳שער האַסטיקייט אַרונטערגעריסן איר גאַנצן פאָדערשטן טייל.

סימכע גייגע האָט מיט טויטשרעק געזען דעם חורבן. אויס זיידענע קאַפּאָטע. מיט דעם פולן עמער וואַסער האָט ער דעם ביקל געוואָלט דערלאַנ־גען אין קאָפּ אַריין. נאָר דער עמער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע אָנ־מעכטיקע הענט און פאַנאַנדערגעגאָסן איבערן שטאַל מיסט. סימכע גייגע האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן שטאַל. די בהמות אַרום אים האָבן געמעלה־גרה׳ט. דאַן האָט סימכע גייגע נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף זיין אַראָפּגע־שיילטער זיידענער קאַפּאָטע, אים איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, און ער האָט געפילט בחוש, אַז אין אַזאַ הולך וועט ער שוין נישט קאָנען זאָגן שבע׳לע פריוועס גוט־שבת. דער איד האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעוויינט אינ־מיטן פון זיינע בהמות.

## ב

שבת צום עסן האָט זיך געטאָן ביי אונדז ווי אויף אַ חתונה. די אַנגע־פאַרענע געסט פון מיין חומש־סעודה זיינען געזעסן ביי לאַנגע ווייס־געדעקטע טישן. די שבת׳דיקע מאכלים האָבן אַראָפּגעשמעקט פון די טישן. מען האָט געברענגט אַ סך טשאָלנטער. די קאָלישער רביצין האָט געשיקט אַ גרויסן פעטן קוגל אַזש פון דער אַלט־שטאָט. דער עולם איז געווען זייער אויפגעלייגט. דער זיידע ברוך האָט געברענגט אַ קאַסטן מיט פלאַשן אַלטן אונגאַר־ווייַן פון זיינע אַסמולסקער קעלערס — ס׳זיינען נאָך געווען פון די ווייַנען, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון מיינע עלטערנס חתונה. נאָך די פעטע און זיסע טשאָלנטער און נאָך די אַלערליי פעטע שבת׳דיקע פליישן האָט דער עולם גענומען צו גלעזלעך ווייַן. אַביגדור גרוימאַן האָט געוויזן זיינע קענטענישן אין זינגען שבת׳דיקע זמירות. ער האָט עס געטאָן אויף אַ רחבות׳דיקן וואַרשעווער אופן. אַפילו פון זיינע לשון־קודש׳דיקע זאַצן האָט אַרויסגעשמעקט דער וואַרשעווער דיאַלעקט. דערביי האָט ער געזונגען ניגונים, וואָס קיין אַנדערע חסידים האָבן נישט געזונגען, אַחוץ די ראַדזינער. סיי דער פעטער יעקל, סיי משה האַלץ האָבן געפּרואווט אים, אַביגדור׳ן, אונטערצוהאַלטן, — נאָר ער האָט זיי גע־הערט ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי און אַלעמאָל איבערגעגאַנגען מיט זיינע וואַרשעווער זמירות אויף אַן אַנדער אָקטאַווע. דער פעטער יעקל איז גלאַט הייזעריק געוואָרן און זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעהוסט. דער פאַרעקשנ׳טער משה האָלץ האָט אויך סוף־כל־סוף געמוזט אָפּשטיין, ער האָט פאַרבויגן דאָס קעפּל אין אַ זייט ווי אַ געשאַכטענע טויב און אַנטשוויגן געוואָרן.

אינמיטן דעם ווייַן־טרינקען און אינמיטן די זמירות האָט זיך גע־עפנט די טיר און ס׳האָט זיך באַוויזן ר׳ שמעון ציליך מיט יוכבד׳ס גרייז־גראָען מאַן. די ביידע קליין־געוויקסיקע זקנים האָבן צוזאַמען געפּישטשעט „גוט־שבת״, האָבן געפּרייכט פון מידקייט און זיך אָנגעהויבן אויסצוטאָן פון די העלדזער און פון אונטער די קאַפּאָטעס פאַרשיידענע טיכער און שנופּ־טיכלעך. סך־הכל האָט מען אין דעם גרויסן לאָדזש נישט געטאָרט טראָגן אין שבת. די רייכע און שפּע׳דיקע לאָדזשער אידן האָבן אַלץ נישט געהאַט קיין צייט צו מאַכן אַן ערוב. אין די שולן און אין די שטיבלעך אַריין האָבן זיך לאָדזשער אידן געמוזט אָנטאָן די טליתים אונטער די פּאַלטנס. נאָכדעם ווי ר׳ שמעון ציליך מיטן איידעם האָבן זיך גוט פאַנאַנדערגעקנעפּלט און זיך מיט די שנופּטיכלעך אָפּגעווישט די שוויס־טראָפּנס פון די שטערנס, האָט מען זייביידן צוזאַמען אַריינגעזעצט צווישן עולם. ר׳ שמעון איז געווען טויט ווי די וואַנט. די גראָע לאַנגע באָרד זיינע האָט ביים טיש זיך אָנגעזען און פאַרנומען מער אָרט

ווי ער, ר׳ שמעון צילין אַליין. אינמיטן אַביגדורס זמירות האָט זיך ר׳ שמעון צילין פּלוצלונג צעבאָמקעט אויף אַן אימה׳דיקן קאָזשעניצער זמירות־ניגון.

באַלד ווי מ׳האָט אָפּגעבענטשט, האָט מען שנעל אָנגעהויבן אַראָפּצו־רוימען פון טיש די שיריים פון דעם שבת׳דיקן עסן. מ׳האָט אָנגעהויבן צו גרייטן פאַר די חומש־סעודה־געסט.

אַ באַזונדערן טיש האָט מען צוגעגרייט פאַר די אינגלעך פון ר׳ אהרנס חדר. די דאָרפישע ווייבער פון דער משפחה זיינען נאָך קיינמאָל נישט געווען אויף חומש־סעודות און דעריבער זיך נישט אויסגעקאַנט ווי אַזוי מען גרייט דאָס צום טיש פאַר קליינע אינגלעך. דערפאַר האָבן די קוטנער ווייבער דאָ אַרויסגעוויזן זייערע פולע קענטעניש. די באָבע לאה האָט מיט אַ באַזונדער חנ־עוודיקייט אויסגעשטעלט קליינע גלעזעלעך און פּיצינקע פלעשעלעך מיט זאַפטיקן עפּל־וויין, פּאַפּירענע טיטעלעך מיט פייגן, מאַנדלען, באָקסערן און נאַשוואַרג און אַנדערע פּאַפּירענע שמאַכטעלעך, וועלכע זי האָט פריִיטיק צו־זאַמענגעשניטן און צוזאַמענגעקלעפּט מיט די אייגענע הענט, דערמאָנענדיק זיך אין אירע קינדער־יאָרן אין וואורקע און אין פּראַגע, — און ווי זי פלעגט עס טאָן אויף די חומש־סעודות פון אירע אייגענע קינדער אין קוטנע. איר טאָכטער, די מומע איטקע, האָט איר נישט געוואָלט צוהעלפן, וואָרים זי האָט באַטראַכט אַזעלכע מעשים און שפּילערייען סיי פאַר קינדיש און סיי פאַר פאַ־נאַטיש. די מומע איטקע האָט בעסער געוואָלט אַריינקוקן אין אַ העברעאיש דקדוק־ביכל און לערנען אויף אויסוויינינק דעם לוח־הפּעלים פון בן־זאב. דער־פאַר האָט די מומע שרה׳ל מיטאַמאָל פאַרגעסן אַלע אירע ביטערע דאגות־פּרנסה און אירע צרות מיטן לאַ־יוצלח דעם פעטער יעקל, און מיט גרויס ערנסטקייט צוגעהאָלפן דער באָבע לאה אויס׳סדרן דעם טיש פאַר די אינגלעך. זי האָט זיך דערביי דערמאָנט פאַרשיידענע קונצשטיקן פון אירע מיידלשע יאָרן. אַפילו די קאָלישער רביצין — וואָס האָט זיך פון אָנהייב געהאַלטן פונ־דערווייטנס און געקוקט מיט לומדישן ביטול אויף דער ערנסטקייט מיט וועלכע די באָבע לאה באַהאַנדלט די קינדערשע שמאַכטעס — איז אויך פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טיש און מיטגעהאָלפן, און זיך אויך אפשר אין דער שטיל דערמאָנט אין אירע מיידלשע יאָרן.

די מאַנספּאַרשוינען זיינען געגאַנגען זיך אַ ביסל צולייגן נאָך די פעטע שבת׳דיקע עסנס, אָבער נישט אויף לאַנג, וואָרים באַלד האָבן אָנגעהויבן צו קומען געסט, עטלעכע חשובע חסידים פון „גרויסן" אַלעקסאַנדער שטיבל. דאַן האָבן זיך דערהערט אַ סך יונגע קול׳עכלעך אויף די טרעפּ, און אין דער שטוב זיינען אַריינגעקומען די אינגלעך פון מיין חדר צוזאַמען מיט די צוויי באַהעלפערס און מיט ר׳ אהרנען.

ר׳ אהרן איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ לאַנגן צעדריפּעטן כאַלאַט און אַ ברייטן סאַמעטענעם קאַשקעט אין וועלכן דאָס סאַמעט איז געווען גרין און אויסגעריבן פון אַלטקייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן, אָן עפּן געטאָן דאָס מויל מיט די גרויסע געלע אויסגעשטשירעטע ציין און אַ זאָג־געטאָן גוט־שבת. אַלע אינגלעך האָבן אים נאָכגעזאָגט: גוט־שבת. ר׳ אהרן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געפּאַכעט מיטן קאַנטשיק. טייל אינגלעך זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן זיידענע קאַפּאָטקעלעך מיט סאַמעטענע היטעלעך, ווי קליינע אידעלעך. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס איך האָב מיך געשעמט. אויך מיינע חברים האָבן זיך געשעמט. ערשט ווען די באָבע לאה און די מומע שרה׳ל האָבן די אינגלעך אָנגענומען פאַר די הענט און געהאָלפן זיי אויסזעצן ביים טיש, זיינען מיר אַלע געוואָרן היימישער און ר׳ אהרן איז געבליבן שטיין אַ הילפלאָזער, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דאָס גאַנצע חדר.

די משפחה און די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען. דער זיידע ברוך האָט זיך אינמיטן דערינען אַריינגעזעצט צווישן די קינדער און זיך מיט זיי אָנגעהויבן פאַנאַנדערצושמועסן אויף אַ קינדערשן אופן. ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו דערציילן פון די בעטלער־מעשיות, וואָס ער פלעגט מיר דערציילן אויפן אַסמולסקער סטאַראָפּאָליער וועג. די קינדער האָבן זיך באַלד צוגעוואוינט צו אָט־דעם פרעמדן דיקלעכן איד מיט דער רויטער באָרד, וואָס איז עפּיס ווי זייערס גלייכן. די געסט האָבן זיך וואָס מערער אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען. די ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען לעבן דעם טיש מיט די קינדער. די באָבע חיה האָט געוויינט פון נחת. די חומש־סעודה פאַר די קינדער האָט זיך אָנגעהויבן.

מיך האָט מען אַנידערגעזעצט אויבנאָן, און לעבן מיר צוויי אינגלעך — אַ כהן און אַן אויספרעגער. דער כהן האָט מיך באַדאַרפט בענטשן און דער אויספרעגער האָט געדאַרפט מיט מיר פירן אַ גאַנצן דיאַלאָג, וועלכן ר׳ אהרן האָט אונדז אויסגעלערנט. ר׳ אהרן האָט זיך געשטעלט לעבן אונדז, ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אין דער שטוב איז פּלוצלונג געוואָרן שטיל און די צרעמאָניע, אַזוי ווי ר׳ אהרן האָט זי אויסגערעזשיסירט אין „חדר״, האָט זיך אָנגעהויבן.

קודם־כל האָט זיך דער כהן אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל, איבער מיר אויסגעשפּרייט זיינע הענטלעך. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ווען ר׳ אהרן האָט אויף אים געטאָן אַ שטרענגן גזלנ׳ישן קוק, האָט ער מיך אָנגעהויבן צו בענטשן. ער האָט געזאָגט דעם גאַנצן זינג־זאַנג פון יברכך. ווען ער האָט געענדיקט האָבן אַלע אינגלעך געזאָגט אָמן. דאַן האָט מען מיך אַרויפגעשטעלט אויף אַן אַנדער בענקל, ר׳ אהרן האָט אָנגעהויבן צו מאַכן מיט די לעפצן, און

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָלגנדיקער דיאַלאָג, וואָס זיין אָנגענומענער נוסח גייט אָן שוין זינט הונדערטער יאָרן ביי אידן אין פּוילן:

פרעגער: אינגעלע, אינגעלע, וואָס לערנסטו?

איך: ויקרא.

פרעגער: וואָס טייטש ויקרא?

איך: ער האָט גערופן.

פרעגער: ווער האָט גערופן?

איך: גאָט האָט גערופן צו משה רבנו.

פרעגער: וואו האָט גאָט גערופן צו משה רבנו?

איך: ביי דער טיר פון אוהל־מועד...

דאָ גייט ווייטער אַ גאַנצער נוסח און אַ דרשה, וואָס דער חומש־סעודה־בחור האָלט פאַרן עולם און וועלכע ר׳ אהרן האָט געהאַט פאַרשריבן אויף אַן אַלט געל פּאַפּירל און ער האָט עס מיך אויסגעלערנט אויף אויסווייניק.

ר׳ אהרן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פּאַרציטערטער און געמאַכט צו מיר מיט די לעפצן כדי איך זאָל מיך אָריענטירן אין טעקסט. נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט אָפּגעזאָגט די דרשה האָט ר׳ אהרן אויסגעשטשירעט די ציין צו דעם עולם אידן און די ווייבער וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דעם טיש און אויסגעהערט. ר׳ אהרן האָט זיך אַ צופרידענער אָפּגעווישט דעם שוויס פון שטערן.

נאָכדעם האָבן די ווייבער דעם זיסן רויטן געטראַנק אַריינגעגאָסן אין קליינע גלעזלעך פאַר די קינדער, געגעבן זיי ניס און ראָזשינקעס און צוויי טיטעלעך מיט מעדנים אין די טאַשן אַריין. די קינדער האָבן זיך אויפגעהויבן פון טיש, געזאָגט אויף איין קול גוט־שבת און צוזאַמען מיט די באַהעלפערס פאַרלאָזן אונדזער שטוב.

ר׳ אהרן איז געבליבן אויף שלש־סעודות.

ס׳איז געוואָרן פינצטערלעכער. נאָך פרעמדע אידן, אַלעקסאַנדער חסידים פון גרויסן שטיבל, זיינען אָנגעקומען צוגייך.

## י. ד. בערקאָוויטש

### מפטיר

שבת גאַנץ פרי, אַז משה־מאָטע האָט זיך געפעדערט מיט זיין אינגל צום דאַווענען, איז דער בית־מדרש נאָך געווען כמעט פּוסט.ביים האַלב־אָפּגעקילטן אויוון, וואו עס האָט געשלאָגן דער טונקעלער קאַלטער שיין פונעם הערבסט־פרימאָרגן, זיינען געזעסן אַ פּאָר פאַרשלאָפענע אידן מיט גלאַנציק־אויסגעוואַשענע פּנים׳ער און האָבן געזאָגט תהלים. מ׳האָט געטונקט די פינ־

גער אין די מיילער, געשווינט געמישט די בלעטער און אונטערוועגנס געכאַפּט צווישן זיך אַ שמועס. געשמועסט האָט מען פון גערטנער, פון אוגערקעס, פון קרויט, פון קאַרטאָפל, וואָס זיינען היינטיקס יאָר שטאַרק נישט געראָטן און מען איז מיט זיי אין דער ערד! און אין דערזועלבער צייט האָט אַריינגעשלאָגן דורך די פענצטער דער קאַלטער טונקעלער הערבסט און אויף די ציטעריקע שויבן האָט זיך געזיפּט אַ דין דריבנע רעגנדל.

אין בית־מדרש איז משה־מאָטע מיט זיין אינגל אַריינגעקומען פּאַוואָליע און פּאַרזיכטיק, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך גנב'ענען. און מחמתביידע זיינען געווען איינגעהויקערטע, נאַסע, און האָבן געציטערט פון קעלט, האָבן זיי ביידע אויסגעזען ווי די פאַרוואָגלטע שפּעלער, געיאָגטע האָלדז אין באַקן, דאָס גרעסערע פאַראויס און דאָס קלענערע פון הינטן. קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, זיינען זיי געבליבן שטיין אינמיטן בית־מדרש ווי אין דער פרעמד. דאָס אינגל איז היינט געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק: צום ערשטן מאָל אויף זיין לעבן האָט ער אָנגעמאָסטן אויף זיין דין שוואַרץ העלדזל אַ פּאַפּירן קראַגנדל מיט אַ בלוי שניפּסל.

— טאַטע, דו קאָנסט איצט רעדן מיט דעם שמש... — האָט דאָס אינגל שטיל געזאָגט צום טאַטן און דאָס האַרץ האָט אים שוין אָנגעהויבן צו קלאַפּן.

— האַ? — האָט משה־מאָטע איבערגעפרעגט און איז געוואָרן אַ צע־מישטער. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען אינמיטן בית־מדרש, דערנאָך האָט ער זיך געמאַכט האַרץ, פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און פּאַוואָליע צוגע־גאַנגען צום בחור שבתי'ל, וועלכער איז געזעסן ביים אויוון אויף אַ ברעג פונעם בענקל און פאַר'חלומ'ט צוגעהערט וואָס לייט שמועסן. אַקעגן די תהלים־זאָגער איז געשטאַנען גבריאל דער שמש, אַ איד אַ גדלן, טויבלעך אַביסל אויף איין אויער, מיט אַ לאַנגער גרויער באַלעבאַטישער באָרד. ער האָט אַראָפּ־געקוקט אין אַ גראָבן צעריסענעם „קרבן־מנחה", געשאָקלט מיט די דיקע ברוגז'ע וואָנסעס און גלייכגילטיק געהאַלטן דאָס געזונטע אויער עטוואָס אָנ־געבויגן צו די וואָס זיצן ביים אויוון. משה־מאָטע האָט זיך אומבאַמערקט אָוועקגעשטעלט לעבן דעם בחור שבתי'ל און האָט זיך אויך איינגעהערט צו דעם וואָס מען שמועסט. דאָס אינגל זיינס האָט פון אים די גאַנצע צייט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. ער האָט זיך פאַרקליבן ערגעץ אין ווינקל פון אָרון־קודש אַ בלייכער, אַן איבערגעשראָקענער, און האָט דאָרטן שטום געציטערט מיט די אַקסלען און מיטן דין שוואַרץ העלדזל.

משה־מאָטע האָט געמאַכט אַ פריינטלעך פּנים און דאָס דאָזיקע פריינט־לעכע פּנים אָנגעשטעלט אויף גבריאל דעם שמש. ער האָט אים אַריינגע־קוקט גלייך אין די אויגן מיט אַ ליבלעכן קוק, געהאַט דערמיט אַ כוונה צו אונטערקויפן אים. אָבער גבריאל דער שמש איז אַ גדלן און אַ האַרטער איד.

די דיקע ברעמען האָט ער אַראָפּגעלאָזט צום סידור, די דיקע וואָנסעס האָט ער פּאַמעלעך געשאָקלט, און אַזוי איז ער געשטאַנען רואיק און קאַלט, ווי נישט אים מיינט מען. נאָר צייטנווייז טראָגט ער צו דאָס געזונטע אויער זיינס צו־זאַמען מיט דעם דיקן „קרבן־מנחה“ צו די וואָס שמועסן, קנייטשט אָן בייז דעם שטערן און וואַרפט אַריין מיט רוגזה אויף זיינס אַ וואָרט:

— האַ? הערסטו! האַ? פּש... אַ קלייניקייט! האַ? אָט דאָס טענה איך דאָך! האַ? עט, שטות׳עררייען!...

דורך אַזעלכע דיבורים איז משה־מאָטע ביי זיך אינגאַנצן אַראָפּגע־פאַלן. ער האָט שוין שטאַרק געצווייפלט, צי וועט זיך אים לחלוטין איינגעבן רעדן מיטן שמש פּנים אל פּנים. טראַכטנדיק אָט די ניט פריילעכע מחשבות, האָט ער שוין מער ניט געהערט וואָס לייט שמועסן און האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף די טונקעלע פאַרווינטע שויבן פון די פענצטער. אַ קאַלטער וויסטער טרויער האָט אַרויסגעקוקט פון אומעטום: פון די לאַנגע פוסטע בית־מדרש בענק, פון דעם קרומען אויסגעדרייטן „האַנט־וואַש“, פון דעם איבער־געקערטן קאַסטן מיט „שמות“, פון דער פּירקאַנטיקער בימה מיט אירע פיר הויכע שטומע פאַר׳חושכ׳טע זיילן. נאָר וואונדערלעך איז געווען איין זאַך: וואָס איז איינגעפאַלן אָט די דאָזיקע פאַרטרויערטע, פאַר׳דאגה׳טע אידן, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן זייערע שבת׳דיקע קאַפּאָטעס און זיך געאיילט אין בית־מדרש אַריין אַזוי פרי? וויבאַלד אַז דאָס קרויט האָט אָוועקגעקוילעט דער האָגל, מיט קאַרטאָפל ליגט מען אין דער ערד, האָלץ איז אין יקרות — און דאָ זיפט נאָך פון דעם קאַלטן הימל אַ דין אָסיענדיק רעגנדל און פויקט אין די פענצטער און זאָגט אָן די קלאָגעדיקע בשורה, אַז דער ווינטער גייט...

איינער פון די תהלים־זאָגער האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און איז אַרויסגעגאַנגען. דער בחור שבתי׳ל האָט זיך אָפּגערוקט און געמאַכט אַן אָרט פאַר משה־מאָטע׳ן, וועלכער האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט און באַדאַנקט פאַר דעם מיט אַ הוסט. אַ ווײַלע האָט משה־מאָטע זיך געשלאָגן מיט דער דעה, דערנאָך האָט ער אַ צווייטן מאָל אַ הוסט געגעבן און זיך אָפּגערופן צום בחור שבתי׳ל:

— איך זאָג, הייסט עס, אַקעגן דעם: יקרות... מיינע זאָגט... מיינע, הייסט עס... זאָגט זי: דעם גוי טאָר מען ניט נאָכגעבן. מען גיט אים היינט פאַר אַ האַלב־אַכטל קאַרטאָפל צוויי גילדן, וויל ער אויף מאָרגן צוויי גילדן מיט צען... אַ גוי איז אַ חזיר... אַזוי זאָגט זי, איך מיין, הייסט עס, מיינע, הע־הע...

שבתי׳ל האָט אָפּגעשוויגן און גאָרנישט געזאָגט אויף דעם. אָנשטאָט אַן ענטפער האָט ער עלאַסטיש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין לופטן, אויס־געדרייט זי איבער זיין אייגענעם קאָפּ און אַריינגעפאָרן מיט אַלע פינף פינ־גער טיף צו זיך אין קאָלנער אַריין. משה־מאָטע האָט געקוקט אויף דעם פון

דער זייט מיט אַ צוטרוילעך שמייכעלע און האָט ווייטער גערעדט.

— איך זאָג אויך אַזוי. זי איז גערעכט. איך מיין, הייסט עס, מיינע... אַ גוי — אויף וואָס דאַרף ער געלט? איך מיין, הייסט עס, צאָלן רבי־געלט, קויפן אַ פּאָר תפילין? הע־הע... איך זאָג עס אַקעגן דעם, הייסט עס... נעכטן האָב איך אויסגעגעבן צען גילדן, געקויפט אַ פּאָר תפילין פאַר מיין אינגל, פאַר מיין אברמצי'ן, הייסט עס...

דאָס האָט שוין דעם בחור שבתי'ל גענומען. ער האָט אויסגעדרייט צו משה־מאָטען דעם קאָפּ און אַנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן:

— שוין בר־מצוה געוואָרן דיין אינגל?

— הע־הע... וואָס האָסטו געמיינט? אַוודאי! צען זילבערנע גילדן געקאָסט אַ פּאָר תפילין... זי וויל נאָך קויפן אַ מפטיר אויך, מיינע, הייסט עס...

משה־מאָטע האָט דערביי אַ וואָרף געטאָן אַ פרייגטלעכן בליק צו גבריאל דעם שמש. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. גבריאל איז געשטאַנען איבער זיין סידור רואיק און טויב ווי פריער, און האָט נאָר געשאָקלט מיט זיינע דיקע ברוגז'ע וואָנסעס. דערפאַר איז דער בחור שבתי'ל נישט פאַרבליבן גלייכגילטיק. ער האָט אַנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן אויף דאָס דערשראָקענע אינגל, וואָס האָט געציטערט אינעם ווינקל פון אָרון־קודש, אַנ־געצויגן לופט אין די לונגען און אַרויסגעשאָסן:

— אַט דאָס יאַטל איז שוין געוואָרן בר־מצוה? אַזאַ ציצירוציקל!... אויף מיין וואָרט, אַלע שנעקעס ווערן בר־מצוה איצט!

אויסגעדריקט הויך זיין פאַרדראָס, האָט דער בחור שבתי'ל תיכף נאָך דעם אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ און בריה'ש אַרויסגעזייעט דורך זיינע צוויי גרויסע פאָדערשטע ציין אַ פלינק דין שפּייעלע. דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: „פע, נעמען זיך אָפּעסן דאָס האַרץ פון אַלץ!"...

— הע־הע... — האָט משה־מאָטע געשמייכלט און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט דערזען, אַז דאָס בית־מדרש ווערט פולער און פולער מיט מענטשן און גבריאל דער שמש שטייט נאָך אַלץ אויף זיין אָרט אַ קאַלטער, אַ חשוב'ער, אַ טויבער. משה־מאָטע האָט אַנגעוואָרן מוט און איז שטיל אויפ־געשטאַנען פון אויוון און אַוועקגעגאַנגען זיך זעצן אויף זיין שטענדיקן אָרט, הינטער דער בימה.

— טאַטע, דו האָסט אים ניט געזאָגט? — האָט אים זיין אינגל גע־פרעגט מיט אַ ציטערדיקן קול.

—אַז ער וויל נישט הערן — האָט זיך משה־מאָטע פאַרענטפערט פאַר זיין זון. — שפּעטער, אַז מ'וועט פאַרקויפן עליות, וועל איך אים זאָגן. דער־ווייל חזר איבער די הפטורה נאָך אַמאָל.

בשעת דאַווענען האָבן די אינגלעך זיך אַרומגעשטעלט אַרום אַברמצי'ן און גענומען באַשאַצן דאָס פּאַפּירענע קראַגנדל מיטן בלוי שניפּסל. אַברמצי

אַליין איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און צעטראָגן. אים האָט אַפילו נישט געאַרט די חסרונות אין דעם שניפּסל, וואָס זיינע חברים האָבן אים אויפגע־וואָרפן. משה־מאָטע, וואָס האָט מאָדנע הנאה געהאַט פונעם גאַנצן ענין, איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעשטעלט אין טלית צווישן חברה אינגלעך, צו־געלייגט אַן אויער צו זייער שמועס.

— דאָס קאָסט אַ גריוונע... — האָט ער פאַרטיידיקט פאַר זיי דאָס בלויע שניפּסל.

נאָך דער ערשטער שמונה־עשרה האָט אַברמצי גענומען דעם חומש און פאַמעלעך איבערגעחזר'ט די הפטורה. משה־מאָטע האָט דערנסטמאָל פאַר־בונדן אַ געשפּרעך מיט זיינעם אַ שכן, וואָס זיצט לעבן אים הינטער דער בימה.

— אָט דאָס אינגל מיינס, איך מיין, הייסט עס... אַברמצי מיינער... וואָס זאָגסטו צו אים? געוואָרן בר־מצוה, הע־הע... זי וויל דווקא אַ מפטיר, איך מיין, הייסט עס, מיינע... ער זאָגט דאָך די גאַנצע הפטורה אויסווײ־ניק ווי אַ וואַסער, אָט דער קליינער!... קויפן אים מפטיר? וואָס זאָגסטו? אַפילו די פּרנסה... אָט אויסגעגעבן אויף תפילין צען זילבערנע גילדן! נאָר זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, איך מיין, הייסט עס, מיינע... האַ, וואָס מיינסטו?

דער שכן האָט אין דער צייט גראָד געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל. דער־פילט אַז איינער רעדט צו אים, האָט ער פאַמעלעך אויפגעריסן אַ פּאָר פאַר־קלעפּטע אויגן, פאַרטראָגענע ערגעץ אין אַנדערע עולמות, און האָט אָנגע־קוקט משה־מאָטען מאָדנע תמ'עוואַטע, ווי אַ נישט־היגער, ווי איינער זאָגט: „רעד צו מיר און רעד צו דער וואַנט"...

נאָר אָט איז שוין געקומען די רעכטע צייט. דער שמש האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן עליות. משה־מאָטע האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער בימה מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, געגרייט זיך צו אַ סכנה און געצופּט זיך מיט ציטערדיקע פינגער דאָס ציגישע בערדל.

אין בית־מדרש טראָגט זיך אום אַ שטיל שבת'דיק גערויש, אויסגע־מישט פון פאַרשיידענע זאָגעכצן מיט פאַרשיידענע ניגונים. באַלעבאַטים, איינ־געוויקלטע אין די טליתים, זיצן ביי די שטענדערס, שאָקלען זיך שטיל און מען איז מעביר די סדרה. הינטער דער בימה קלייבן זיך צונויף בחורים און יונגע־לייטלעך אין שפּאָגל־נייע טליתים, מ'שמועסט פריילעך, מ'באַרעדט דעם עולם, מ'טרייבט שפּאַס איינס מיטן אַנדערן. גבריאל דער שמש שפּרייזט אום געלאַסן אויף דער בימה, זינגט אויס מיט אַ געצויגן קול די מקחים פון די עליות, שטעלט זיך אָפּ אין מיטן און באַטראַכט דעם עולם מיט אַ שטרענגן בייזן בליק. וויבאַלד אָבער ער פּאַקט נאָר אַ וואונק פון איינעם פון די באַלע־באַטים, ווערט ביי אים תיכּף ליכטיק דאָס פּנים, ער פליט אַראָפּ אין איין אויגנ־בליק פון בימה, בייגט אָן דאָס געזונטע אויער צום בעל־הבית און סודעט זיך און שמייכלט און שאָקלט צו געטריי מיטן קאָפּ.

— צוואַנציק „גראָשיין" אום מאַ־אַפטיר! — האָט אויסגעזונגען דער שמש זיין באַשטענדיק לידל.

משה־מאָטע האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי אַן אָפּגעבריטער. די קאָמפּאַניע בחורים און יונגע לייטלעך הינטער דער בימה האָט געוואַקסן. מ׳האָט זיך אַלע צענויפגעשטיקט אַרום משה־מאָטען מיט זיין אינגל, מ׳האָט עפּעס דערציילט און הויך געלאַכט. משה־מאָטע איז געשטאַנען צווישן זיי אַן איינגעפּרעסטער, אַ רויטער. ער האָט כלומרשט אויך געשמייכלט און אַלץ געצאַפּלט זיך מיט די הענט און מיט פיס כדי אַרויסצוגיין.

דאָס אינגל מיינס... זעט, טוט אַ טובה... איך האָב אַ אינגל, האָב איך... — האָט ער אַלץ געשטאַמלט, נאָר קיינער האָט אים נישט געהערט.

ער האָט פאַרצווייפלט אַראָפּגעלאָזט די הענט, און דאָרטן, אונטן, האָט ער אָנגעטאַפּט מיט די פינגער אַ זודיק, פייעריק בעקל. ער האָט זיך איינגעבויגן און דערזען, ווי זיין אינגל שטייט אַ צוגעדריקטער צום בענקל, רייסט זיך אַלץ אויפהייבן זיין קאָפּ צום טאַטן און ציטערט מיט אַלע איברים ווי אין פיבער.

— טאַ־טע נו־או?

— דרייסיק „גראָשיין" אום מאַ־אַפטיר!...

— רב גבריאל!... האָט משה־מאָטע זיך געבעטן און אויסגעשפּרייט די הענט מיט רחמים צו יענעם אָרט, וואו דער שמש איז געשטאַנען אויף דער בימה. נאָר רב גבריאל האָט זיך דעמאָלט גראָד אָנגעבויגן צו איינעם אַ בעל־הבית און האָט אים עפּעס פאַרטרויט אויפן אויער מיט אַ זייער ליכ־טיק פנים.

— זי—בעציק „גראָשיין" אום מאַ־אַפטיר! — האָט דער שמש אויס־געזונגען מיט אַ געפיל פון נצחון.

— רב גבריאל!...

איצט האָט משה־מאָטען זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט שוין אַביסל אַריבערגעכאַפּט די מאָס, אַ צו־הויכן געשריי געטאָן. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן אַ פאַרשולדיקטער, אַ צעטראָגענער.

— צו מיר... צו אונדז קוקט ער גאָר ניט! — האָט ער זיך פאַרענט־פערט פאַר די יונגע לייט און צעלאָזט די הענט.

— ווער? וואָס? — האָט זיך צו אים אַ קער געטאָן איינער אַ צעפלאַמ־טער יונגערמאַן מיט פריילעכע לאַכעדיקע אויגן.

— איך זאָג, הייסט עס, איך האָב אַ אינגל... אַ קינד... האָט זיך אים פאַרוואָלט מפטיר, הייסט עס...

און איצטיקס מאָל האָט זיך משה־מאָטען איינגעגעבן אַרויסגיין בשלום פון דער צונויפגעשטיקטער חברה יונגע לייט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי די טרעפּ פון בימה אַ שרעקעדיקער, אַן אונטערטעניקער, אַלץ געצופּט

זיך דאָס ציגישע בערדל און געדרייט דעם קאָפּ אויף געבן גבריאל דעם שמש דעם נויטיקן וואונק. לעבן אים איז געשטאַנען זיין אינגל אַ גרייטער, אַ פאַר־טיקער, מיטן חומש אונטער דער האַנט און מיטן ברען אין די מאָגערע צע־פלאַמטע בעקלעך. באַלד האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים אַ חברה אינגלעך און עפּעס שעלמיש געלאַכט און שעלמיש געוואונקען איינע צו די אַנדערע.

— בחורים, צעגאַנגען זאָלט איר ווערן! — האָט אָנגעשריען איינער אַן אַלטער איד אויף דער חברה אינגלעך. פאַרבייגייענדיק האָט דער אַלטער איד אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער גראָד אַברמצין און האָט אים אַ שטופּ געגעבן: „גיי, שקאָץ איינער, ער לאָזט זיך נאָך בעטן"... דאָס אויפגערעגטע באַליי־דיקטע אינגל האָט שיעור ניט אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין.

דעמאָלט האָט משה־מאָטע מיט ציטערדיקע הענט געכאַפּט זיין אינגל און איז מיט אים געשווינט אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה. אויף דער בימה איז ער אָבער באַלד געבליבן אַפּהענטיק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקן אויף אים און וואונדערן זיך... ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און שעמעוודיק געשמייכלט צום עולם. באַלד איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה: ער איז צוגעגאַנגען צום שולחן און געוואָלט נעמען די פּושקע מיט שמעקטאַבאַק, כדי צו באַווייזן דעם עולם, אַז די גאַנצע כוונה זיינע איז נאָר אַ שמעק טאַבאַק. אָבער, מעשה־שטן, איז זיין האַנט געווען ווי אַ געליימטע. די פּושקע האָט זיך אויסגעגליטשט פון זיינע פינגער און דער גאַנצער טאַבאַק האָט זיך צע־שאָטן אויפן טישטעך. ביי משה־מאָטען האָבן גענומען פליען פונקען פון די אויגן.

ענדלעך האָט זיך דער שמש אויף אים אָנגעשטויסן.

— רב גבריאל...

— האַ? האָט דער שמש אַ געשריי געטאָן, בייז און אָנגעבויגט צו אים אויף אַ ווײלע דאָס געזונטע אויער.

— אָט דאָס אינגל... מיינס אַ אינגל... — האָט משה־מאָטע אַ דער־שראָקענער געבאַלעמאַטשעט מיט דער צונג און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף זיין אינגל. — זי האָט געזאָגט, איך מיין, הייסט עס, מיינע... זי האָט גע־הייסן... למען־השם... זי האָט זיך איינגעשפּאַרט! דאָס אינגל, הייסט עס, אַ קינד, האָט זיך אים פאַרוואָלט...

— האַ? איך הער נישט!

— זי וועט באַצאָלן, זאָגט זי... מיינע, הייסט עס, נאָך שבת... אַז מען האָט באַצאָלט צען גילדן פאַר תפילין...

אין דער זעלבער מינוט האָט גבריאל דער שמש געפּאַקט אַ וואונק פון איינעם אַ בעל־הבית. ער האָט אָוועקגעוואָרפן משה־מאָטען און תיכף אויס־געזונגען מיטן גרעסטן נצחון:

— הור־או־אונדערט „גראַשיין" אום מאַ־אַפטיר! — דערנאָך האָט ער

אַ פּאַטש געטאָן איבער דעם „קרבן־מנחה“ — אַ סימן, אַז דער האַנדל איז געקומען צו ענדע. דרייענדיק זיך אַ שטאָלצער, אַ צופרידענער אויף דער בימה, האָט דער שמש זיך ווייטער אָנגעשטויסן אויף משה־מאַטען, וועלכער איז געשטאַנען מיט זיין פלאַטערדיק אינגל ווי אַ צעמישטער. ער האָט זיך האַסטיק אַ בויג געטאָן צו אים און אַ געשריי געגעבן:

— האַ? לאָמיך הערן וואָס דאַרפסטו? רייד ווערטער...

## יצחק קאַצענעלסאָן

## קאַפּיטלעך פון „בגבולות ליטא“

### 1.

### שבת

נאָכן שבת׳דיקן עסן זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען, איינער נאָכן אַנדערן, פון עסצימער, און זיך פאַרקליבן אין נאָענטן חדר. דער פענצטער אין יענעם צימער איז געווען פאַרמאַכט און אין די ווינקלען־שויבן, וואָס זיינען געווען פאַרגאָסן מיט זון — האָבן גאַנצע מחנות פליגן געזשומעט און געאַרבעט מעשים.

כ׳האָב געעפנט דעם פענצטער — און די פליגן האָבן מיט גרויס געזשום זיך אַ שאָט געטאָן אינדרויסן.

צוויי קליינע קושעטקעס זיינען געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו די צוויי ווענט פון אַלקער, וואוהין מיר זיינען אַריין. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט ווי ס׳האָט זיך געמאַכט, איינער אויפן צווייטנס קני, איינער הינטער יענעמס פלייצע — אַט אַזוי, אַ ברידערלעך זיצן. מיר זיינען געווען גוט אויפגעלייגט, און מיר האָבן געשמועסט געלאַסן, אַלץ נאָר וואָס ס׳איז אונדז געקומען אויף דער מחשבה — אַ ברידערלעך שמועס.

— וויי־וויי, וויפל וואַסערן ס׳זיינען שוין זינט דעמאָלט פאַרפלאָסן... וויי־וויי, ביסט דעמאָלט געווען אַ זיבן־יאָריקער בחור! —

— יאָ...

— און איך געדענק דאָס אַלץ — זאָגט זי — ווי ס׳וואָלט געווען נעכטן... סאָראַ צעלאָזן אינגל!... האָסט ניט געלאָזט שלאָפן קיין נעכט: מיאַו... מיאַו... און געקרייט ווי אַ האָן אַ גאַנצע נאַכט! די מומע איז דעמאָלט געווען ביי אונדז אַ גאַסט — וויי, וואָס זי האָט עס נעבעך געשריען.

— זי איז געווען אַ גרויסע כעסנ׳טע. ווי נאָר די נאַכט פלעגט אָנקומען פלעגט זיך אָנהויבן אַ שפּרינגעניש ביי אונדז אין קינדער־צימער... יעדער איינער ביים צווייטן אין בעט... רחל׳ע, זי איז דעמאָלט אַלט געווען דריי יאָר, פלעגט שרייען: אַי, מ׳טאָר ניט — ער איז דאָך אַ אינגל... דאָס שפּרינגעניש פלעגט פאַרקומען פּלוצים... מיר פלעגן אומקריכן אויף דער

פאַדלאָגע פון פינצטערן צימער, קריכן, קריכן שטילינקערהייט, און — פלוצים, באַך! אין בעט אַריין... געשרייען, געלעכטערס, די קישנס פליען אַרונטער אויף דער פאַדלאָגע, קיין זכר ניטאָ פון ליילעכער און דעקעס — אַ חורבן! און די שפּרינגערייען הערן ניט אויף ביז אַברהמ׳ל, וואָס פלעגט שטיין אויף דער וואַך ביי דער טיר, פלעגט אַ געשריי טאָן: די מומע! מיר פלעגן אַלע באַלד שטיל ווערן, זיך באַהאַלטן ערגעץ אונטער אַ קליידל און איינפּרעסן אונדזערע פּנימער און אונדזער געלעכטער אין שטרוי־זאַק אַריין, יעדער איינער — ניט אין זיין בעט.

— היינט די מעשים, וואָס מיר פלעגן אָפּטאָן דורך די פרייטיק־צו־נאַכטן?... דאָס איז געווען שיין! די ליכט זיינען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען און מיר קערן וועלטן אינדערפינצטער... און פלוצים קומט אַריין די מומע. ווי איר שטייגער איז געווען, אונדז איינצושטילן... געדענקסט ניט?... דו ביסט צוגעקראָכן הינטער איר, און אַז דו האָסט אָנגעכאַפּט די אַלטע פּאָר די קנעכלעך, האָסטו אַ ביל געטאָן אויף אַ משונה׳דיק קול: האַוו־האַוו! די מומע איז, אַ דערשראָקענע, געפאַלן צו דער פאַדלאָגע. מ׳האָט אונדז אַלעמען געשלאָגן, אָבער דיך האָט מען געשלאָגן מער פון אַלעמען...

יאָ, איך געדענק, זאָגט זי... פון יענער נאַכט אָן — האָט מען דיך ניט געלאָזט שלאָפן אין קינדערצימער. די מומע האָט דיך צוגענומען צו זיך אין בעט. און מיר פלעגן זיך רייצן מיט דיר דורך דער וואַנט: „יצחק־פּיצחק — נאַדל־טעשל...״ און דו פלעגסט אָפּענטפערן: אַברהמ׳ל־קאַפּעמל, לאָקשן־דעמ״ — נאָר די מומע פלעגט דיר פאַרשטאָפּן ס׳מויל און ניט לאָזן ענדיקן.

— זי לעבט נאָך, די מומע?

— זי לעבט!... אין קאַפּוליע...

— אין קאַפּוליע... קאַפּוליע... הערט נאָר, חברה, וואָס ס׳איז מיך נאָר וואָס איינגעפאַלן, נאָך הבדלה וועלן מיר זיך אַלע אָוועקזעצן און איר שרייבן אַ בריוול. מירן איר דערמאָנען די נעכט פון די שפּרינגעניש... דו וועסט אויך שרייבן... זי וועט זיך שטאַרק פרייען... וויי־וויי, וויפל וואַסערן זינט דעמאָלט זיינען דאָס פאַרפלאָסן!...

דער שמועס האָט געפלייצט ווי אַ פריילעכער שטראָם, וואָס טענצלט צווישן וועלדער און שטיינער און געפינט קיין שטער ניט אויף זיין וועג. די זכרונות פון די קינדער־יאָרן, וואָס האָבן אומגעבלאָנדזשעט צעשאָטענע און פאַרפלאָנטערטע אין די מוחות און הערצער פון יעדן איינציקן פון אונדז — וויבאַלד אָבער מיר, די קינדער פון איין משפחה, האָבן זיך צונויפגעקליבן אין איין חדר אין שבת׳דיקן טאָג, איז די פאַרקייטלונג פון די דאָזיקע זכרונות געווען אַ וואונדערלעכע. יעדער איינער האָט אַריינגעוואָרפן זיינע גילדערנע רינגען, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט אין זיין האַרץ און מוח, און פון זיך אַליין

האָבן די דאָזיקע רינגען זיך באַהאַפטן, און די גילדענע קייט גלאַנצט און שימערט. אַלע וואַסערן, וואָס זיינען שוין לאַנג פאַרפלאָסן — שטראָמען אויף צוריק, און קומען צוריק, און די פאַרגאַנגענהייט אין יענעם שיינעם צימער שטראַלט אויף און מאַכט אַלע זיינע ווינקלען אויפשימערן.

און דער שמועס פּלייצט און איז לייכט און פריי, און דאָס ליכט פון זונאויפגאַנג איז איבער אים פאַרשפּרייט, און אַ קינדעריש געלעכטער קלינגט פון אים אַרויס. אָבער דאָס אַלץ, זעט זיך מיר, הערט זיך מיר, פון דערווייטנס. ניט יענעס לעבן גופא קערט זיך אום צוריק צו מיר, נאָר זיין ווידערקול. בלויז זיין ווידערקול הערט זיך מיר, ווי ס'וואָלט קומען פון ערגעץ הינטער די הרי־חושך; אַביסל שפּעטער וועט אויך דאָס ווידערקול, וואָס האַלט נאָך דערווייל אין קלינגען, אויך פאַרשטומט ווערן. ס'טרעפט, אַז דעם מענטשן טוט באַנג צו זען ווי די זון גייט אונטער. און ער קערט אום זיין פּנים צום מזרח און פאַרמאַכט די אויגן און באַשאַפט זיך אַ זון אין מזרח, אין זיין דמיון, און ער זעט, ווי די זון קומט אויף, הייבט זיך אויף און גייט אויף... אָבער אין האַרצן ווייס ער, אַז אין דער רגע, וואָס ער וועט עפענען די אויגן צוריק וועט ער דערזען, אַז דער מזרח איז פינצטער, פינצטער — און די נאַכט קריכט פון דאָרטן...

און דער באָבעס מעשיות געדענקסטו נאָך?

— זי איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק, — דאָ אין שטעטל...

— דורך די פאַרנאַכטן פלעגט זי ליב האָבן דערציילן מעשיות.

— די שענסטע מעשה אירע איז געווען פון „אַלי־באַבאַ און די רויבער... סעזאַמי — סעזאַמי, עפן זיך“! דער שטיין רוקט זיך אָפּ און אָט איז אַ גרויסע הייל. ער קומט אַריין. אין ערשטן חדר — גופים פון טויטע מענטשן, אין צווייטן — אָפּגעשניטענע קעפּ, אין דריטן — גילדערנע רענדלעך און טייערע אידלשטיינער... ער שטייט נאָך און טראַכט — און די רויבער...

— היינט יונה הנביא, וואָס איז געזעסן ביים פיש אין די אינגעווייט. אַזוי ווי אין אַ שטוב, און געלייגט דאָרטן תפילין, און געשריבן דאָרטן אַ ספר־תורה...

— און די קליינע פישלעך ביים פיש אין אינגעווייט האָט ער געלערנט מיט זיי דעם אַלף־בית...

און דאָס געשפּרעך גייט פון זיך אַליין. איין שטראַל ברענגט מיט זיך אַ צווייטן שטראַל, איין שטריך — אַ צווייטן שטריך, איין דעראינערונג אַנטפּלעקט אַ צווייטע דעראינערונג, און אַ לייכטער נעפּל לייגט זיך אויפן מוח, פאַרשטעלט דעם איצט און באַלויכט דאָס פאַרגאַנגענע... און איך פאַרגעס, אַז מיינע אויגן זיינען פאַרמאַכט און אַז דעם „זונאויפגאַנג“ האָב איך אַליין באַשאַפן...

— און משה־ברוך פון אַפריקע שרייבט אינגאַנצן ניט...

— וואָסער משה־ברוך?

— אַט דער לאַנגאַץ, וואָס פלעגט ליב האָבן, אַז דער טיי וואָס מ׳דערלאַנגט אים זאָל אַריבער איבער די ברעגן גלאָז.

— אָ דער... אַוודאי שלאָפט ער דאָרט נאָך היינט, שבת נאָך האַלבן טאָג.

— אַי, נאָך יענער מעשה... נאָכדעם ווי מיר האָבן אים אונטערגעגאָסן וואָסער פון קענדל אין בעט אַריין, אויפן ליילעך...

— כאַ־כאַ, יענעם גאַנצן שבת׳דיקן טאָג איז ער געלעגן אין בעט!

— ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר קראַנק...

— נאָכדעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען: משה־ברוך! וואָס איז דאָס פאַר אַ פלעק?

— אַ גאָפל האָט ער אויף דיר געוואָרפן...

— כאַ־כאַ־כאַ!...

אַ קינדערשע פרייד האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר — אַ זאַך וואָס איז נאָך ניט פאַרלאָפן אין דער וועלט — די קינדערשע פרייד האָט זיך צו מיר צוריקגעקערט, ווי יעדער וואונדערלעכער פויגל מיט נאָמען „חול", וואָס נאָך טויזנט יאָר קערט ער זיך צוריק צו זיין יוגנט, זיין יוגנט קומט צוריק. שטייט דער פויגל „חול" אויף איינעם אַ צווייג פון אַ בעריאָזע אויפן בית־עולם. די בעריאָזע ביימער, די אַבלים, דערציילן אים וויפל מענטשן עס זיינען שוין געבראַכט געוואָרן אַהער פון שטאָט, צווישן די אַנדערע — קינדער און עופה׳לעך — אַט זיינען זיי די קליינע קברים! פליט דער „חול" אַרונטער אויף איינעם פון די קברים, פיקט מיטן שנאָבל אין דער ווייכער ערד — ס׳איז אים נמאס געוואָרן ס׳לעבן: טויזנט יאָר — גענוג! ער וועט זיך אַליין אויסגראָבן אַ קבר — און זיך באַגראָבן. אָבער אַ שאַרבן פון אַ סקעלעט האָט זיך פאַר אים אָפּגעדעקט אין דער אויפגעגראָבענער ערד און ער דערשרעקט זיך פאַר די אויגנלעכער — אַט דאָס האָט געמאַכט דער טויט! און ער פאַכעט מיט די לאַנגע פליגל און פליט אַוועק... און אין יעדן איינציקן וואַלד, וואָס ער פליט דורך און דערמאָנט זיך דאָס זינגען וואָס ער האָט געהערט און וואָס ער אַליין האָט איבער אים געזונגען — פאַלן אַרויס פון זיינע פליגלען עטלעכע גרויע פעדערן און אַנדערע וואַקסן אָפּ אויף זייער פּלאַץ; איבער יעדן איינציקן טייך וואָס ער פליט אַדורך איבער אים, און דערמאָנט זיך וויפל מאָל די זון און די לבנה האָבן צו אים געלאַכט פון די דאָזיקע קלאָרע וואַסערן אַרויס און וויפל מאָל ער האָט געשטילט זיין דורשט מיטן זיסן וואָסער — פאַלן אַרויס עטלעכע גרויע פעדערן און נייע וואַקסן אויס אויף זייער פּלאַץ; אויף יעדער איינציקער בלום אויף וועלכער ער נידערט אַרונטער זיך אָפּצורוען, און וועלכע האָט, דורך משך פון פרילינג

אים דערציילט פון זיינע חלומות, און צוליבן ווינטער האָט ער קיינמאָל ניט געהערט דעם סוף פון די בלומען־חלומות — פאַלן אַרויס די פעדערן פון עלטער און ער ווערט ווידער יונג...

אוי, וויפל וואַסערן עס זייגען פאַרפלאָסן!

דער נעפל איבערן מות איז זיך צעלאָפן... דער חדר איז כמעט אינ־גאַנצן ליידיק. איינציקווייז, איינציקווייז האָבן זיי זיך אַרויסגעשליכט... דער שבת׳דיקער שלאָף האָט זיי פאַרכאַפּט. בלויז איך איינער זיץ אויף איין קושעטקע און נאָך איינער דרעמלט אויף דער אַנטקעגנדיקער קושעטקע.

איך האָב געפּרואווט באַהאַלטן מיין פּנים אין קישן פון צוקאָפּנס, אָבער דאָס שאַרפע ליכט אין צימער האָט מיך ניט געלאָזט שלאָפן, מיר געקלאַפּט אין פּלייצע: ס׳איז נאָך גרויסער טאָג, — איז מיין פּנים געווען איינגעדריקט אין קישן און אויף מיין פּלייצע האָט געטאַנצט דער טאָג, און איך שפּיר זיין ליכט און קען אים ניט גובר זיין. בין איך אויפגעשטאַנען און גענומען שפּאַצירן שטילינקערהייט פון איין חדר אין צווייטן. אַלץ דרעמלט; די אַלמערס, דער גרויסער קאַסטן, דער טיש און די שטולן אַרום אים... אַפילו דער ווייסער טישטעך איבער אים און די פליגן אויף די צוקער־ברעק־לעך, וואָס זייגען איבער אים געווען צעשאָטן. אין קיך איז געשטאַנען אַ גרויסע היץ. אויפן אויוון איז געלעגן די קאַץ און געדרעמלט. צעעפנט די גרינע אויגן און זיי ווידער פאַרמאַכט, ס׳איז בלויז געווען, כדי צו דערשרעקן די חוצפה׳דיקע בייסנדיקע פליגן.

אַז איך האָב אויפגעעפנט די טיר און אַרויסגעגאַנגען אין הויף, האָב איך דערהערט אַ שאָרכן פון בלעטער אין קליינעם גערטנדל... אויפן באַרג־בוים איז געזעסן אַ בחור „אַ טערק״, פון די גאַסן־בחורים, און געריסן האַלב־רויטע האַלב־געלע באַרן, ווי ס׳וואָלט גאָר קיינמאָל שבת ניט געווען אויף דער וועלט.

— בחור, ס׳איז דאָך היינט שבת! אַ, בחור?

ער איז מיט איין שפּרונג אַרונטערגעשפּרונגען פון בוים און אַרויס פון הויף, אַרויסזייענדיק פון די ליפּן:

— דער שד ווייס אים! אַפילו שבת נעמט אים קיין דרעמל ניט!...

איך בין אַרויס אין גאַס.

די גאַס איז געווען ליידיק. עפּעס אַ באַרוועסע גוי׳ע איז געשטאַנען ביי דער טיר פון אַ שטוב און געקנאַקט קערלעך. אַ שאָלעכץ פון אַ קערעלע איז איר אַריינגעפאַלן צווישן די פינגער פון איר גראָבן פוס, און זי האָט עס אַפילו נישט געשפּירט.

ווען דאָס לעצטע קערעלע איז איר אויסגעגאַנגען פון הויפן — איז זי אַריין אין שטוב און אַ מינוט שפּעטער ווידער אַרויסגעקומען מיט אַ פולן

הויפן קערעלעך, און דאָס שאָלעכץ האָט נאָך אַלץ געשטעקט צווישן די פינגער פון איר רויטן פוס.

פאַרן אַראָפּנעמען די שבת׳דיקע לייכטער פון טיש. אָבער אַפילו אַז די דאָזיקע גוי׳ע וועט אַראָפּשלינגען אַ פולע שטוב קערלעך — וועט זי זיך אַלץ ניט אָנזעטיקן. קערעלעך זיינען פאַר אידישע טעכטער, וואָס האָבן ניט קיין שיינע קליידער אַרויסצוגיין און זיי זיצן אין שטוב אַ גאַנצן שבת...

כמעט אומבאַוואוסטזיניק בין איך דורכגעגאַנגען איינינקע גאַסן. פאַר־בייגייענדיק אַ בית־מדרש, האָט זיך מיין בליק אָנגעשלאָגן אָן פּנים פון אַ בלאַסן בחור, וואָס איז אויף אַ מינוט אַרויסגעקומען פון זיינע ווענט, און איז געשטאַנען אויף דער שוועל. איין ציצה האָט זיך געבאָמבלט אונטער דער פּאָלע פון זיין בגד. דער בחור האָט געוואָרפן אַ קוק אויףביידע זייטן גאַס, צו מערב און צו מזרח, און איז ווידער אַריין אין בית־מדרש.

פאַרוואָס איז דער בחור אַרויס און ווידער אַריין, וואָס טוט ער דאָרט אין בית־מדרש?

ס׳האַרץ האָט זיך מיר אויף אַ רגע אויפגעציטערט. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז אויב כ׳וועל אַריין אין בית־מדרש און אויפהייבן זיין גמרא פון שטענדער, וועל איך דאָרט געפינען דעם „התועה בדרכי החיים״, אָן אָפענעם, און דאָס בלאַט, דאָס אָפענע בלאַט וועט זיין דאָס דאָזיקע:

„ווי רופט מען דיך?״

„פּרא־אָדם.״

„ווי רופט מען דיך, מיין קינד?״

„יוסף, דער יתום פון שטאָט מיסטיפּקע.״

— בחור, פאַרוואָס לייענסטו ניט ווייטער?

— ס׳איז מיך אַ שאָד זיך צו שיידן מיטן דאָזיקן בלאַט...

— בחור, ווי אַזוי לייענסטו דעם „התועה״?

— כ׳הייב אויף אַביסל דעם טאָוול פון דער גמרא און שפּאַר אים אונטער מיטן קאָפּ און לייען...

— בחור, די גרויסע גמרא מאַכט דאָך אָבער פינצטער אויף אַזאַ אופן...

— איך צינד אָן אַ ליכט און באַלויכט די ווערטער...

— בחור, אום שבת...

— די האַנט ציטערט טאַקע...

כמעט ניט ווויסנדיק בין איך אַרויס פון שטאָט. וויט־וויט אין פעלד האָב איך דערזען אַ סך, אַ סך שפּאַצירגייער. ווייסע קליידער, בלויע, ראָזע און אַ סך אַנדערע קאָלירן האָבן געגלאַנצט אין דער גרויסער ליכטיקייט פון טאָג.

אויפן בריק, וואָס גאַנץ נאָענט פון אים איז געווען דער „עירוב־תחומין״ האָט זיך אַ מיידל אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן,

נאָכדעם האָט זי זיך אָביסל אָנגעבויגן, אַרויסגענומען פון אַ קעשענע עפּעס אַ ווייסע זאַך און דאָס באַהאַלטן — האַסטיק, אונטער אַ ברעט פון בריק — און אַוועקגעגאַנגען.

דער שיינער מיידלשער גאַנג האָט מיך געפּאַנגען און מיין האַרץ איז נאָכגעגאַנגען צו באַגיין אַן עבירה... די ווייסע זאַך אונטערן ברעט איז אַ בריוו! אַ געעפנטער בריוו...

זאָל זיין וואָס ס'איז! כ'וועל לייענען דעם בריוו פון אָנהייב ביזן סוף, כ'וויל וויסן, וואָס שרייבט איר איר געליבטער, וואָס שרייבט איר איר ליבהאָבער...

כ'האָב אַרויסגעצויגן דאָס קליינע פּירעקיקע בייגעלע פּאַפּיר פון קאָנווערט, כ'האָב גענומען לייענען — און ס'איז גאָר אַ בריוול פון איר טאַטן... נאָר דאָס בריוול האָב איך פונדעסטוועגן ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, און געלייענט היפּנדיק, ווייל ס'איז געווען איר טאַטנס...

...טייערע טאָכטער, ערשטנס לאָז איך דיר וויסן, אַז כ'בין געזונט, — אין נעוו־יאָרק זיינען פאַראַן אַ סך אונדזעריקע — די אַרבעט איז שווער — וואָס מאַכסטו? — איך אַרבעט און מאַך אַ לעבן — ביסט דאָך מיין איינציקע קינד — נעכטן האָב איך געזען שלמה'קען. ער האָט מיר אויסדערציילט אַלע נייעסן פון שטעטל. האָסט זיך גענומען צום נייען? — ס'איז גוט, וואָס דו וועסט האָבן עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע רובל צו דער שיפסקאַרטע, וואָס כ'וועל דיר איינגיכן שיקן. מיין איינציקע, כ'וואָלט דיך אויסקושן די שוואַרצע אויגן... שלמה'קע האָט מיר דערציילט — איך וואונדער מיך, פאַרוואָס דו לאָזט סאַפּירזאָנען אַריבערטרעטן די שוועל... די לעצטע צייט, איך ווייס ניט פאַרוואָס, שרעקן מיך די חלומות... סאַפּירזאָן און סאַפּירזאָן... אָבער די חלומות זיינען ליגנערס... וויי־וויי, אַז דו וועסט קומען מירצעשעם קיין נעוו־יאָרק — אָהאָ — וועסטו, לאה'לע, קריגן אַ חתן — זיי זיינען דאָ אַ סך אין נעוו־יאָרק. — —

. כ'האָב אַוועקגעלייגט דעם בריוו אויף זיין פּלאַץ און זיך אונטערגע־איילט צו דעריאָגן דאָס מיידל. ווען כ'בין דאָס מיידל פאַרבייגעגאַנגען האָב איך אַריינגעקוקט אין אירע שוואַרצע אויגן, וואָס איר טאַטע וואָלט אַזוי וועלן זיי אויסקושן... עפּעס אַ טרויער האָט פון זיי אַרויסגעקוקט און געווען צעלייגט אויף איר שיין צאַרט פּנים.

אַ רגע האָט ס'האַרץ אין מיר אויפגעציטערט: אפשר זיינען די חלומות ניט קיין ליגנער... סאַפּירזאָן — סאַפּירזאָן —

און איך גיי שוין מיט דער זייט פון שאָסיי און אויפן שאָסיי איז פריילעך. אַלץ וואָס לעבט איז אַרויס פון שטעטל אויפן שאָסיי. און דער שאָסיי איז זייער אַ לאַנגער. מ'זאָגט, אַז דער דאָזיקער שאָסיי ציט זיך אַזש ביז קיין קאָברין... און קאָברין איז זייער ווייט פונדאַנען... די דאָזיקע

הימלען גייען און לאָזן זיך אויס און נייע הימלען שפּרייטן זיך איבער דער שטאָט קאָברין.

אויפן שאָסיי איז פריילעך! דער גרינער פּלאַץ אויף זיינעביידע זייטן שפּילט און ציטערט אויף אונטערן געזאַנג און דאָס פליען פון פייגלען. די איינזאַמעביימער, די גוטע מלכים, האָבן אָנגעטאָן זייערע קרוינען און זיי אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן ביז צום האַלדז, מפקיר געווען זייער קיניגטום פאַר אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, און אין טאָג שבת — פאַר אידישע קינדער...

אויפן גרינעם פּלאַץ איז היימלעך —

לכה דודי לקראת כלה!
שוין צוריק פון שול דער טאַטע.
ס'האָט דער טאַטע געמאַכט קידוש
און „המוציא" אויף דער חלה,
האָט שוין אָפּגעגעסן קוגל
מיט די ראָזשינקעס מיט לאָקשן —
האָט שוין אָפּגעבענטשט „במזומן"
מעביר־קריאה שוין געוועזן,
האָט שוין אויסגעטאָן די שטיוול —
ליגט פאַרטאָן אין שלאָף אין זיסן.
ס'גייט אַ כראָפּן פון זיין חדר —
„שבט־מוסר" אויף זיין פּנים.
ס'האָט אַ בלאָט אַראָפּגעגליטשט זיך,
און פאַרדעקט די שטיוול זיינע...
ס'האָט דיין כלה אויסגעפּוצט זיך,
איז אַרויס פון שטאָט דער שטילער,
איז אַרויס אין די אַלייען —
לכה דודי לקראת כלה!

לכה דודי לקראת כלה!
ניט אין מאַרק דאָרט ביי די קראָמען —
וועסט ניט טרעפן דאָרט דיין כלה;
וועסט די האַרציקע ניט טרעפן
אין די שטעטל־געסלעך אַלע;
וועסט אין שטוב פון מומע חיה
ניט געפינען די געטרייע;
ניט ביים זיידן, ביי ר' יהודה'ן

זאָלסטו איר אַצינד גיין זוכן;
ליידיק שטייען אַלע מערק איצט,
אַלע קראָמען צוגעשלאָסן.
אויף דער גאַס אַ שטילקייט דינע,
רוט די שבת'דיקע שכינה.
ביי דער ליבער מומע חיה'ן
זיצן שכנ'טעס און ברייען;
כאַפּט דער זיידע אויף פון שלאָף זיך,
וויגט זיך איבער דער גמרא —
גרויס און דיק איז די גמרא,
שווער און האַרב איז די הלכה —
אויף די בלעטער געלע פלעקן
טאַבאַק־ריחות, שוויס פון שטערן;
און דער זיידע זיצט און וויגט זיך
קנייטשט דעם שטערן און פאַרוויגט זיך;
אויף דער יאַרמלקע דער פעטער
ציטערט אויף פאַרשעמט, פאַר'יתומ'ט, —
לכה דודי לקראת כלה!

לכה דודי לקראת כלה!
ביים שאָסיי, אין די אַלייען.
זיצט אונטער אַ בוים דיין כלה.
אויף שאָסיי, אין די אַלייען
מיידלעך אידישע שפּאַצירן —
שלאַנקע סאָסנעס, רויטע רויזן —
טעכטער אידישע שעמרירן.
די שוואַרץ־חנ'עוודיקע מיידלעך
אין די שבת'דיקע קליידלעך.
זייער האָר עפּעס צעפּאַטלט,
צנועות זיינען אידישע טעכטער —
ווען שבת זיך ניט קאָמען;
און די לענטעס און די טיכלעך
אויפן האַלדז פאַרקניפּט, פאַרבונדן —
ווען שבת דאָך ניט טראָגן.

לכה דודי לקראת כלה!
ביים שאָסיי, אין די אַלייען,

זיצט אַ מיידל, זון־פאַרפלאָסן,
זיצט אונטער אַ דעמב אַ גרינעם,
זיצט און וואַרט אויף דיר, דעם חתן...
לכה דודי לקראת כלה!

אויפן שאַסיי איז פריילעך — און איך גיי אײנער אַליין, פאַראויס און הינטער מיר שפּאַצירן אידן־קרעמער, וואָס אַ גאַנצע וואָך זיינען זיי פאַרנומען מיט דאגות און אַרבעט, שטייען אין קראָם, איין האַנט איז מחמת יאוש אַריינגעטאָן אין קעשענע און די צווייטע האַנט קראַצט מחמת יאוש אין בערדל, וואָס איז על־פּי־רוב אַ געלס. און ווען דער קליינער „מזיק" פאַלט אַריין אין קראָם: טאַטע, כ'האָב געפונען אַ לעכל אין נוס, גיב מיר אַן אַנדערן! — טוט ער אים, דעם מזיק, אַ גוטן בריקע מיטן פוס; צו אַלדע טייוואָלים, אין חדר אַריין; צום רבי'ן! אָבער די דאָזיקע אידן — ווען עס קומט שבת... אמת, ניט אַלע אידישע ווייבער זיינען שיין, דערפאַר זיינען זיי אָבער אַלע גרויסע בריות און ווייסן, ווי אַזוי צוצוגרייטן די שבת'דיקע מאכלים, יעדע איינע לויט איר קעשענע.

און די מאַנספּאַרשוינען, וויבאַלד נאָר זיי האָבן פאַרגעסן אָן די וואָכעדיקע דאגות — גייט זיי ס'האַרץ אויס נאָך די תענוגים פון עולם־הזה; און דאָס איז וואויל־באַוואוסט צו יעדן אידן, אַז נאָך אַ פעטער סעודה איז דער קלענסטער שפּאַציר און דאָס גיין אויף דער פרישער לופט, כאַפּן אַ ריח פון אַ גרעזל — גוט פאַרן געזונט. און אַ איד וויל דאָך זיין געזונט אויף יעדן אופן... און אַז מ'גייט זיך סתם־אַזוי שפּאַצירן, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, און די קליינע מזיקים גייען ניט אין חדר לערנען פּרק — דער פּרק וועט ניט אַנטלויפן! און זיי שלעפּן זיך מיט נאָכן טאַטן, און ס'טרעפט אויך, אַז די פלונית'טע פאַרבייגט מיטן שלאָף, און גייט פאַמעלעך לעבן מאַן און קינדער. אָבער על־פּי־רוב האָט זי חרטה אינמיטן וועג און גייט צוריק אַהיים. אויב זי געפינט אין שיסל שיריים פון טשאָלנט, פאַרקרימט זי די נאָז פון מראה און ריח: שוטים, וואָס האָבן זיי אַזוינס געזען דאָס איבערצולאָזן! —

— גוט־שבת, גוט־שבת! — באַגריסן זיך באַקאַנטע אידן, און אויך אידן אומבאַקאַנטע.

—אַ גוט־שבת אייך, גוט־שבת!

אויף דער לאַנקע איז פריילעך — און וואָס מער איך גיי ווייטער, ווערן די אידן וואָס גייען מיט די פאַרלייגטע הענט, אַלץ ווייניקער און בחורים וואָס דער תחום־שבת גייט זיי ניט אָן, שפּאַנען מיט גרויסע שפּרייזן אַלץ ווייטער. ס'איז קענטיק פון זייער תקיפ'ן גאַנג, אַז זיי קומען לכתחילה אַהער מחלל־שבת צו זיין. און וועט מען אַ טאַפּ טאָן ביי זיי אין די קעשענעס — וועט מען אָן ספק געפינען ביי יעדן איינציקן פון זיי אַ פּעקל פּאַפּיראָסן.

אַ גרופּע בחורים איז פאַרבייגעגאַנגען, אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ רויט העמדל איז געגאַנגען בראש.

אַ רויט העמדל. אַ רויט העמדל — און אין שטעטעל!

דוכט זיך, זיי האָבן אין מיר דערקענט אַ „פּנים־חדשות", מחמת, באַלד ווי זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען: „אַך, אָרעמע אַרבעטער!"

בונדאָווצעס, בונדאָווצעס... און אין שטעטל!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז מיר פאַרבייגעגאַנגען אַן אַנדער גרופּע בחורים, אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ בלוי העמדל איז געגאַנגען בראש.

אַ בלוי העמדל, אַ בלוי העמדל — און אין שטעטל!

האָבן די בחורים זיך איינגעקוקט אויף מיר און אַוועק ווייטער, און אַ מינוט שפּעטער האָב איך דערהערט דאָס געזאַנג: „אַ היים פאַר דעם אידישן אַרבעטער!"

פּועלי־ציון, פּועלי־ציון... און אין שטעטל!

כ'האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן — פונוויטנס האָב איך געזען די צוויי גרופּעס ווי זיי גייען פאַראויס צום שוואַרצן וואַלד צו, יעדע איינע פון זיי ביחידות און דער שטח צווישן זיי — אַזוי קליין; זייער לייכט האָבן זיי געקענט זיך צונויפגיסן אינאיינעם... צום אויער דערגרייכן נאָך קלאַנגען פון אַ ליד, מ'קען שוין ניט פאַנאַנדערשיידן די ווערטער, ס'דוכט זיך מיר, ס'איז איין ליד — פון די צוויי לידער איז געוואָרן איינס...

כ'האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן —ביידע קליינע גרופּעס זיינען אַרונטער פון שאָסיי און אַריינגעגאַנגען אין געדיכטן וואַלד, וואָס האָט געשוואַרצט ביז זיין זייט. און דער שאָסיי האָט זיך געצויגן ווייט, ווייט פון מיר, אַ ליידיקער און אַ פרייער, ווי גאָט ברוך הוא וועט אין אַ מינוט אַרום אים דורכפאָרן אין אַ פייערדיקער קאַרעטע.

אָן קיין שום כוונה האָט זיך מיין בליק אָנגעשלאָגן אָן וואַלד —

— אַ דיסקוסיע, אַ דיסקוסיע... און אין שטעטל!

די זון איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון מערבדיקן הימל, אָבער דער טאָג איז נאָך געווען גענוג גרויס — כ'האָב דערהערט הינטער זיך טריט און אַ ליבע־ליד. כ'האָב מיך אומגעדרייט: אַ געוויקסיק מיידל גייט הינטער מיך. איר מאַנסבילשער גאַנג, די בלוזע מיט די רויטע און בלויע פאַסן און די געלע קאַלירן פון קלייד — האָבן דערציילט, אַז דאָס דאָזיקע מיידל איז אַ דאָרפישע, וואָס דינט אין ערגעץ אַ באַלעבאַטיש הויז, און איצט האָט זי זיך אויסגעפּוצט אין אירע שבת'דיקע קליידער און זי גייט צום נאָענטן דאָרף זיך פאַרברענגען אויף אַ פּאָר שעה אין דער געזעלשאַפט...

נו, גאָט ווייס אין וואָס פאַראַ געזעלשאַפט! אירע פולע רויטע ליפּן, וואָס די

איבערשטע האָט כמעט אַנגערירט איר נאָז, האָבן אַרויסגעברומט: „ווי איך האָב דיך ליב, מיין טייערער קראַסאַוועץ!" די גלידער פון דאַזיקן מיידל האָבן געציטערט פון אונטער דער בלוזע, די פולע באַקן האָבן זיך געררויטלט. די שוואַרצע קליינע אויגן האָבן געקוקט צו דער ערד, ווי זיי וואָלטן געזוכט צו באַשאַפן אַ „זכר" פון דער ערד אַרויס.

כ'האָב אומגעקערט מיין פנים און געוואַרט אַ פּאָר מינוטן, ביז זי איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיר.

כ'בין אַריין אין וואַלד. די ביימער פון דאַזיקן וואַלד, וואָס פונווייטנס האָבן זיי מיר אויסגעזען צונויפגעוואַקסן געדיכט — זיינען פון נאָענט געשטאַנען יעדער איינער באַזונדער און אָפּגעטיילט. זון און שאָטן האָבן זיך אויסגעמישט און אַ לייכט רויכל האָט זיך געשלענגלט צווישן די ביימער... פון צייט צו צייט האָבן זיך דורכגעטראָגן דורכן חלל פון וואַלד האַלבע ווערטער און געקלונגען אין דער שטילקייט. אַ קוקאַווע, אַ באַהאַלטענע צווישן צווייגן, האָט גערופן: „קו־קו! — קו־קו?" — ס'הייסט: וואו זייט איר, כשר'ע אידן, וואו זייט איר? פאַרזאַמלט זיך נאָר אַהער און טוט אַ קוק אויף אייערע בחורים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט נאַרישקייטן — און זיינען מחלל־שבת...

קו־קו? קו־קו?

אָבער די כשר'ע אידן קומען ניט — ווייטער פון אַ תחום־שבת גייען זיי ניט...

אַז איך בין געקומען צוריק אין שטוב — איז שוין די זון געשטאַנען נידעריק אין מערב. דער שבת־פאַרנאַכטיקער אומעט האָט זך געטראָגן אין דער לופט. די צאָל פון די שפּאַצירנדיקע אויפן שאָסיי — איז כמעט ניט קלענער געוואָרן, אָבער אַלץ איז געגאַנגען צוריק אין שטאָט אַריין, אַלץ צוריק. דאָס לעבן טוט זיך איצט אָפּטאָן פון שאָסיי, אומעטיק און פאַר'אַבל'ט איז דער שאָסיי... כ'האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן מערב. כ'האָב געזען: שקיעה.

אַז איך בין אַריין אין שטוב — האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף מיר פריידיקע קולות און געשרייען:

— או, אַ גאַנצן שבת! מיר האָבן געזוכט און אויסגעקוקט: וואו איז אַהינגעקומען אונדזער „פּוילישער"? וואו איז אונדזער „פּוילישער"?

— שלש־סעודות איז דאָ?

— ס'איז דאָ! ס'איז דאָ! מיר וועלן זיך נאָך מיט דיר צערעכענען!

— או! — האָבן זיי מיך געסטראַשעט מיט די פויסטן.

באַלד נאָך „הבדלה" האָט זיך געלאָזט פון שכנ'ס הויז דערהערן אַ פּיאַנע־שפּילן, און דאָס שפּילן איז געווען אַ וואַכעדיק־שפּילן...

## 2.

# שבת-צו-נאַכט

שבת־צו־נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן די קדושה צוזאַמען מיט דער יראה פון חילול־שבת, און ס'איז געקומען דער שיינער אָוונט אין וועלכן ס'איז פאַראַן די רו פון שבת און דער תענוג פון אינדערוואָכן.

אַ קורץ־האַלדזיקער סאַמאָוואַר, אַ קורצפּיסיקער, אינגאַנצן בויך, אַט פון יענע בייכיקע סאַמאָוואַרן, וואָס מ'געפינט אָפט ביי די ליטוואַקעס פון ליטע, איז געשטאַנען אויפן טיש און געלאָזט פון זיך הערן. אַ ווייסע וואַרעמע פאַרע האָט געשפּאַרט פון זיינע אַלע לעכלעך און האָט פאַרשפּרייט אַ מין נעפּל אויף אַלע אַנוועזנדיקע.

מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָב איך דעם דאָזיקן סאַמאָוואַר געזען אין קיך. ער איז געשטאַנען דער געלער אויף אַ באַנק אין ווינקל, אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרשעמטער. כ'האָב אים אָנגערירט מיט אַ פינגער — קאַלט און טויט. ס'איז געווען שווער צו גלויבן אַז דער דאָזיקער פאַרגליווערטער בר־מינן זאָל אַ פּאָר שעה שפּעטער זיך פאַנאַנדערוואַרעמען מיט אַ פרייליכן קאָכן און אַרויסברענגען פון זיך אַזאַ מין לעבעדיקע געשמאַקע פאַרע.

און דער טיי איז קלאָר און געשמאַק און קאָכעדיק, און שווענקט אַרונטער דאָס פעטס און די ריחות פון די שבת'דיקע מאכלים.

איינער פון די אַרומיקע זיצט איבער אַ קעסטל טאַבאַק מיט גילזן און מאַכט פּאַפּיראָסן.

איין פּאַפּיראָס שטעקט אים שוין צווישן די ציין, און ער רויכערט און טוט זיין מלאכה אין דער זעלבער צייט; דאָס מויל ציט און די האַנט שטאָפּט דעם הילז. ס'איז קענטיק, אַז ער איז אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער, דער פּאַפּיראָס טאַנצט ממש אום צווישן זיינע ליפּן. מ'קען זיך משער זיין, ווי שווער ס'איז אים, דעם יונגנמאַן, זיך איינצוהאַלטן אַ גאַנצן שבת.

איך בין געשטאַנען אין טיר און מיך מיישב געווען, צי זאָל איך אַריינגיין אין עסצימער, אָדער, אַוועקגיין צו זיך אין איינעם פון די דערווייל לייטיקע חדרים. די פּנים'ער פון די מערסטע טיי־טרינקער זיינען מיר ניט באַקאַנט. אַ רגע בין איך געשטאַנען און באַטראַכט די נייע פּנימער און זיך צוגעהערט צום פרייליכן וואָכעדיקן געפּילדער — דערווייל איז איינס פון די מיידלעך מיר פאַרבייגעגאַנגען. כ'האָב זי אָפּגעשטעלט, זיך צוגעבויגן צו איר אויער און אַריינגעשעפּטשעט די פראַגע מיינע:

— ווער זיינען די דאָזיקע מענטשן?

— אידן. קומען ביי אונדז תמיד נאָך הבדלה סתם־אַזוי צו כאַפּן אַ שמועס און טרינקען אַ גלעזל טיי, איינס און אַ צווייטס... דו זעסט, צוויי עמער וואַסער גיסט מען אַריין אין סאַמאָוואַר.

— צווי עמער וואַסער? וואונדער איך מיך שטילערהייט איבער איר שיין קליין אויערל.

— טייך־וואַסער...

— טייך־וואַסער?

ס׳איז געשמאַק און קלאָר...

— געשמאַק און קלאָר, באַשאַפן געוואָרן צו פאַרבריען אין דעם טיי פאַר די שומרי־שבת?

גלייך ווי ס׳ווערט אָוונט גייען די וואַסערטרעגער צום טייך און שעפּן אָן פריש קאַלט וואַסער פאַר די שטעטלשע סאַמאָווערן.

— און בייטאָג?

— אין אַ שיינעם טאָג לויפן אַהין די מיידלעך מיט די ליילעכער און האַנטעכער, וואָס הענגען זיי אויף די פּלייצעס און באָדן זיך אין די קליינע קלאָרע כוואַליעס זיינע.

— און די אינגלעך?

— די אינגלעך? דער טייך האָט צווי ברעגן.

— און די דאָזיקע אידן באָדן זיך אויך דאָרטן?

— ניין, זיי האָבן בלויז ליב טיי.

כ׳האָב געלאָזט זי גיין. איר קליין שיין אויערל אין וועלכן כ׳האָב אַריינגעשעפּטשעט מיינע פראַגעס, האָט זיך אַביסל פאַררויטלט, ווי כ׳וואָלט עס אָנגערירט מיט די ליפּן... אַ שיין, קליין, פאַררויטלט אויערל!

אַ פּאָר רגע׳ס בין איך געבליבן שטיין אויפן פּלאַץ, זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צום פריילעכן געזעמל, וואָס פאַרנעמט זיך סתם־אַזוי מיט אַ פּלוידערן, און אַגב מיטן טרינקען דעם געשמאַקן קאָכעדיקן טיי, מיטן טייך־ריח...

אין אַ האַלב־שעה צייט האָט זיך דער סאַמאָוואַר אויסגעליידיקט און דאָס דינסטמיידל איז אַריינגעקומען, אַראָפּגענומען דאָס דעקל פון סאַמאָוואַר אָן וועלכן זי האָט זיך געטאָן אַ ברען, און אַריינגעגאָסן אין אים אַ דריטן עמער וואַסער.

— טייך־וואַסער?

— ניין, ברונים־וואַסער, פון הויף געשעפּט... וואָס איז, איר ווילט נאָך טרינקען?

— ניין, נאָכדעם ווי כ׳האָב פאַרזוכט טייך־וואַסער, וועל איך שוין קיין ברונים־וואַסער מער ניט טרינקען. כ׳וויל ניט...

— און זיי וועלן טרינקען...

און זיי האָבן טאַקע געטרונקען! זיי האָבן געפּלוידערט און געטרונקען — און ניט געשפּירט.

אַז כ׳האָב מיך גוט צוגעקוקט צו זייערע פּנימער — האָב איך געזען,

אַז די בערד זייערע זיינען ניט אונטערגעשאָרן און ניט געקאַמט, בערד, וואָס באַקומען זייער מראה פון בלאָזנדיקן ווינט און פון דער האַנט וואָס צופּט און פּליקט זיי... זייערע שטערנס האָבן כלל ניט קיין אויסזען פון שטערנס — קליינע ימ׳עלעך פון קליינע קנייטשן; אין יעדן ימ׳עלע זיצט זיך אַ קליינע דאגה׳לע, אַ גראָשנדיקע, און דרימלט... איז גוט, וואָס די קליינע דאגה׳לעך דרעמלען אויף דער מינוט. זיי כאַפּן זיך אַוודאי אויף, אַלע מיטאַמאָל, און פּישטשען, אַלע, אין איין רגע — בררר... און די וואָנסן זייערע — אוי, די וואָנסן זייערע! פאַרוויאַנעט און פאַרדאַרט אונטער די נעז... אוי, אוי, טאַ־באַק שמעקן זיי!...

גוט, וואָס איך בין ניט אַזאַ מין איד, ווי זיי!...

כ׳האָב אומגעקערט מיין פּנים און אַנטלאָפן אין צווייטן חדר, וואו עס איז נאָך ניט געווען אָנגעצונדן קיין ליכט.

כ׳האָב זיך אויסגעצויגן אין דער פּולער לענג אויפן קושעט, איינ־געדריקט מיין פּנים אין קליינעם קישן, וואָס האָט זיך געווייסלט אין פינצטערן חדר, און לייכטע געדאַנקען האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די אָפענע אויערן איבערגעוואָלט —

גוט, וואָס כ׳בין ניט אַזאַ מין איד, ווי זיי! ווען איך בין אַזאַ איד ווי זיי — וואָלט איך אַוודאי געווען אַ קרעמער, אַ מגיד, אַ משולח, אָדער אַ דיין, וואָלט געגאָסן און פאַרשמוצט די וואָנסן... כ׳וואָלט געשוואָרן, אַז די אַלע באַשעפענישן וואָס זיצן ביים טיש און טרינקען טיי און רויכערן און פּלוידערן זיינען אָדער קרעמער, אָדער מגידים, אָדער משולחים, אָדער דיינים, אָדער סתם בני־תורה, און זיי האָבן אַוודאי ביי זיך אינדערהיים מיאוסע ווייבער, אינגלעך מיט רינענדיקע נעזלעך וואָס גייען אין חדר, מיט ציצית, וואָס שלעפּן זיך איבער די הייזלעך פון פאַרנט און פון הינטן... און זויגעוו־דיקע קינדער ליגן אין די אויפגעריסענע וויגן אין אַ מבול פון קישנס און די פּופּקעס זייערע קוקן אַרויס פון די אָפענע איינגענעצטע העמדלעך...

איך קער מיך איבער אויפן רוקן. די ווענט פון חדר דרעמלען אין זייערע פינצטערע פיר ווינקלען, בלויז דער סופיט איז וואַך און קוקט אַרונ־טער אויף מיר מיט אַ גרויס ווייס אויג...

... וויי־וויי! ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ צנועה׳דיק מיאוס ווייב — וואָלט איך זי בשום אופן ניט ליב געהאַט... איך וואָלט דאָס אַפילו פון איר ניט פאַרלייקנט... יעדן טאָג און יעדע שעה וואָלט איך איר געזאָגט מיט אָפענע ווערטער: איך האָב דיך ניט ליב! אַפילו ווען זי וואָלט אויף מיר מרעיש־עולם זיין, אַפילו ווען זי פּליקט מיך אויס די גאַנצע באָרד, אַפילו ווען זי גיט מיר ניט קיין ווייס העמד אויף שבת... כ׳וואָלט דאָס פון איר ניט פאַרלייקנט!

— פון דער געזעלשאַפט פון שיינע יונגע מיידלעך וואָלט איך געלאָפן,

הגם כ׳וואָלט זיי ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. די שיינע יונגע מיידלעך וואָלטן מיך ניט פאַרשטאַנען און ניט מיטגעפילט מיין צער. ס׳טוט מיר זייער לייד! זיי וואָלטן מיר אַוודאי געשפּיגן אין פּנים, אין פּנים פון יענער אידענעס מאַן, וואָס דער שמעק־טאַבאַק הערט זיך פון זיינע וואָנסן און באָרד, און וואָס די ציצית פון זיין טלית־קטן באַמבלען זיך אים ביז די קני... און ווען עס טרעפט זיך אַן אומגליק — על פּי טעות... און זיי טוען מיר אַ שפּיי... פע, ווי עקלהאַפט! וואָלט איך מיך אַריינגעשטעקט דעם גרויסן שאַרפן מעסער, דאָס מעסער מיט וועלכן איך שנייד שבת די „מוציא׳ס״ פאַר מיין ווייב און קינדער, גלייך אין האַרץ אַריין... ווייב און קינדער... וויי־וויי, אין שטוב וואָלטן מיינע פיס אַוודאי ניט איינגעשטאַנען... אין קראָם, אין בית־מדרש, שבת־צו־נאַכט אין דאָזיקן וואַרעמען הויז, זיצן איבער אַ גלעזל טיי, איבער אַ פּאַפּיראָס, און שמועסן וועגן נאַרישקייטן. וואָס די צונג און דער מוח זיינען מיט זיי איינגעוווינט צווישן אידן מיינס גלייכן; צווישן אַזעלכענע אידן קען מען איינגאַנצן פאַרטעמפּט ווערן, אַז מ׳זאָל ניט קענען מאַכן קיין אונטער־שייד צווישן טייך־וואַסער און ברונעם־וואַסער...

אַ לייכט ציטער איז דורכגעלאָפן אַלע מיינע גלידער, כ׳האָב מיך אַ נעם געטאָן פאַר דער גאַמבע... ניטאָ קיין באָרד! פאַרן ליכט פון שוועבעלע וואָס כ׳האָב אָנגעצונדן, האָב איך דערזען, אַז כ׳האָב ניט קיין „טלית־קטן״... אויך האָב איך, דוכט מיך, קיין מיאוסע צנועה׳דיקע אידענע אויך ניט! אַי־אַי, מיינע געדאַנקען! אַז איך בין כלל צו זיי ניט גלייך!

און די שיינע מיידלעך, איך מעג שווערן, שפּייען מיר כלל ניט אין פּנים. צי דען ווייס איך ניט, ווי אַזוי זיך צו קושן?

— קושן זיך — ניט אַלע בחורים ווייסן, ווי זיך צו קושן.

ס׳האָט זיך מיר אַמאָל געטראָפן צו שפּאַצירן איינער אַליין צווישן גע־דיכטעביימער. ס׳איז געווען פאַרנאַכט, די לעצטע זונשטראַלן זיינען פאַר־גאַנגען אין זייערע שפּיצן און שטערן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון צווישן זייערע צווייגן. די טאָגיקע זינגערלעך האָבן איינגעדרעמלט און די נאַכטיקע זינגערלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט, און כ׳האָב מיך אָנגעהויבן צוקוקן צו די מענטשן, ווי אַזוי זיי ליבן זיך... עמיץ אַ בחור האָט צוגעדריקט זיין מיידל צו אַ בוים און זי געקושט אַן אויפהער אויף אירער אַן איינציקער באַק; לכתחילה האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער בחור האָט אויסגעריסן אַ שטיק פון דער ערד און האַלט עס אין איין קייען מיט די ציינער...

אָרעם מיידל! וואו וועט זי זיך אַהינטאָן מיט דער דאָזיקער רויטער באַק! אינדערהיים? זיי וועלן דאָך באַלד דערקענען... ביי די חבר׳טעס? וועט דען זיי גאָרניט איינפאַלן אַז זי איז צערויטלט פון אַ בחור׳ס קושן?...

אונטער אַן אַנדער בוים האָב איך געהערט, ווי אַ צווייט פּאָרל האַלט זיך אין סוד׳ן... פאַראַן פּאָרלעך וואָס סוד׳ען זיך אַפילו ווען זיי שטייען

אין שאָטנס פוןביימער, אין דער פאַרנאַכטיקער שעה. די זיינען שוין פּראַק־טישע מענטשן, וואָס מאַכן אַ חשבון פון זייער גליק, און ווייסן געגוי זיין וואָג: גאָר בקרוב וועלן זיי גיין אונטער דער חופּה, האָבן קינדער און עפּענען אַ באַקאַליי־קרעמל... כ׳האָב ניט ליב זיך אָפּצושטעלן פאַר אַזאַ פּאָרל!

דאָס דריטע פּאָרל איז געווען טיף־טיף פאַרשטעקט אונטער אַ בוים. פונוויטן האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אַ קאַץ שטייט איבער אַ זיסן קרוג מילך און האַלט אין איין זשליאָקען, אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע דינע צונג און זשליאָקעט... שטייענדיק ניט ווייט פון בוים האָב איך געהערט ווי דאָס מיידל בעט זיך ביים אים: לאָז מיך אָפּ! לאָז מיך אָפּ!... צום סוף איז זי אַרויס־געקומען פונצווישן די צווייגן מיט צעפּאַטלטע האָר, איר לייכטע טיכל הענגט אויף איין שפּיץ אויף איר פּלייצע, זי האָט זיך אָפּגעווישט מיטן אַרבל די באַק און די ליפּן... ס׳אַראַ פּאַסקודניק! די שאָקאָלאַד וואָס ער האָט איר געגעבן — האָט ער אויסגענאָגט פון אירע ליפּן...

און דאָס וואָס ער האָט זי געלעקט אויף די באַקן — האָט איר גאָרניט געאַרט... אַזאַ נאַריש מיידל...

מאָרגן וועל איך גיין און זיך אַוועקשטעלן אויפן וועג וואָס פירט צום טייך. איך וועל איבערציילן די ליילעכער און האַנטעכער אויף די פּלייצעס פון די ליטווישע מיידלעך וואָס גייען צום קלאָרן טייך... און פאַרנאַכט, ווען זיי וועלן גיין צוריק אין שטעטל אַריין, וועל איך גיין און פרעגן ביי די קליינע קלאָרע כוואַליעס: וואָס האָבן די מיידלעך גערעדט וועגן מיר?...

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין זיץ און צוגעגאַנגען צום פענצטער. לבנה־ליכט האָט געציטערט אויף מיינע אָרעמס, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער שוועל פון פענצטער.

לבנה און שטערן! הוי, וויפיל מאָל איך האָב צוליב זיי געפונען חן ביי די שוואַרצע, בלויע און ברוינע אויגן... ס׳האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז אַ מיידל זאָל ניט ליב האָבן, ווען די בלאַסע לבנה פליסט מיט איר ווייסן זילבער אויף איר בחור, און אין דער שעה, ווען די פריידיקע גילדערנע שטערן שיינען לכבוד אים אין בלויען הימל.

איך וויל ניט זיך אַרויסריידן אין אַ שלעכטער שעה... אָבער אַמאָל קומט מיר אויפן געדאַנק אַ שלעכטע מחשבה: וואָס וועט זיין, אויב די לבנה און די שטערן וועלן זיך אין איינער אַ צייט אויסלעשן?... לאָמיך זיך ניט אַרויסריידן אין אַ שלעכטער שעה!

די טיר פון מיין צימער האָט זיך געעפנט. אַ שטראָם ליכט, פון לאָמפּ וואָס הענגט אין צווייטן צימער, האָט פאַרשוואומען דעם פינצטערן צימער. כ׳האָב אומגעדרייט מיין פּלייצע: אַ שיינער קאָפּ האָט זיך אַריינגעשטעקט אין טיר פון צימער, און ס׳קוקן אויף מיר צוויי שיינע אויגן.

— ווער שטייט דאָרטן?

— איך ...

—אַ, איינער אַליין ? !

— קום, וועלן מיר זיצן זאַלבענאַנד.

די שיינע שעמעוודיקע האָט זיך אַביסל געקוויינקלט. איז צוגעקומען מיט איין שוועב צום פענצטער און זיך געשטעלט לעבן מיר. איינציקע האָר אירע זיינען געפאַלן אויף מיין שטערן און אין די אויגן. די איינאונאיינציקע לבנה האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן מיינע האָר, און ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז נאָך אַ רגע שפּעטער וועלן זיי מיר אַ ברען טאָן אויפן שטערן.

כ׳האָב אָנגענומען דעם מיידלס קליין הענטל און דאָס צוגעטראָגן צו די ליפּן. און די וואַרעמע האַנט האָט אַביסל אויפגעציטערט, אָבער, איז פאַר־בליבן אין מיין האַנט.

די לייכטע נאַכטיקע ווינטלעך האָבן געפאָכעט אויף מיר דורכן פענ־צטער און אויפגעבלאָזן אין מיר פלעמלעך. דאָס האַרץ אין מיר האָט אָנגע־הויבן שפּריצן מיט פונקען.

זי האָט זיך איינגעקוקט אויף מיר אַ פּאָר סעקונדן, האָט ווייזט אויס, ניט געוואָלט מיר שטערן אין מיינע געדאַנקען. דערנאָך האָט זי עטוואָס אויפ־געהויבן איר שיין קעפּל און געפרעגט:

— פון וואָס טראַכט איצט מיין ברודער?

— פון דער לבנה און די שטערן, שוועסטער.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ אויפן האַרצן, און איר קליין הענטל האָט געדריקט מיין האַנט ביז ווייטיק.

— און פאַרוואָס איז אַזוי בלייך דיין פּנים, שוועסטער?

— פון מיין ברודערס שטאַרקן האַנטדרוק ...

מיין שוועסטערס קאָפּ האָט זיך אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזט אויף איר האַרצן, און דאָס זילבער פון דער לבנה איז געפאַלן אויף די שוואַרצע זיידענע האָר אירע. כ׳האָב מיך געאיילט אויסצושפּרייטן מיינע הענט איבער זיי, און וועבן אַ לעגענדע איבער אירע לאָקן.

אַלע מיינע שיינע לעגענדעס זיינען געבוירן געוואָרן אויף די לאָקן פון געליבטע ...

## י. אָפּאַטאָשו

### 1.

## אַ שבת נאָכמיטאָג

זומער. אַ שבת נאָכמיטאָג.

אָפּגעזאָגט פרק מיטן ברטנורא, מיטן תוספות־יום־טוב, האָט דער טאַטע מיך אָוועקגעזעצט איבער „שמונה פרקים להרמב״ם“.

צו פערצן יאָר האָב איך שוין געהאַט געלייענט בערדיטשעווסקין, שוין געהאַט געהערט פון ניטשען. דעם רמב״מס פערטן פרק: „ברפואת חולי הנפש״ — ווי נאָך צו היילן און געזונט צו מאַכן אַ קראַנקע נשמה — האָב איך אָפּגעפּרעגט. ס׳איז מיר נישט געפעלן, וואָס די איינציקע רפואה פאַר אַ קראַנקער נשמה איז די „גילדערנע מיט״, אָדער ווי דער רמב״ם רופט עס: „המעשים השווים הממוצעים״. ס׳האָט דעמאָלט מיר אויסגעזען צו־באַלעבאַטיש. דער טאַטע, וואָס האָט נישט געלאָזט פאַלן קיין שטויבעלע אויפן רמב״ם, האָט מיך אָפּגעפרעגט. איך האָב נישט פאַרשוויגן און צוריק אָפּגעפרעגט. און אַזוי אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. און אַז דער טאַטע אַליין איז ניט צופרידן געווען מיט זיין אָפּפרעגן מיך, האָט ער מיר אַ וואָרף געטאָן:

— וועסט עלטער ווערן, וועסטו איינזען, אַז איך בין געווען גערעכט.

דער טאַטע האָט אַ שפּרייט געטאָן איבערן רמב״ם דאָס שנופּטיכל. ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן שנופּטיכל איין פויסט, אויף דער פויסט — די צווייטע. און אויף די פויסטן האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם שטערן. געהייסן האָט עס, ער כאַפּט אַ דרימל, ווען אין דער אמת׳ן איז ער שבת נאָכמיטאָג קיינמאָל נישט געשלאָפן. אָדער ער האָט געלערנט, אָדער אַריינגעקוקט אין אַ השכלה־ספר. דאָס „כאַפּן אַ דרימל״ איז ביי אים געווען אַ מיטל נישט אין כעס צו ווערן. ווערט אַ מענטש אין כעס, פאַרלירט ער ס׳גלייכגעוויכט, גליטשט זיך אַוועק פון דער „גילדערנער מיט״. דאָס האָט ער נישט בלויז געלערנט ביים רמב״ם, נאָר ער האָט עס אָפּגעהיט אין לעבן, ווי ער האָט אָפּגעהיט יעדן דין פון „שולחן־ערוך״, כאָטש כ׳האָב נישט איין מאָל געהערט פון אים ס׳קאָצקער ווערטל: „אַ מתנגד גלויבט אין שולחן־ערוך און אַ חסיד — אין השם יתברך״.

נאָך שלש־סעודות, צווישן מנחה און מעריב, ווען איבערן געדעקטן טיש זיינען געווען אָנגעוואָרפן ספרים, טייל אָפן, טייל פאַרמאַכט, טייל מיט די בלעטער אַראָפּ, ווי צעוואָרפן געווער נאָך אַ מלחמה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, דעמאָלט איז דער טאַטע שוין געזעסן אָן אויפגעהייטערטער. די מאַמע, אין די לאַנגע דימענטענע אוירינגלעך ביז צו די אַקסלען, איז געזעסן ביים אָפענעם פענצטער. זי האָט דערלייענט די פרשה פון דער וואָך. אחוץ דעם טייטש־חומש, האָט זי געלייענט צילקאָוו׳ס תנ״ך איבערזעצונג אויף פּויליש, געלייענט די פּוילישע ווערטער מיטן ניגון פון טייטש־חומש. פון כהן איז ביי דער מאַמע געוואָרן „קאַפּלאַן״. און דער „קאַפּלאַן״ איז געוואָרן אַזוי פאַראַידישט, געוואָרן אַ שטיק פון שבת, ווי משה וואָלט אַנדערש נישט גערעדט צו די כוהנים.

אין שטוב האָט גענומען ווערן טונקל. דורך די אָפענע פענסטער, וואָס זיינען אַרויס אויפן פּלאַצקער שאָסיי, האָט מען געזען ווי איבערעם זון־פאַר־גאַנג גילדן זיך פעלדער קאָרן, פעלדער ווייץ. אַ הייס, שטיל ווינטל האָט

קוים אַ בלאָז געטאָן — האָבן די זאַנגען זיך צעוויגט, געווינטלט די טיולענע פאַרהאַנגלעך אויף די פענצטער און דער שבת האָט געשמעקט מיט אויבס, מיט פריש ברויט, מיט רייפּן זומער. אַ פויגל, וואָס איז ערגעץ געהאַנגען אין דער פאַרנאַכטיקער בלויקייט, איז זיך פאַרגאַנגען, האָט זיך אויסגעמישט מיטן שטילן רויש פון די זאַנגען, מיט דער מאַמעס נאָך שטילערן ניגון — און אין שטוב איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, גאָר שטיל.

דער טאַטע האָט געעפנט דעם „אבן השוהם", אים געבלעטערט, געבלעטערט. דערנאָך האָט ער גענומען פאַרלייענען די הקדמה. ער האָט די הקדמה פון „אבן השוהם" איבערגעזעצט אין אידיש, די מאַמע זאָל פאַרשטיין.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי אַן אָפן פענצטער און זיך איינגעהערט. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דער טאַטע קוקט שוין ניט אַריין אין דער הקדמה. ער לייענט פון אויסנווייניק.

מיטאַמאָל האָט ער אַ שאַר געטאָן פון זיך דאָס ספר, אַ רוק געטאָן פון הינטער זיך די פאָטערשטול און ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

דער טאַטע — הויך און עטוואָס געבויגן. די לאַנגע פיס, באַוועגלעכע, וואָס שפרייזן ביים לערנען, וואָס קאָנען אָפּשפּרייזן צווישן וועלדער און פעלדער מיילן, די באַוועגלעכע פיס שטייען שטיל, טוען זיך קיין ריר ניט, דורכן גאַנצן דאַווענען.

זיינע העל־בלויע אויגן, פאַרחלומ'טע, האָבן געפינקלט. דער סאַמעטענער קאַפּל האָט זיך געשאַרט צום קאַרק. דער טאַטע האָט גענומען שפּרייזן הין־און־צוריק איבערן צימער. דער דיקער, לויזער גאַרטל האָט זיך געהאַלטן ביים פאַנאַנדערפאַלן און די קאַפּאָטע פון מאַטן זייד האָט געשאַרכט און גערוישט.

דער טאַטע האָט זיך צערעדט. ער האָט דערציילט וועגן אַן עלטער־עלטער־זיידן, אליקום געץ, וועגן אַן עלטער־עלטער־זיידן משה. ער האָט דערציילט וועגן רמ"א, וועגן תוספות־יום־טוב, וועגן „חכם צבי", וועגן דער מומע אידל, וועגן דער מומע מירל.

און אין דעם שבת'דיקן בין־השמשות, וואָס איז פול געוועזן מיט גערויש פון פעלדער און לאָנקעס, פול געוועזן מיט שאָטנס, מיט וויטן געקלאַנג פון קלויסטער־גלאָקן, אין דעם בין־השמשות האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן שטעט — וויך, פּראַג, פּויזן, לובלין, קראָקע, שניידערמיל, הילדעסהיים, ליסע, זדוינסקע־וואָליע.

אומעטום קרובים, אומעטום ישיבות, אומעטום פדיון־שבויים, אומעטום — לוימדישער אויפטו און חריפות.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און האָב זיי אַלעמען געזען. די זיידעס, די פעטערס, מיט פּנימער ווי שווערע בלעטער גמרא. אין די אויגן — חכמה

און טרויער. די בערד — שוואַרצע, בלאָנדע, רויטע. די זיידענע קאַפּאָטעס האָבן געפינקלט. די סויבלענע שטריימלעך האָבן צוגעגעבן גדלות.

איז דאָס טאַקע געווען זייער הילוך?

כ׳האָב נישט געטראַכט וועגן דעם. כ׳האָב די זיידעס און פעטערס געזען אין מיין טאַטע, כ׳האָב זיי געזען אין מיין פעטער אָדם, וואָס האָט נאָך די שבע־ברכות איבערגעלאָזט ס׳יונגע ווייב, אַריינגעלייגט אין זיין טלית־זאַק, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, אַ ברויט, מען זאָל זיך גלייך נישט כאַפּן, אַז ער איז נישטאָ, און מיט טלית־און תפילין האָט זיך צופוס געלאָזן קיין קאָצק.

אָדמ׳ס פאָטער, אַ מתנגד, איז געזעסן נאָכן זון „שבעה״. און אַז דער פעטער אָדם איז נאָך דריי חדשים אַריינגעקומען קיין טשעכאַנאָווע, אין אַ זיידענער קאַפּאָטע, אין אַ שטריימל, זיינען מתנגדישע מיידלעך, עלף־צוועלף־יאָריקע, אים נאָכגעלאָפן אויף בייז־וואונדער און געזונגען:

„קאָצקער חסידים, אַלטע דראַבעס,
פאָרן צום רבין און באַצאָלן אום שבת.
טרינקען בראָנפן צו האַלבע קוויטירלעך,
ס׳לויפן זיי נאָך וואַרשעווער הירלעך...״

צייט און שטח איז פאַרשוואונדן. די מומעס — איידל און מירל — פון זעכצגטן יאָרהונדערט, פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, זיינען אַריבער אין נײַנצנטן יאָרהונדערט. זיי האָבן צומאָל ניט געביטן די נעמען.

אָט איז די באָבע איידל, אָט איז די מומע מירל.

די באָבע איידל, אַ קליינטשיקע. ס׳הייבל באַלייגט מיט אַ שטיק זיל־בער־שפּאַניע, ווי אַן עטרה פון אַ טלית. אָנגעטאָן אין ווייסן זייד. די באָבע איז שטענדיק פאַרנומען מיט ישיבות, מיט אָרעמע קימפּעטאָרינס, מיט אַלמנות און עגונות. זי איז די גוטסקייט אַליין.

אַ געוויקסיק מענטש. און מיט גרויס־פּוילישער אויסשפּראַך, אין דעם פאַרריסענעם קאָפּ, וואָס איז שטענדיק אַרומגענומען מיט אַ שוואַרץ־זיידענעם שאַל, האָט זיך געפילט, אַז וואו זי קומט, עפענען זיך פאַר איר טיר־און־טויער. זי בעט נישט. זי פאַרלאַנגט און איז זיכער, אַז איר בקשה וועט אויס־געהערט ווערן, ווייל אין איר רינט ס׳בלוט פון דער מומע מירל־תאומים־פרענקל־סעגעל־העלער־וואַלערשטיין פון פאַרן ווינער גירוש.

כ׳האָב זיך דעמאָלט געגרויסט מיט מיין טאַטן. כ׳האָב אים מקנא געווען, וואָס ער איז אַזוי קלאָר אין די אַלע צווייגן און צווייגעלעך פון זיין משפחה. ער איז אַזוי קלאָר געווען אין דעם אָפּשטאַם, אַז ער האָט אַפילו געפונען גרייזן אין דעם לאַסקער רבס הקדמה צום „אבן השוהם״. עס איז געגנוג געווען אַן איידעם זאָל הייסן ווי דער שווער — און אַ דור איז פאַרשוואונדן. און ווי געערגערט האָט זיך דער טאַטע, ווען ער האָט געלייענט,

אַז דעם מהרש״א׳ס ישיבה, אין פּויזן, וואָס זיין שוויגער און דעם טאַטנס עלטער־עלטער־מומע אײדל האָט אויסגעהאַלטן, איז אונטערגעגאַנגען, ווען די מומע אײדל איז געשטאָרבן. ער האָט גאָר אויפגעוויזן, אַז די ישיבה האָט אָנגעהאַלטן איבער צוויי הונדערט יאָר נאָך אײדלס טויט, אָנגעהאַלטן ביז נאָך ר׳ עקיבא איגער.

די מאַמע, וואָס האָט געשטאַמט פון פשוט׳ע דאָרפסלייט, האָט געשוויגן, זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן, ווי דעם טאַטנס יחוס וואָלט איר נישט אָנגעגאַנגען.

זי איז געזעסן אין אָפענעם פענצטער, האָט שטיל פאַרצויגן אַ פּויליש ליד וועגן אַ פאַרכישופ׳טן מילנער.

אין שטוב איז שוין געווען פינצטער. דער טאַטע האָט אויפגעהערט רעדן. כ׳האָב בלויז געהערט ווי דער טאַטע שפּרייזט, ווי די זיידענע קאַפּאָטע רוישט, ווי די מאַמע איז שוין איבערגעגאַנגען אויף אידיש, זינגט — „ס׳לעבן פאַרשווינדט ווי רויך״.

ס׳איז געוואָרן פינצטערער. דער טאַטע האָט שוין נישט געשפּרייזט הין־און־צוריק איבערן צימער. ער האָט שוין געשפּרייזט פון איין צימער אין אַנדערן, געשפּרייזט און געשוויגן. און פון דעם שפּרייזן, פון דעם שווייגן האָט זיך געטראָגן אַ געשריי, אַז ס׳איז ענג אין די צימערן, אַז כאָטש די אָפענע פענצטער גייען אַרויס אויף די ברייטע פלאַצקער פעלדער, איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען.

און איך, ס׳פערצן־יעריק בחורל, האָב איינגעזאַפּט אין זיך דעם טאַטנס געשריי און אַליין געוואָלט אַזאַ געשריי טאָן, מען זאָל דערהערן אין אַלע זיבן הימלען.

## .2

# אין אַ פאַרשנייט פעלד

ס׳איז געווען אַ דאָנערשטיק אין שטוב. מיטן אָוונט האָט זיך פאַר אַ ווייל באַוויזן די נייע לבנה, אַ רויטע, אַ געגליווערטע. צווישן די גרויסע שטערן האָט דער הימל, אַ קאַלטער, זיך געבלויט. וואו אַ קער — שניי, גריב־לעכער שניי.

אַרום פראַנקס סקלאַד, וואו דער פראָסט האָט נישט געקאָנט אויספרירן דעם ריח פון נאַפט, דעם ריח פון הערינג, זיינען געשטאַנען געשפּאַנטע דראָנגאָווע־וועגענער, געשפּאַנטע לאַסט־שליטנס. די וועגענער, די שליטנס — אָנגעלאָדן מיט סחורה. פון אַ האַלבער גובערניע איז מען פאַרפאָרן צו פראַנק׳ן, איינגעקויפט ביי אים פעסער נאַפט, פעסער הערינג, קאַסטנס זייף,

קעסטלעך ליכט, זעק צוקער, זעק ניס, טייטלען, מאַנדלען פייגן, צוקערוואַרג און ווינטער־אויבס.

בעל־עגלות האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן, געדופן די פּאַסאַזשירן, גערעדט מיט האַרץ, געוואַלדעוועט. און די בעל־עגלה׳שע רייד, ווי זייערע טרונק־בראָנפנס, ווי דער פראָסט, האָבן געקניפּט און געביסן. יעדע ווייל איז אָפּגעפאָרן אַ וואָגן, איז אָפּגעפאָרן אַ שליטן. אַרום פראַנקס סקלאַד איז גע־וואָרן שטילער, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס קראָקען פון קראָען.

די לעצטע, וואָס איז אַרויס פון פראַנקס סקלאַד, איז געווען אסתר, אַ באַליבטע סוחר׳טע פון שרענסק. אירס אַ טראַנספּאָרט סחורה האָט באַטראָפן עטלעכע הונדערטער. פראַנק אַליין מיט זיינע צוויי הויפּט־״מענטשן״ האָבן זי אַרויסבאַגלייט, זי צוגעפירט צום שליטן און וואונק צווישן זיך אָפּ־געמאַכט, אַז צום מסחר טויג זיך אסתר בעסער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן.

— ווען וועלן מיר זיך ווידער זען, אסתר — האָט פראַנק אַליין געהאָלפן דער באַפעלצטער און באַפּאַטשיילטער אידענע אַריינצוקריכן אין ברייטן לאַסט־שליטן, וואו סחורה איז געווען אַנגעלאָדן אויף אַ גאַרן די הייך.

— אם ירצה השם, אין אַ חודש אַרום — האָט אסתר כמעט זיך נישט אַרויסגעזען פון צווישן די בערג סחורה.

פון איין זייט שליטן — פעסער נאַפט, פון דער צווייטער — פעסער הערינג. די פעסער, וואָס האָבן זיך געהויבן, ווי צוויי ווענט, זיינען געווען פעסט פאַרצויגן מיט שטריק, מיט קייטן. און צווישן די ווענט — זעק צוקער, זעק ניס, קעסטלעך פייגן, קעסטלעך טייטלען, זעק מאַנדלען, קעסטלעך ליכט און קוישן ווינטער־עפּל.

דער אָנטרייבער, אַן עלטערער גוי, אין אַ שמוישן פּעלצל, די שטיוול אַרומגערינגלט מיט זעק, האָט זיך באַקוועם איינגעזעצט איבעם שטרויזאַק. ער האָט אַ הייב געטאָן די בייטש, אַ שטאַרקן צי געטאָן די לייצעס. די פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן, געגראָבן מיט די פּאַדקאָוועס דעם שניי. דער שליטן האָט זיך צעסקריפּעט, צעטרייסלט און דער נאַפט און די ניט אָנגעצונדענע שטורקאַצן האָט זיך צעכלאָבעט.

דער לאַסט־שליטן איז אַרויס פון שטאָט. ס׳איז געוואָרן פינצטערער — די יונגע לבנה איז פאַרשוואונדן. די שטערן האָבן איצט אויסגעזען קלע־נער, דער הימל — וואַגיקער. פון די פעלדער האָבן געהויבן בלויע שנייעלעך, טרוקענע, שטעכיקע. ס׳איז געווען שטיל, קאַלט און און שטיל. און אַז אַ קראָ האָט זיך צעקראַקעט און דער אָנטרייבער האָט מיט רוגזה אויסגעשפּיגן — ״פאַרשאָלטענע נשמה״ — האָט אסתרן אַן אימה אַרומגענומען.

נאָך מיידלוויץ איז אסתר יעדע דריי, יעדע פיר וואָכן געפאָרן צו פראַנקן אין סקלאַד אַריין נאָך סחורה. נאָך דער חתונה, ווען אסתר איז געווען אויף דער צייט מיט אַ קינד, צי נאָך אַ קימפּעט, איז לייזער, צו לענגערע

יאָר איר, געפּאָרן, צום מסחר, וואָס אמת, האָט ער זיך נישט געטויגט. דער־פאַר זיין לערנען, זיין אָפּגעהיטקייט. זי איז געווען זיכער, אַז בלויז אין לייזערס זכות האָט איר אַזוי אָפּגעגליקט אין האַנדל. זי האָט אים ליב געהאַט, שטאַרק געבענקט נאָך אים און זיך געגרויסט מיט דער שבועה, וואָס זי האָט געגעבן ביי לייזערס אָפּענעם קבר, אַ שבועה, אַז נאָך לייזערן וועט קיין מאַנס־ביל נישט אָנרירן איר לייב. און אַזוי איז זי, אסתר, אַ יונג שיין מענטש און דערצו אַ נגידת׳טע, שוין ס׳פופצנטע יאָר אַן אַלמנה. דעם צווייטן טאָג פסח ווערט זי ערשט פערציק יאָר. דערפאַר האָט זי שוין, גאָט צו דאַנק, אָן אויסגעגעבענע טאָכטער. און די צווייטע, שרה, איז שוין אויך אַ כלה.

אסתר האָט געעפנט די אויגן. האָט זי אַדרימל געטאָן? ס׳איז געוואָרן קעלטער, ווינטיקער. די נאַכט איז פול געוואָרן מיט קולות, וואָס מען קאָן ניט אָנכאַפּן, וואָס פאַרווישן יעדע מחיצה צווישן וואָר און חלום. אויס הימל, אויס שטערן. פון די פעלדער זיינען אָנגעלאָפן פלאַכטעס שניי, האָבן זיך געדרייט אין מיטן וועג אין אַ ראָד, און מיט אַ רעווע זיך געוואָרפן אויף די פערד, אויפן שליטן.

וואָס, מאַרטשין, אַ זאַווערוכע? — האָט אסתר זיך אַ פרעג געטאָן ביים אָנטרייבער.

דער פויער האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך איבערגעצלמ׳ט און פעסטער גענומען אין די הענט אַריין די לייצעס. דער שטעכיקער שניי, דער קאַלטער ווינט, האָבן לויז געמאַכט די קליידער און איבערן לייב זיינען גע־קראָכן בייסיקע שטיקער קעלט. מאַרטשין האָט קוים מיט צרות אָנגעצונדן די שטורקאַצן. די אָנגעצונדענע שטורקאַצן זיינען ווי משוגע געוואָרן, גע־וואָרפן און געשליידערט פלעמלעך הין און קריק. און מיטאַמאָל האָבן זיך ביידע אויסגעלאָשן. פעלד און וועג האָבן זיך אויסגעגליכט. וואוהין פאָרט מען? מאַרטשין האָט אַריבערגעשריגען צו אסתרן:

— אַ זאַווערוכע, אַ פאַרשאָלטענע! די פערד קאָנען פאַלן! מיר וועלן מוזן איבערנעכטיקן אין שטשעגאָווע!

— ווי ווייט פון שטשעגאָווע זיינען מיר? — האָט אסתר געפרעגט.

— נישט ווייט!

דאָס וואָס זיי זיינען נישט ווייט געווען פון שטשעגאָווע, דאָס וואָס זיי וועלן זיך נישט דאַרפן שלעפן אין אַ זאַווערוכע אַ גאַנצע נאַכט, אַפילו אין דעם האָט אסתר געזען, אַז גאָט פאַרלאָזט זי נישט. זי איז זיכער געווען, אַז דאָס אַלץ איז אין זכות פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן.

מאַרטשין איז פאַרפאָרן פאַר דער שענק, וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן טראַקט. ער האָט געקלאַפּט מיט דער בייטש אין דער טיר, אין די פענצטער. ס׳האָט גענומען אַ שפּאָרע ווייל ביז מען האָט געעפנט. און אַז דער

פאַרשלאָפּענער שענקער האָט דערזען אסתרן, איז דער רוגז ביי אים פון פּנים אַוועק. ער האָט זיך צערעדט:

— אַי, אַ זאַווערוכע! אַי, אַ הינטיש וועטער! אפשר מאַכן אַ גלאָז טיי?

— אַ דאַנק, ר׳ מרדכי, אַ דאַנק. גיט דעם גוי אַ שנאַפּס, גיט אים צו פאַרבייסן און איך וועל זיך לייגן. ווי שפּעט איז שוין?

— באַלד דריי אַזייגער.

ניין אינדערפרי האָט די זאַווערוכע נאָך אַלץ געקערט וועלטן. איז מען אַרויס אויפן טראַקט, איז ניט געווען קענטיק קיין שאָסיי, קיין לאַנקע. ס׳האָט זיך געצויגען אַ מדבר, אַ ווייסע מדבר. און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן — פאַלט דער שניי פון אויבן, צי הייבט ער זיך פון אונטן. אַרום עלף האָט די זאַווערוכע נאָכגעלאָזט. אסתר איז אַריין אין שענק:

— מאַרטשין, מיר פאָרן.

מיטאָג־צייט איז דער שליטן אַרויס פון שטשעגאָווע. דער ווינט האָט אויך אויפגעהערט צו בלאָזן. די לופט — דורכזיכטיק און קאַלט. איבערן קאָפּ — אַ ווייטע, קרענקלעכע זון. און ווי ווייט ס׳אויג האָט געקאָנט כאַפּן שניי, שניי, ווייס ווי מילך. אַפילו די צוויי רויטלעכע פערד זייַנען פון די גריוועס ביז די ווידלען געווען באַדעקט מיט ווייסן געפריר. און אַרום און אַרום — אַ טויטע שטילקייט.

אַזוי זייַנען זיי אָפּגעפאָרן אַ שעה, צוויי, דריטהאַלבן. אסתר האָט זיך גענומען שרעקן זי זאָל ניט אַריינפאָרן אין שבת אַריין. אַרום דריי אַזייגער האָט זי גענומען מינטערן מאַרטשינען.

ווּיפיל האָבן מיר נאָך קיין שרענסק?

— אַ פינף ווּיאָרסט.

און אַז די קרענקלעכע זון האָט זיך גענומען זעצן, און אַז דער ווייסער שניי האָט זיך גענומען ברייטן, איז איבערגעגאַנגען פון בלוי אין גרין, פון גרין אין לילע, האָט אסתר זיך אַ שטעל געטאָן צווישן די פּעק סחורה און זיך געבעטן ביי מאַרטשינען ער זאָל גלייך אָפּשטעלן דעם שליטן.

אין גאַנצן אַ ווּיאָרסט, אַנדערהאַלבן, פּאַני — האָט מאַרטשין זי פאַר־זיכערט.

— ניין, מאַרטשין, ביי אונדז אידן איז שוין שבת און איך וועל דעם ווּיאָרסט, אַנדערהאַלבן, צוגייען אין שטאָט אַריין צופוס.

מאַרטשין האָט אַ קערעווע געטאָן פון דער מיט־שאָסיי צום ראַוו צו, וואו דער שניי איז געווען אויסגעצירט מיט „דעסענעס״ פון פייגל־לאַפּקעס, און זיך אָפּגעשטעלט.

אסתר איז אַראָפּ פון שליטן. פון דעם לעדערנעם בייטל, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אַן אַקסל אַריבערגעוואָרפן מיט אַ פּאַסעק, האָט זי אַרויסגע־נומען אַ מעסערל. אסתר האָט אויסגעהוילט דריי רויטע ווינטער־עפּל, ווי

מען הוילט זיי אויס שמחת־תורה פאַר פענער. די עפּל האָט זי אַריינגעזעצט אין אַ פּריזמע פאַרהאַרטעוועטן, פאַרפּרוירענעם שניי. אין די עפּל האָט זי אַריינגעשטעקט דריי סטריינערנע ליכט. דערנאָך האָט זי אָפּגעבונדן פון זיך דעם בייטל מיט געלט, מיט וועקסלען, מיט פּאַפּירן און אים געלאָזט ליגן אויפן שליטן, אַזוי אויף הפקר. און ניט בלויז דעם בייטל. זי האָט אויך אַוועקגעלייגט דעם פּאַק שליסלען, אויך אַוועקגעלייגט אויף הפקר ס׳קליינ־געלט, וואָס ס׳האָט זיך געוואַלגערט ביי איר אין די קעשענעס. און אַזוי, אויסגעטאָן פון מסחר, פון וואָכעדיקייט, האָט זי גוט איינגעריבן די הענט מיט שניי, זיי אָפּגעווישט און זיך געשטעלט צינדן ליכט. דער שווערער פעלץ צעקנעפּלט, די פאַטשיילע איבערן קאָפּ. זי האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, אָנגעצונדן איין ליכט, אַ צווייטס, אַ דריטס. ס׳איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס קנאַקן פון די קנייטלעך. די ליכט־פלעמלעך האָבן זיך געטוקט, געשפּיגלט אין שניי, און אסתר מיט די ווייסע הענט אויף די אויגן, אויפן שטערן, איז געשטאַנען איבער די ליכט און געוויספּערט מיט די ליפּן.

מאַרטשין האָט געקוקט אויפן געלט, וואָס איז געלעגן אַזוי הפקר, געקוקט אויף אסתרן, וואָס האָט מיט פאַרשטעלטע אויגן געבענטשט ליכט. ס׳איז אים וואַרעם געוואָרן און ער האָט זיך איבערגעצלמ׳ט. און אַז אסתר האָט זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין, איז מאַרטשין איר נאָכגעפאָרן מיטן שליטן. אַרום און אַרום — אַ פאַרשנייטע וועלט. אויף אַ פּריזמע שניי — דריי ליכט, דריי פלעמלעך, וואָס דערציילן, אַז ס׳איז שבת.

.3

## „גאַי שוין, גאַי"

פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען מען האָט ביי ר׳ ישראל לייזער אָפּאָטאָווסקי שוין געהאַלטן ביים מייערן־צימעס, געשניטן אין רעפּטלעך, ווי גילדענע „טקאַטנס", האָט די קיך־טיר זיך געעפנט.

אויף אפריער איז אַריין אַ ווייסע קעלט. נאָך דער קעלט — אַ שנייי־מענטש. די ברענענדיקע ליכט אין די העסע־לייכטערס האָבן פון קעלט גע־האַלטן אין אויסגיין. און אַז עס איז אין קיך קריק ליכטיק געוואָרן, האָט די דינסט זיך אַ בייזער געטאָן:

— ר׳ אורח, קלאַפּט אָפּ די שטיוול אין פעדערהויז. איר וועט מיר אָנ־טראָגן אַ פולע קיך מיט שניי.

און אַז דער פרעמדער האָט גענומען אָפּטרייסלען פון זיך דעם שניי איז די קעכין אַריין אין עסצימער און אָנגעזאָגט:

— אַן אורח.

ר׳ ישראל לייזער האָט אַ שאַר געטאָן פון זיך דאָס טעלערל מייערן צימעס און אַן אויפגעלייגטער זיך אַ קער געטאָן צום ווייב:

— שרה׳ל, בעט דעם אורח צום טיש. דער איז אַוודאי געבליבן שטעקן אונטערוועגנס. ס׳קערט דאָך אין דרויסן וועלטן, אַן אמת׳ע זאַווערוכע.

דערווייל האָט דער אורח אָפּגעשאָקלט דעם שניי פון דעם שטריימל, פונעם שאַפּענעם פעלץ. ס׳יונגע פנים איז געווען צעפלאַמט. אַרום דעם שי־טערן, בלאָנדן בערדל — שטיקלעך געפריר. ער איז אַריין אין עסצימער מיט צעלויכטענע אויגן:

— גוט שבת! גוט־שבת!

ר׳ ישראל לייזער איז אָפּער פון טיש און איז געבליבן שטיין אַ רגע אָן לשון. נאָך אים האָט זיך אַ שטעל געטאָן ס׳גאַנצע בני־בית. דער בעל־הבית האָט אַ הייב געטאָן די הענט, ווי צוויי לייכטערס, און איז מיט זיי אַנט־קעגנגעגאַנגען דעם אורח:

—אַ גאַסט, אַ געהויבענער גאַסט, שלום־עליכם, קוטנער רב!

דער באַלעבאָס האָט צוגענומען פון דעם גאַסט ס׳פוטער, צוגענומען דאָס שטריימל. דער קוטנער רב אין דער זיידענער קאַפּאָטע, אינעם סאַמע־טענעם קאַפּל האָט אויסגעזען יונג, גאָר יונג, האָט אויסגעזען ווי אַ חתן־בחור, נישט ווי אַ רב.

אין עסצימער איז ליכטיקער געוואָרן, ווי ניט זיבן ליכט וואָלטן געברענט אין די זעלבערנע לייכטערס, נאָר פערצן. דער גאַסט איז נישט בלויז געווען דער קוטנער רב, ר׳ יהושיעלע, ר׳איז אויך געווען אַ קרוב. און מיט אַזאַ קרוב איז געווען זיך וואָס איבערצונעמען. און אַז דער קוטנער רב איז שוין געזעסן אין ר׳ ישראל־לייזערס פאָטער־שטול, האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן:

— כ׳בין אַרויסגעפאָרן פאַרטאָג, כ׳בין געווען זיכער אַז איינסע, שפּעטסטן צווייע וועל איך זיין אין טשעכאַנאָווע. און דאָ, האַלב וועג, צעשפּילט זיך אַ זאַווערוכע, סכנת־נפשות. קיין וועג, קיין שטעג, שניי און שניי. און צוויי וויאָרסט פאַר טשעכאַנאָווע — פלאַצט אַ ראָד. כ׳בין אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין צופוס, אַריינגעקומען נישט טויט, נישט לעבעדיק. כ׳האָב זיך אפשר נישט געדאַרפט לאָזן אין וועג אַריין פרייטיק, האַנדלט זיך עס וועגן פּיקוח־נפש, מען דאַרף אָפּראַטעווען צוויי אידן פון תליה, אידן וואָס זיינען פאַרמישט אין דעם אויפשטאַנד.

ר׳ יהושיעלע האָט זיך טאַקע נישט געדאַרפט לאָזן אין וועג אַריין פרייטיק. מאַנטיק וואָלט ער געהאַט אַ פאַרמאַכטע קאַטש מיט פיר פערד. האָט עס אים אָבער נישט געלאָזט איינזיצן אין קוטנע. ס׳איז טאַקע געגאַנ־גען אין צוויי אידישע נפשות. עס איז אָבער געגאַנגען אין נאָך אַן ענין. דער יונגער ר׳ יהושיעלע האָט געוואָלט פון דעם טשעכאַנאָווער רב אַן הסכמה

אויף ארץ־ישראל אתרוגים, געוואַלט רעדן וועגן די „אַנשי המסורה“, וועגן ישוב ארץ־ישראל, געוואַלט רעדן וועגן לערנען מיט זיינס אַ גלייכן.

דערווייל האָט שרה׳ל געהייסן אויפהאָקן דעם פאַרקלעפּטן אויוון. מען האָט אַרויסגענומען ס׳טשאָלנט. די קאַרטאָפל זיינען שוין געווען ברוין, ווי טונקעלער בורשטין. די קאַטשקע — אַזוי צוגעברוינט, אַז ס׳האָט זיך נאָך אַמאָל געוואָלט עסן. און איצט דער געוויקלטער לאָקשן־קוגל. אַלץ צוליב דעם געהויבענעם גאַסט! אַלץ צוליב ר׳ יהושיעלען!

ר׳ יהושיעלע האָט געמאַכט קידוש און האָט זיך געוואַשן. נאָך דער המוציא האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער וויל נאָך היינט זען דעם טשעכאַנאָווער רב. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ אַברהמל וויל נישט אויף שבת קיין געהויבענע אורחים וואָס מען דאַרף מקרב זיין. אַזאַ אורח האָט זיך זיין דרך, קאָן אים אַמאָל אויסקומען אָפּצואווייכן פון זיין אייגענעם דרך צוליב דעם גאַסט. דעריבער טאַקע פאַרבעט נישט ר׳ אברהמל קיין געהויבענע אורחים אויף שבת. ער האָט אַפילו דעם פולטוסקער רב, ר׳ אלעזרן, פאַרזאָגט נישט צו קומען קיין טשעכאַנאָווע אויף שבת.

ר׳ יהושיעלע האָט דאָס אַלץ געוואוסט. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפן. מען זיצט אין קוטנע וואָכן, חדשים. דערגראָבט זיך אַ איד צו אַ שטיקל גמרא מיט תוספות — הייסט עס ער קען לערנען. פרעגט ער אָפּ דעם מהרש״א — איז ער אַ למדן, וועו ער, דער קוטנער רב, איז בכוח אויסצורייסן דעם גאַנצן ים־התלמוד, ווי מען רייסט אויף אַ נישט געאַקערט פעלד. דאַנערשטיק ביים לייענען האָט אים אַרומגענומען אַזאַ בענקעניש, אַז ער האָט נישט געקוקט וואָס ס׳איז פרייטיק, וואָס ס׳בלאָזט אַ זאַווערוכע, וואָס פרייטיק נאָך ליכט־בענטשן זיצט ר׳ אַברהמל טשעכאַנאָווער אין פענצטער און קוקט זיך די אויגן אויס, וואַרט אויף משיח׳ן. ר׳ יהושיעלע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. און אָט איז ער ביי זיין קרוב. ער וועט באַלד זיין ביים טשעכאַנאָווער רבי. דער קוטנער רב האָט זיך אַ קער געטאָן צום קרוב:

— ווי נאָך לאָזט מען וויסן דעם רבין, אַז איך בין אין טשעכאַנאָווע?

— איך אַליין וועל צוגיין — האָט ר׳ ישראל־לייזער זיך אַ שטעל געטאָן.

— ס׳וועט זיין אַן אמת׳ע טובה.

— אָט גיי איך.

ר׳ אַברהמל טשעכאַנאָווער האָט שוין געהאַלטן נאָכן בענטשן. ער האָט שוין געהאָט געזאָגט צו די אורחים און צום בני־בית „אַ גוטן־שבת“, אַ צייכן, אַז זיי זאָלן אים לאָזן אַליין. פונקט דעמאָלט איז ר׳ ישראל אַריין צום רב, איז אַריין מיט אַ ציטער, ווי מען קומט צו מלכות:

— גוט־שבת, אונדזער רב. דער קוטנער רב האָט מיך געשיקט מיט אַ שליחות. ער איז אין טשעכאַנאָווע.

וואו האַלט ער שבת, ביי דיר? — האָט ר׳ אַברהמל זיך געפרעגט.

— ביי מיר, רבי.

ס'איז געוואָרן אַ ווייל שטיל. ר' אַברהמל'ס פּנים האָט זיך אָנגעכמוּ־רעט, ווי ער וואָלט זיך גע'ישוב'ט. דערנאָך האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן, און כאָטש ער איז געווען אַ קליין געוויקסיקער, איז דאָס גרויסע צימער פול געוואָרן מיט יראת־הכבוד. ער האָט צוגעפירט דעם שליח ביז צו דער טיר. ערשט דאָ האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, ישראל־לייזער, מיינע עלטערן האָבן זיך געקענט אויסבאַ־האַלטן. איך אָבער בין זינדיק. פון מיין יוגנט אָן לויפט מען מיר נאָך. זאָג דעם קוטנער רב, אַז איך וואַרט אויף אים.

ווי ר' ישראל לייזער איז צוריקגעקומען אָן אָטעם און געזאָגט: „קוט־נער רב, דער רבי וואַרט אויף אייך", האָט ר' יהושיעלע געלאָזט שטיין די קאַטשקע. ער האָט אין געאַייל אָנגעטאָן ס'שטריימל מיטן פעלץ און איז אַרויס מיטן קרוב פון שטוב.

דער זיבעציק־יאָריקער ר' אַברהמל, וואָס איז געווען ווייס און גרוי, ווי אַ טויב, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן שטענדער. די אויגן פאַרשטעלט מיט לאַנגע, געדיכטע ברעמען, האָבן געקוקט אין אַן אָפּע־נעם רמב"ם און די אויערן האָבן זיך צוגעהערט וואָס דער קוטנער רב רעדט.

דער קוטנער רב איז געשטאַנען הינטער ר' אַברהמלען. ער איז גע־שטאַנען אינעם צעקנעפּלטן פעלץ. ער האָט נישט גערעדט וועגן די צוויי אידן, וואָס מען האָט געדאַרפט אָפּראַטעווען פון דער תליה. ער האָט נישט גערעדט וועגן לערנען. ער האָט גערעדט וועגן די „בעלי־מסורה" און זיך געריכט, אַז ר' אַברהמל וועט אים אָפּשטעלן, וועט זאָגן: „אַפּיקורסות". און אַז ר' אַברהמל האָט אים נישט אָפּגעשטעלט, האָט ר' יהושיעלע ווייטער גערעדט:

„... וויסן דאַרפט איר, טשעכאַנאָווער רב, „אַז די „בעלי־המסורה" זיינען געקומען נאָך די „אַנשי הניקוד והנגינה". ווי שטייט אין דער הקדמה פון „חובת הלבבות"? דער חובת הלבבות זאָגט, אַז בעלי־המסורה זיינען געווען נאָך איבן־גנאח".

— גאַי שוין, גאַי — האָט ר' אַברהמל זיך אַ וויג געטאָן איבערן אָפּע־נעם רמב"ם.

— און וואָס זאָגט דער אבן עזרא אין „ספר מאזנים"? — האָט ר' יהושיעלע ווייטער גערעדט. — ער זאָגט, אַז נאָך די חכמי התלמוד זיינען אויפגעשטאַנען די אַנשי־המסורה.

— גאַי שוין, גאַי — האָט ר' אַברהמל שוין געוואָרט דער קוטנער רב זאָל ענדיקן.

און דער קוטנער רב, וואָס איז געשטאַנען „בדחילא ורחימא", געצי־טערט אינגאַנצן, האָט פון יעדן „גאַי שוין גאַי" דערפילט אַ ברי, ווי ס'וואָלטן

זיך פון אַברהמלען געטראָגן צו אים פלאַמען ... ער האָט זיך אָנגענומען מיט כוחות און אַ זאָג געטאָן:

„... און דער רמב״ם אַליין אין הלכות ספר הלכה, פרק ח׳ שרייבט, אַז ער האָט זיך נישט באַנוצט מיט די „בעלי־המסורה״, נאָר מיט בן אָשר׳ן, הייסט עס, אַז לויט דעם רמב״ם איז בן־אָשר געווען פאַר די בעלי־המסורה, וואָס זאָגט איר דערויף, טשעכאַנאָווער רב?

— גאַי שוין גאַי — האָט ר׳ אַברהמל זיך שטאַרק צעוויגט.

דער קוטנער רב האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט שווייס. ער האָט אויף הינטער־ווײַלעכס זיך גענומען אַרויסשאַרן פון בית־דין שטוב. אַז דער טשעכאַנאָווער הייסט גיין, גייט מען.

איצט האָט גערעדט ר׳ אַברהמ׳ל. ער האָט גערעדט לאַנג, גערעדט מיט רמזים ווי אַ גאון רעדט מיט אַ גאון, אויפגעוויזן, אַז די בעלי־המסורה האָבן דאָס אַלץ בקבלה פון באַרג סיני.

און אַז ער האָט אָפּגערעדט און זיך אַ קער געטאָן צום גאַסט, ערשט דער קוטנער רב איז נישטאָ. אין דער אָפענער טיר איז געזעסן דער שמש.

— וואו איז דער קוטנער רב? — האָט דער רבי געפרעגט ביים שמש.

— דער קוטנער רב איז אַוועקגעגאַנגען.

— זיי אַזוי גוט און גיי אַריבער נאָך אים.

און אַז דער שמש איז געקומען מיט ר׳ יהושיעלען, האָט דער טשעכאַ־נאָווער רב אים געפרעגט:

— וואָס זענט איר אַנטלאָפן, קוטנער רב?

— דער טשעכאַנאָווער רבי —איז דער קוטנער רב געשטאַנען פאַר אים ווי פאַר מלכות — האָט מיך דריי מאָל געהייסן גיין, מיר געזאָגט: „גאַי שוין, גאַי״.

— איך האָב עס נישט געמיינט, קוטנער רב — האָט דעם רביס טרוי־עריק פּנים זיך צעשמייכלט. — מיטן ווערטל „גאַי שוין, גאַי״ וויל איך קיינעם נישט דערווייטערן. פאַרקערט, ס׳דערנענטערט. נאָר צו די, וואָס זיינען מיר צום האַרצן, וואָס זיינען מיר נאָענט, זאָג איך „גאַי שוין, גאַי״. און דער קוטנער רב איז מיר נאָענט.

.4

## אַ שבת אין זאַמאָשטש

אַ טרוקענער, שטעכיקער שניי, וואָס איז אָנגעלאָפן מיט אַ ווינט, האָט זיך געטראָגן איבער גאַסן און געסלעך, ווי אַ בעזים. דאָ האָט דער שניי אָפּגעקערט די שטיינער, דאָרט האָט ער אָנגעטראָגן ווייסע בערג, זיי געשניטן

אין פּריזמעס, אין קברים. עס איז געווען שבת נאָכמיטאָג, ווען אידן פאַרקליבן זיך אונטער פּערינעס, כאַפּן פון גרויס תענוג אַ דרימל.

פון אַ האָטעל־פענצטער אויפן ערשטן שטאָק האָט דוד נאַרקיס אַרומגעכאַפּט ס׳גאַנצע שטעטל. אויף די שמאָלע גאַסן, אויף די נאָך שמע־לערע געסלעך, האָט מען קיין לעבעדיקן נפש ניט געזען. בלויז דער ווינט, ווי אַ נישט־גוטער, איז פון מאָל צו מאָל אַנגעלאָפן אין מיטן מאַרק אַריין מיט הורבעס שניי, וואָס האָבן זיך געקייקלט, געמאַכט קאָזשלקעס און זיינען גע־בליבן ערגעץ ליגן אין זייטיקע געסלעך.

נאַרקיסן האָט מען אַראָפּגעבראַכט קיין זאַמאָשטש אויף צוויי לעקציעס. היינט, שבת אָוונט, האָט ער געדאַרפט רעדן וועגן דעם היסטאָרישן ראָמאַן, און זונטיק אָוונט — וועגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס אין דרויסן האָט זיך צעשפּילט אַ זאַווערוכע, וואָס איז שווער צו זאָגן, צי עס שנייט פון אויבן, צי פון אונטן, צי מען וויל נאָר פאַרשיטן די וועלט מיט פוך־פעדערן. ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס אין אַזאַ הינטיש וועטער וועט קיינער צו דער לעקציע נישט קומען.

וואו אַ קער מיטן קאָפּ — שניי, ווינט, זאַווערוכע. און אין שניי דער אידישער ישוב — איין און צוויי גאָרנדיקע שטיבלעך, וואו מען בענטשט נאָך פרייטיק־צו־נאַכט ליכט, ווי מען האָט געבענטשט מיט דריי הונדערט, מיט פינף הונדערט, מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק. די מקווה הייצט זיך — מאַמעס זאָלן קינדלען אָן אַ חשבון. ס׳יונגוואַרג רייסט זיך קיין וואַרשע, קיין פאַריז, קיין ארץ־ישראל, קיין מאָסקווע. און דער שניי? דער שניי הייבט זיך ביז איבערן פענצטער, טראָגט זיך פאַרביי אין ליליע־פּאַסמעס. און אין דרויסן רייסט דער ווינט שטיקער, פאַרקלייבט זיך אין שפּאַרעס, אונטער די דעכער, ווי הינט וואָלטן געהיילט.

נאַרקיס האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און גע־נומען שפּרייזן איבערן צימער. אַ וואַרעמקייט איז אין אים אויפגעגאַנגען. יאָרן ווי ער האָט אַרומגעזוכט שלמה מולכו׳ס „ספר המפואר״, עס נישט געקענט קריגן. און דאָ אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל וואוינט אַ מלמד, וואָס האָט דאָס ספרל. די וואַרעמקייט איז איבערגעגאַנגען אין אַ ציטער, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין ספרל, נאָר אַ געליבטע. ער האָט זיך געערגערט, וואָס דער אַראַנזשירער פון די לעקציעס, וואָס האָט אים אויך געדאַרפט פירן צום מלמד, איז נאָך נישטאָ. פאַרוואָס איז ער טאַקע נישטאָ? זאָל דאָס האָבן געווען אַ שפּיצל? ספקות האָבן גענומען באַפאַלן נאַרקיסן. ס׳איז אים אויפן זינען גע־קומען הערצלס אויפנאַמע ביים איטאַליענישן קיניג. האָט ער עס ערגעץ געלייענט? נאָך דעם ווי דער איטאַליענישער קיניג האָט אויסגעהערט דאָק־טאָר הערצלס פּלענער וועגן אַ אידן־שטאַט, האָט דער קיניג צו אים געזאָגט:

— איך דערמאָנט מיר שלמה מולכון, דעם אידישן משיח, וואָס האָט געחלומ׳ט זיינע חלומות אין די גאַסן פון רוים.

דאָקטער הערצל, וואָס האָט קיינמאָל פון שלמה מולכון נישט געהאַט געהערט, איז רויט געוואָרן פון בושה.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. נאַרקיס האָט געעפנט. אַ פאַררויטלטער בחור האָט אָפּגעשאָקלט דעם שניי פונעם קאַראַקולענעם היטל, פון דעם קאַראַקולענעם קאָלנער, האָט אָפּגעקלאַפּט דעם שניי פון די קאַלאָשן און אַריינגעבראַכט צו נאַרקיסן אין צימער אַריין דעם פרישן ריח פון ווינטער־עפּל. דער בחור האָט אַ זאָג געטאָן:

— די זאָוועריכע זאָל אַזוי אָנהאַלטן, וועלן מיר צו דער לעקציע קיין עולם נישט האָבן.

נאַרקיס, וואָס איז שוין געשטאַנען אין די קאַלאָשן, אינעם שווערן ווינטער־מאַנטל, האָט אויפן בחורס רייד גאַרנישט געענטפערט. ער האָט אָן עפן געטאָן די טיר, אַרויסגעלאָזט דעם בחור און, ווי ער וואָלט געוואָלט זיכער זיין, האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן:

— מיר גייען צום מלמד?

— אַוודאי צום מלמד.

אויף דער גאַס האָט דער ווינט געקערט וועלטן. ער האָט געהויבן פּלאַסטעס שניי, זיי געשאָטן אין די פּנימער, געצונדן פלעמלעך אין די אויגן. די פאַרשנייטע גאַסן האָבן אויסגעקוקט לענגער.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ הינטער־געסל. אַן איינגעהויקערט שטיבל. דער שניי האָט אָנגעיאָגט ביז צו די נידעריקע פענצטער. זיי זיינען אַריין אין פינצטערן פאָדער־הויז. ס׳בחורל האָט אַ הייב געטאָן אַ קליאַמקע, געעפנט אַ טיר. אויף אָפּריער איז אַריין אַ ווייסער וואָלקן, דערנאָך — נאַרקיס. נאָך נאַרקיסן — ס׳בחורל מיט אַ ברייטן גוט־שבת. ס׳האָט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים מיט טשאָלנט.

אַ איד אין די פופציקער, וואָס איז געזעסן ביים טיש איבער אַ ספר, האָט זיך אַ הייב געטאָן. דאָס איז געווען דער מלמד. נישט קיין הויכער. ס׳גרוילעכע בערדל שיטער. די בלויע אויסגעוואַשענע אויגן, ווי ביי אַ אינגל, זיינען געווען בלויז חידוש. דער מלמד האָט אַ שמייכל געטאָן צום בחורל, דערנאָך האָט ער געגעבן נאַרקיסן שלום עליכם און אים צוגערוקט די איינציקע שטול, ער זאָל זיצן.

די דירה איז באַשטאַנען פון אַ ברייט חדר, וואו דער אויוון האָט פאַרנומען אַ דריטל שטוב. אַרום אויוון זיינען געשטאַנען לאַנגע בענק. פון הינטער אַ פאַרהאַנג האָבן זיך אַרויסגעזען אַ בעט און אַ שלאָפבאַנק. פון דער שלאָפבאַנק האָט זיך פריער אַרויסגעכאַפּט אַ יונג מיידל, פאַרפלאָמט ווי אַ מערן־צימעס. נאָך איר — אַ צווייטע, אַ דיקע, אַ קורצע, ווי אַ צוגעברוינט טשאָלנט.

די מיידלעך האָבן זיך אָוועקגעשטעלט מיט די פּלייצעס לעבן דעם וואַרעמען אויוון און געוואָרפן פאַרשעמטע בליקן צום טיש. דער מלמד האָט זיך איינגעקוקט אין נאַרקיסן, ווי ער וואָלט געזוכט אַ שטיקל שייכות צווישן זיך און אים. דערנאָך האָט ער אים געפרעגט:

— דאָס זייט איר געקומען אַ קוק טאָן אויפן „ספר המפואר״?

— יאָ, איך — האָב די אויגן ביי נאַרקיסן אויפגעלויכטן.

דער מלמד האָט געריבן אַ ווייל איין האַנט אין דער אַנדערער, ווי פרומע אידן רייבן די הענט נאָכן אָפּגיסן די נעגל. נישט געאיילט איז ער צוגעגאַנגען צום ספרים־שענקל, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַן אַלט ספרל און עס דערלאַנגט נאַרקיסן:

— אָט האָט איר דעם „ספר המפואר״.

נאַרקיסן האָט פאַרפעלט אָטעם. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ספרל און עס גלייך געעפנט. ער האָט עס געהאַלטן מיט ביידע האַנט־פלאַכן, ווי מען האַלט אַ פעקל איידלשטיינער. דערנאָך האָט ער אויפגעמישט דעם שערבלאַט, איבערגעלייענט מיט די אויגן — דעם „ספר המפואר״, געדרוקט אין קראָקע, אינעם יאָר ש״ל, און צוגעגעבן אויפן קול — „אינעם יאָר 1570״. ס׳האַרץ האָט זיך ביי אים אַ הייב געטאָן, זיך נישט געוואָלט מער אָוועקלייגן און ס׳בלוט, הייס בלוט, האָט זיך פון די פיס, פון די הענט געגאָסן ביי אים אין די באַקן אַריין, אין מוח אַריין.

— ווי לאַנג בלייבט איר אין זאַמאָשטש? — האָט דער מלמד אַן אויפגערוימטער געפרעגט נאַרקיסן.

— היינט און מאָרגן.

— וועל איך עס גערן אייך אַהיים געבן אויף צוויי טעג.

— אויף צוויי טעג? — האָט ס׳קול זיך געענדערט ביי נאַרקיסן, ווי מען וואָלט שוין זיך געקליבן ביי אים צוצונעמען דאָס ספרל — און ווען כ׳גיב אייך פאַרן ספרל צוואַנציק גילדן?

דער מלמד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. נאַרקיס איז געווען זיכער, אַז ער האָט ווייניק באַטראָטן, האָט ער געהאַלטן אין איין באַטרעטן מער.

נו, און דרייסיק, און פערציק נו, און פופציק גילדן?

נאַרקיס האָט באַטראַכט די אָרעמע שטוב, באַטראַכט די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט ביים אויוון, זיך געשושקעט און געשמייכלט, באַטראַכט דעם מלמד׳ס פאַרחידוש׳טע אויגן. ער האָט געוואַרט אויף אַ תשובה. דער מלמד האָט זיך פאַרענטפערט, ווי ער וואָלט געהאַט עגמת־נפש, וואָס ער קען דאָס ספרל נישט אָוועקגעבן.

— איר פאַרשטייט, כ׳האָב בקבלה נישט צו פאַרקויפן קיין ספרים און כ׳האָב נאָך אויף מיין לעבן קיין ספר נישט פאַרקויפט. כ׳קען עס אייך

געבן לייענען, און נישט בלויז אויף טעג, אַפילו אויף לענגער, נאָר בתנאַי איר זאָלט עס מיר צוריקשיקן.

דאָס בלוט פון נאַרקיסעס באַקן האָט געהאַלטן אין אָפּרינען. ער האָט אויסגעזען דערשלאָגן. דער מלמד האָט עס באַמערקט און געענטער אַ רוק געטאָן די לאַנגע באַנק צו נאַרקיסעס שטול:

— איר וועט מיר מוחל זיין, יונגערמאַן, וואָס גייט אייך אַזוי איין לעבן צו קריגן דאָס ספרל? קיין גרויסער ירא־שמים זעט איר נישט אויס צו זיין.

נאַרקיס האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שטול, זיך אַריבערגעזעצט צום מלמד אויף דער באַנק, זיך צערעדט, לאַנג גערעדט.

— דורות, דורות, דורות. ערגעץ ווייט איז געבוירן געוואָרן אַן אויס־געוויייטיקטער געדאַנק. ס׳איז גענוג געווען שלמה מולכו׳ס אַ וואָרט און דער מענטש האָט דערפילט דעם צער פון דער וועלט. אָן ליבע, אָן מעשים־טובים קען די וועלט קיין קיום נישט האָבן. מעשים־טובים ווערן אַלץ ווייניקער און איבער דער וועלט גייט אַ קרירה. וואָס מער מעשים־טובים, וואָס מער ליבע — די וועלט מוז אַ קיום האָבן.

ווער האָט דאָס געזאָגט — שלמה מולכו, נאַרקיס, דער מלמד? די מיידלעך מיט די פאַרפלאַמטע פּנימער זיינען אויך געשטאַנען ביים טיש, האָבן אָנגעקוואָלן, וואָס דער פאָטער באַגלייט אַרויס נאַרקיסן, האַלט אין איין אי־בערחזר׳ן:

— נעמט דאָס ספרל, כ׳בעט אייך. נאָך אונדזער שמועס גיב איך עס אייך אַ מתנה.

שניי, ווינט, זאַווערוכע. אין נאַרקיסן איז אויפגעגאַנגען אַ געזאַנג, אַ שבת־געזאַנג, געמאַכט לייכטער דעם טראָט, וואָס האָט זיך געוועקט אינעם בלויען ווינט, אינעם נאָך בלויערן שניי.

# דוד איגנאַטאָוו

## פון „וואונדער מעשיות פון אַלטן פּראַג"

### א

דער פּראַגער רב, דער בעל מופת, האָט אַוודאי זייער שטאַרק גע־האַלטן פון שבת. וואָרים שבת, פלעגט ער זאָגן, איז די כלה פון דער וועלט. און דערפאַר דאַרף זיך די גאַנצע וועלט אויספּוצן לכבוד שבת, אַ חתן פאַר זיין כלה.

און ער פלעגט זאָגן:

— באַשאַפן האָט גאָט שבת צום סוף פון זיין אַרבעט. אין די געדאַנקען אָבער, איז שבת געווען דאָס סאַמע ערשטע פון זיין טראַכטן.

און אַז עס פלעגט קומען צום פרייטאָג־צו־נאַכטיקן דאַווענען, האָט דער פּראָגער רב געשיינט אַזוי, אַז קיינער האָט אים ניט געקאָנט קוקן גלייך אין זיין פנים אַריין. און ווען עס פלעגן קומען צו די ווערטער:

„קום מיין פריינט אַנטקעגן דער כלה,

„קום אויפנעמען די כלה שבת, די מלכה" —

פלעגט זיין ליכטיקייט ווערן אַזוי, אַז די איבעריקע אידן פלעגן זיך קוים קענען איינהאַלטן אין שול.

און צו די ווערטער:

פאַרלאָז דיין געפאַנגענשאַפט מלכה שבת,

„קום מיט פרידן קרוין פון האַר,

„קום מיט יובעל און מיט פרייד,

„קום צווישן דיינע אויסדערוויילטע.

„קום כלה,

„קום!"

פלעגט ער אָפּט אַרויס פון שול און בלייבן שטיין אויף די הויכע טרעפ, און מיט אים די גאַנצע עדה, און ער פלעגט אַזוי ווענדן זיין ליכטיק פנים צום הימל, קוקן אַהין, ווי ער וואָלט גערופן עמיצן, וואָס קומט, וואָס האָלט אין קומען...

דער גאַנצער עולם פלעגט דערפילן, אַז אין דער מינוט אַנטפלעקן זיך גרויסע סודות אויף דער וועלט. דער סוד פון שבת, דער סוד פון ליכט, דער סוד, וואָס גיסט צונויף אַלץ מיט דעם סוד פון אַלע סודות.

איינמאָל אָבער האָט געטראָפן, אַז ווען דער רב האָט אַזוי אַרויסגעפירט זיין גאַנצע עדה אויף די טרעפ, כדי צו באַגעגענען די ליכטיקע מלכה שבת, האָבן אַלע מיטאַמאָל דערזען אַ גרויסן, רויטן שטערן אומלויפן איבערן הימל. דער רויטער שטערן איז געווען שטאַרק אָנגעהעפּט אָן אַן אַנדער שטערן, אַ ווייסן און בליציקן. דאָס בליצן פון דעם ווייסן שטערן איז געווען אַזוי, אַז דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן פון גרויס ליכטיקייט און די ערד האָט אויפגעשיינט, ווי אַ גן־עדן.

מיטאַמאָל אָבער, האָט זיך פון ערגעץ אויפן הימל פּלוצלונג אָנגעטראָגן אַ שרעקלעך גרויסער פיש. און ווי נאָר דאָס איז געשען, אַזוי האָט דער רב גלייך אויסגעשריען:

„פאַרלאָז דיין געפאַנגענשאַפט מלכה שבת,

„קום מיט פרידן קרוין פון האַר.

„קום מיט יובעל און מיט פרייד.

„קום צווישן דיינע אויסדערוויילטע.

„קום כלה,
„קום!"

און מיט אים די גאַנצע עדן אידן.

האָט זיך פונקט דעמאָלט דער גרויסער פיש אַנגעשלאָגן אָן דעם רויטן שטערן, האָט דער רויטער שטערן גלייך אַרויסגעלאָזט דעם ליכטיקן שטערן, וואָס ער האָט געהאַלטן אָנגעהעפט אָן זיך. און דער פיש מיט די שטערן האָבן אַלע אינאיינעם גענומען פאַלן און זיינען פאַרשוואונדן.

ב

אין דעם גרויסן טיפן ים געפינט זיך אַ זייער גרויסער פיש. דער פיש איז דער היטער פון שבת.

און אַלע פרייטיק פאַרנאַכט קומט דער פיש צו אָן אָפענעם ברעג. צע־עפנט זיין גרויס מויל, און לאָזט פון זיך אַרויס די ליכטיקע מלכה שבת. —

די מלכה קומט אַרויס אויפן ברעג מיט דער פינקלענדיקער קרוין אויף איר קאָפּ, קוקט זיך אַ ליכטיקע אום אין אַלע זייטן, און נאָכדעם נעמט זי מיט אַ שטילער פרייד אַראָפּ איר קרוין פון קאָפּ, הייבט זי אויף אין דער לופטן מיט אירע שיינע הענט און זאָגט:

— וועלט! איך שענק דיר די קרוין פון שבת אויף אַ טאָג!

ווערט די קרוין גלייך צעפלויגן אין מיליאַנען פלעמלעך. און יעדע אידישע טאָכטער, וואָס צינדט דעמאָלט אָן אירע ליכט לכבוד שבת, קריגט אַ פלעמל פון דער קרוין פאַר יעדן ליכט.

און די מלכה שבת לאָזט זיך דערנאָך אַוועק איבער די אידישע הייזער און שולן און זעט צו מיט אַ שטילער און ליכטיקער פרייד, ווי אין יעדן ליכט לויכט זיך אַ פלעמל פון איר קרוין.

און שבת־צו־נאַכט, איז ווי נאָר עס באַווייזט זיך דער ערשטער שטערן אין הימל, אַזוי קומט די מלכה שבת צוריק צום ברעג מיט דער ליכטיקער קרוין אויף איר קאָפּ. —

זי קומט אָן מיט לאַנגזאַמע טריט און מיט אַ גרויסן און שווערן בענקען אין איר האַרצן. —

באַלד קומט אָן דער גרויסער פיש און צעעפנט זיין גרויס מויל.

בלייבט זי פאַר אים שטיין אַ פאַרבענקטע און פרעגט:

— פיש, ווען וועט שוין קומען דער טאָג פון שטענדיקן שבת?!

דער פיש אָבער רעדט ניט. ער גיט נאָר אַ צעעפן זיין גרויס מויל נאָך גרעסער, אַזוי, אַז זיינע ווייסע ציין ליגן שוין, ווי אַ ביינערדיקע שוועל פאַר אירע פיס — קאָן זי זיך שוין ניט העלפן, גייט זי אַריין אין אים, און ער לאָזט זיך מיט איר גלייך אַוועק אין די טיפענישן פון ים.

אינעווייניק, אין דעם פיש, איז איר היים. אינעווייניק, אין דעם פיש, איז ליכטיק, ווי אין אַ ליכטיקן פּאַלאַץ. און דורך די אויגן פון דעם פיש קאָן זי אַרויסקוקן, ווי דורך צוויי גרויסע און ליכטיקע פענצטער. און זי קאָן דורך זיי זען דעם הימל און די שטערן. די זון און די לבנה, און אַלע פאַרשיידענע באַשעפענישן, וואָס מערן און ווידמענען זיך אין דער טיפעניש פון ים. און אַלע פעלזן פון קיזלשטיין, און אַלע וואונדערבאַרע בערג פון פערלשטיין, און דיווילדע וועלדער פון רויטע קאָראַלן און די פילע פּאַלאַצן פון דימענטשטיין און ברילִיאַנטן, פון בלויע סאַפּירן, פון רויטע רובינען, שוואַרצע אַגאַטן און פון אַ סך אַנדערע טייערע שטיינער, וואָס געפינען זיך אויף דעם גרונט פון ים. און אַלץ שיינט אויף מיט זיין גרעסטן שיין און גלאַנץ, ווי נאָר עס שווימט פאַרביי זיי דורך דער פיש מיט דער מלכה שבת — אַלע ווילן די מלכה שבת זאָל אויף זיי קוקן און זאָל זען. און די מלכה שבת קוקט אויף זיי און זעט זיי. און הערט אָבער אַלץ ניט אויף צו בענקען — זי בענקט די גאַנצע וואָך פאַר דעם פרייטאָג־צונאַכט. פאַר דעם שבת.

ג

אַלע שטערן פון הימל האָבן זייער ליב די מלכה שבת. און פון גרויס ליבשאַפט שיינען זיי אַפילו אין מיטן דער וואָך שבת׳דיק. זיי שיקן איר שטענדיק נאָך זייערע ליכטיקע גייסטער אויף דער ערד און אין וואַסער. זיי ברענגען איר שטענדיק גרוסן, און נעמען פון איר אַלץ נייע פרייד און נייע ליכט פאַר זיך, פאַרן הימל און פאַר דער וועלט; טרייסטן זי שטענדיק אין איר געפאַנגענשאַפט און פרייען זיך מיט איר אין איר פרייד.

איין שטערן נאָר איז פאַראַן אין הימל, וואָס זיין גייסט גייט נאָך דער מלכה שבת, ווי אַ בייזער מלאך. דאָס איז דער גייסט פון דעם רויטן שטערן שבתאי. וואָרים שבתאי איז אַ בייזער שטערן און פאַרגינט ניט דאָס, וואָס אויך די אַנדערע שטערן קענען קוקן אויף דער שיינער מלכה שבת, און דאָס, וואָס די שיינע מלכה שבת האָט ליב די מענטשן און די ערד. ער האָט געוואָלט אַוועקנעמען די שיינע מלכה פון דעם פיש, פון די שטערן און דער ערד.

און ס׳טרעפט, אַז אין שבתאי׳ן צעברענט זיך אַפּט זיין ווילדע ליבע צו דער מלכה שבת אַזוי שטאַרק, אַז ער קאָן גאָר אינגאַנצן ניט פאַרטראָגן פאַרוואָס די אַנדערע שטערן קוקן אויך אויף איר מיט זייערע צעשטראַלטע בליקן, דעמאָלט לאָזט זיך זיין גייסט אַראָפּ און נעמט אַזוי שטאַרק פּאַטשן מיט זיינע גרויסע פליגלען, אַז ער טרייבט צונויף די וואָלקנס איבער דעם ים, און איבער דער ערד. איבער די וואָלקנס קאָן ער אַליין שוין אָבער אויך ניט זען די מלכה שבת. ווערט פון דעם זיין כעס נאָך שטאַרקער, נעמט ער מיט זיינע פליגלען נאָך בייזער פּאַטשן און שטויסן די וואָלקנס, ביז עס נעמט רעגענען און דונערן און בליצן.

און נאָכדעם, אַז שבתאי כעס'ט זיך שוין אָן וויפל ער קאָן, ווילט זיך אים דאָך ערשט דעמאָלט זען די מלכה שבת, מוז ער אַליין צוריק פאַנאַנדער־טרייבן די וואָלקנס.

דער פיש, דער היטער פון שבת, ווייסט אַז שבתאי'ס ליבע איז אַ זינ־דיקע, זעט ער דערפאַר שטענדיק, אַז איידער ער לאָזט אַרויס די מלכה שבת מיט איר פינקלדיקער קרוין, זאָל שבתאי'ס גייסט זיין אין וואַסער. און דער־פאַר, איז, ווי נאָר דער גייסט — שבתאי לאָזט זיך אַראָפּ אין וואַסער מאַכט שוין דער פיש אַזאַ מין רינג אַרום אים, אַז ער מוז פאַרבלייבן אין ים אַ געפאַנגענער ביז איבער שבת.

שבתאי האַלט זיך דערפאַר אָפּ פון פליען צום ים אַזוי לאַנג, ווי ער קאָן נאָר. זייער לאַנג קאָן ער זיך אָבער ניט אָפּהאַלטן. און טאָמער עקשנ'ט ער זיך אַמאָל פאַרט אייך, איז ווי נאָר עס קומט נאָענט צום שבת און דער פיש זעט, אַז שבתאי זיצט נאָך אַלץ אין הימל אויף צוויי ליכטיקע רעדער פון זיין שטערן, גיט דער פיש דעמאָלט אַ הייב זיין קאָפּ צום הימל, אַזוי, אַז אַלע שטערן דערזעען מיטאַמאָל די מלכה שבת מיט איר גאַנצער ליכטיקייט. אַ סך שטערן נעמען דעמאָלט איינס נאָכן אַנדערן פאַלן אין דעם גרויסן ים. קאָן שוין שבתאי לענגער ניט פאַרבלייבן אין הימל, און ער נעמט מיט אַ ווילדן רוישן פאַלן גלייך אין וואַסער אַריין. מאַכט דער פיש אַרום אים אויף גיך דעם נויטיקן רינג און שרעקט זיך שוין נאָכדעם ניט אַרויסצולאָזן די מלכה שבת אין דער ריכטקער צייט.

ד

יעדעס מאָל, ווען דער פיש דאַרף אַרויסלאָזן די מלכה שבת, שטעלט ער זיך אַוועק מיטן פנים צום לאַנד פון שבת, און מיטן עק צום לאַנד פון וואָך.

וואָרום ערגעץ אויף די ברעגן פון דעם ים געפינען זיך אַזוינע צוויי לענדער: —

איין לאַנד איז גרויס און שווער און גרוי, און עס הייסט דאָס לאַנד פון וואָך. און דאָס אַנדערע לאַנד איז לייכט און שיין און ליכטיק און עס הייסט דאָס לאַנד פון שבת.

די איינוואוינער פון דעם לאַנד פון וואָך, זיינען גרויסע ריזן מיט שרעקלעך ווילדע מיילער. — די ציין פון זייערע מיילער זיינען אַזוינע גרויסע און ווילדע, אַז די ליפּן קאָנען זיי ניט פאַרדעקן, און די ריזן גייען דערפאַר שטענדיק אַרום מיט אָפּגעדעקטע מיילער. די מענטשן פון דעם לאַנד פון שבת זיינען שיינע, שטילע און ליכטיקע.

די ווילדע ריזן פון דעם לאַנד פון וואָך פלעגן דינען צום ים און צום שטערן שבתאי, און זיי פלעגן לעבן פון מלחמות, פון עסן איינער דעם צווייטן לעבעדיקערהייט. און די מענטשן פון דעם לאַנד פון שבת האַלטן ערלעך דעם

שבת, און דינען אים מיט ליכט־בענטשן, מיט פרייד, מיט געזאַנג און מיט טענץ. האָט איינמאָל זיך געטראָפן, אַז אין דעם לאַנד פון שבת איז אויפגע־קומען אַ מלך, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

איז דאָס אַוודאי געווען אַ גרויסער בזיון פאַר דער קעניגין, און אַ גרויסער ווייטיק פאַר דעם מלך און פאַר דעם גאַנצן לאַנד.

און עס פלעגט קומען פרייטיק־צו־נאַכט, פלעגט די קעניגין פון דעם לאַנד פון שבתביים ליכט־בענטשן אַוודאי אויסגיסן איר ביטער האַרץ, און מיט איר אײנאײנעם פלעגן אַלע טעכטער פון דעם לאַנד שטיין פאַר זייערע בענטשלייכטער אין יעדן הויז און אין יעדן פּאַלאַץ און פלעגן איר העלפן בעטן.

און די מלכה שבת פלעגט גלייך דערהערן זייערע תפילות, זייער ווייטיק און זייער פּיין. וואָרים דער פיש פלעגט זי דאָך שטענדיק אַרויסלאָזן מיטן פנים צום לאַנד פון שבת.

און איינמאָל, ווען די מלכה שבת איז איין שבת־פאַרנאַכט געגאַנגען מיט איר קרוין אויפן קאָפּ און מיט איר שבת־ליכט צוריק צום ים אַ פאַר־בענקטע און מיט לאַנגזאַמע טריט, איז זי, ווי איר שטייגער איז, פאַרביי־געגאַנגען יעדעס אידישע הויז, און איז אָנגעקומען אין דעם לאַנד פון שבת פּונקט דעמאָלט, ווען אַלע טעכטער פון דעם לאַנד זיינען געזעסן אין זייערע הייזער און אין זייערע פּאַלאַצן, און האָבן מיט אַ געבראָכן געמיט געזאָגט דאָס פאַרנאַכטיקע שבת־געבעט:

„גאָט פון אַברהם, פון יצחק פון יעקב.
„באַהיט דיין ליב פאָלק אין דיינעם לויב.
„דער ליכטיקער שבת גייט אַוועק.
„היט אונדז אויס פון דער גרויער וואָך.
„היט אונדז און אונדזערע מענער און אונדזערע קינדער."

און ווי נאָר עס איז געקומען צו די ווערטער „און אונדזערע קינדער". אַזוי האָט דאָס גאַנצע לאַנד אַרויסגעלאָזט אַ זייער שווערן זיפץ, וואָרים אַלע האָבן זיך דערביי דערמאָנט אָן זייער קעניגין.

די קעניגין אין גראָד דעמאָלט איינע אַליין אומגעגאַנגען אין איר גאָרטן, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן סאַמע ים. און ווי זי קומט אַזוי צום ים, דערזעט זי עפּעס מיטאַמאָל אַ זייער גרויסע ליכטיקייט. פאַרוואונדערט זי זיך אַוודאי אויף דעם. אָבער זי טראַכט זיך, אַז דאָס איז מן הסתם דערפאַר, וואָס אָט דאָרטן זעצט זיך די זון איבער וואַסער . . . און זי לייגט זיך אַזוי אַרויף איר קעניגלעכע האַנט אויף די אויגן און נעמט מיט אַ פאַרבענקט געמיט זאָגן:

„גאָט פון אַברהם פון יצחק און פון יעקב.
„באַהיט דיין פאָלק אין דיינעם לויב.
„דער ליכטיקער שבת גייט אַוועק.

„היט אונדז אויס פון דער גרויער וואָך.

„היט אונדז און אונדזערע מענער און... אונדזערע קינדער."

און די קעניגין האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט אַזוי, אַז זי איז נאָכדעם אויף לאַנג געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרשטאַרבענע. זי איז ווי פאַר־גליווערט געוואָרן פון איר גרויסן בענקען.

און אַז די מלכה שבת איז אָנגעקומען און האָט דערזען, ווי די פאַר־גליווערטע קעניגין שטייט נאָך אַלץ מיט דער האַנט אויף די אויגן, האָט זי זיך פאַר איר אָפּגעשטעלט, האָט זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע און נאָכדעם האָט זי מיטאַמאָל אויפגעהויבן אירע הענט און האָט פון זיך מיטאַמאָל אַראָפּגענומען די פינקלענדיקע קרוין פון קאָפּ און האָט זיך אָנגערופן:

— קרוין פון שבת, דו אַליין וועסט איצט מוזן גיין צום פיש — דעם היטער פון שבת. איך וועל איצט בלייבן דאָ. איך וועל ווערן אַ קינד ביי דער קעניגין פון דעם לאַנד פון שבת!

האָט זיך די קרוין אַ הייב געטאָן, און גענומען איינע אַליין פליען צום וואַסער, און איז אַריין אין דעם פיש'ס צעעפנטן מויל.

און אַז דער פיש האָט דערזען, אַז נאָר די קרוין פון שבת איז געקומען צוריק, אָן דער נשמה, אָן דער מלכה שבת, האָט ער מיט זיין עק אַזאַ פּאַטש געטאָן דעם ים, אַז די וואַסערן האָבן זיך אויפגעהויבן מיט אַזאַ ווילדן רעש, און האָבן גענומען שפּרינגען אין דער לופטן, און האָבן זיך גענומען ברעכן און פאַלן אין טויזנטער שטיקער, און דער גאַנצער ים איז פון דעם גלייך פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ בייז־ווייסן שוים.

און די מלכה שבת איז נאָכדעם גלייך צוגעגאַנגען און האָט זיך אָנגע־העפט אָן דער קעניגין פון לאַנד פון שבת. האָט פון דעם די קעניגין גלייך דערפילט אַ גרויסע פרייד אויף זיך.

און ווען די קעניגין האָט זיך נאָכדעם אומגעקוקט, האָט זי לעבן זיך קיינעם ניט געזען, אָבער די גרויסע פרייד איז פאַרט געווען מיט איר. האָט זי די פלוצלינגדיקע פרייד מיטגעבראַכט מיט זיך אין דעם מלכ'ס פּאַלאַץ. און פון דעם פּאַלאַץ האָט די פרייד מיטאַמאָל גענומען שפּאַנען אויף אַלע וועגן און שטעגן פון דעם לאַנד, און די פרייד האָט גענומען קלאַפּן אין יעדן פענ־צטער, אין יעדן טיר און טויער.

און ווען די טעכטער פון יענעם לאַנד פלעגן נאָכדעם שבת פאַרנאַכט זאָגן זייער „גאָט פון אברהם", פלעגן זיי שוין די ווערטער „און אונדזערע קינדער" מער ניט זאָגן מיט אַ שווערן זיפץ, נאָר מיט אַ גרויסער און ליכ־טיקער פרייד. וואָרים אַלע האָבן מיטאַמאָל דערפילט די גרויסע פרייד, וואָס איז שוין געקומען און וואָס וועט אין גיכן נעמען שיינען אין זייער לאַנד.

און טאַקע גאָר אין גיכן, איז מען אין דעם לאַנד פון שבת געוואָר געוואָרן, אַז די קעניגין האָט געבאָרן אַ טאָכטער צום מלך. די טאָכטער איז

געבאָרן געוואָרן פונקט פרייטאָג־צו־נאַכט, צו ליכט בענטשן, און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן — שבת.

און מען איז געוואָר געוואָרן, אַז אַ זייער גרויס ליכט גייט אַרויס פון דער טאָכטער, אַז וואוהין מען זאָל זי ניט ברענגען, אַפילן אין אַ פינסטערן צימער, ווערט דאָרט ליכטיק, און אַז איר ליכטיקייט איז אַזאַ, אַז עס האָט גאָר צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער וועלט, אַז אַפילו ניט די זון, ניט די לבנה און ניט די שטערן קאָנען זיך גלייכן צו איר אין שיינקייט און אין ליכ־טיקייט, און ווען מען האָט איינמאָל אין אַן אָוונט, די טאָכטער אַרויסגענומען אויפן באַלקאָן, איז ווי נאָר די שטערן האָבן זי דערזען, אַזוי האָבן זיי גלייך גענומען פאַלן פון הימל אין פיל טויזנטער.

און דער פיש, דער היטער פון שבת, פלעגט דערווייל אַלע פרייטיק פאַרנאַכט קומען צו אַ ברעג און נאָר אַרויסלאָזן די קרוין פון שבת אויף דער וועלט, און אַלע שבת פאַרנאַכט פלעגט ער ווידער קומען צום ברעג, און זען, ווי נאָר די קרוין אַליין קומט צוריק צו זיין מויל. און פאַר כעס פלעגט דער פיש נאָכדעם אַלץ אויפשלאָגן די וואַסערן פון ים מיט זיין עק און די וואַסערן פלעגן פאַרשוימטע נעמען שפּרינגען ביזן הימל.

און די טאָכטער, די פּרינצעסין שבת, איז זיך דערווייל געוואַקסן און איז געוואָרן שענער און ליכטיקער מיט יעדן טאָג. און די לויב איז געגאַנגען פאַר איר, ווי אַ טייך, און האָט זיך געהויבן איבער איר, ווי אַ ליכטיקער זייל.

## מ. אַשעראָוויטש

# זכרונות

דאָס ריכטן זיך אויף אַ פּאָגראָם, און די זיכערקייט אַז מ׳וועט זיך דערפון ניט אַרויסדרייען, האָט ביי די אידן אין באַלטע אַזוי אָנגעצויגן די נערוועז, אַז ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס אין דער מורא האָט מען שוין געוואָלט וואָס גיכער איבערקומען דעם אומגליק. וואָס שטייט פאַר; בייטאָג האָט מען ניט געקאָנט לעבן און ביינאַכט האָט מען ניט געקאָנט שלאָפן. ווען אַ קינד האָט זיך אַמאָל ערגעץ פאַרזאַמט און איז ניט געקומען אַהיים אַזוי שנעל און גראָד דאַן האָט זיך פון גאַס דערטראָגן עפּעס אַ געשריי, האָבן טאַטע־מאַמע שוין געבראָכן מיט די הענט און ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן. אַלע מאָל האָט מען ערגעץ אַנדערש עפּעס באַהאַלטן און ס׳האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז דאָס פּלאַץ, וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן, איז דווקא ניט זיכער; שכנים האָבן זיך געטראָגן מיט פּעקלעך פון איינעם צום אַנדערן און וואו ס׳איז נאָר געווען אַ גוישע דינסט האָט מען זיך פאַר איר געהיט, פונקט ווי מ׳וואָלט זיך געדאַרפט באַהאַלטן מיט עפּעס אַ פאַרברעכן,

וואָס מ׳איז גאָר קיינמאָל ניט באַגאַנגען. און אין די שולען און בתי־מדרשים האָבן פרומע אידן ביים דאַווענען נאָך מער ווי אַלע מאָל געקרעכצט און געזיפצט און ביים זאָגן תהלים האָבן זיי דעם באַשעפער פון אַלע וועלטן געשטעלט אַ גערעכטע טענה:

„למה, ה׳, תעמוד מרחוק, תעלים לעתות בצרה?״

אין זייער פרומקייט איז זיי שווער געווען צו פאַרשטיין פאַרוואָס גאָט שטייט איצטער פון דערווייטנס און פאַרוואָס ער ווייזט זיך ניט אין דער צייט פון אַזאַ גרויסער נויט. אָבער זייער גלויבן אין אים איז איבער דעם דאָך ניט געוואָרן שוואַכער, און רעדנדיק וועגן דעם וואָס די מורא הענגט איבערן קאָפּ, האָט אַ איד זיך געקענט געבן אַ זאָג, שאָקלענדיק דערביי מיטן קאָפּ:

— אויב ס׳איז שוין יאָ אַזוי באַשערט, איז זאָל שוין וואָס גיכער אַריבער דער צאָרן...

ניט מער ווי אַ פּאָר טעג האָט מען אין באַלטע אויף דעם אומגליק געדאַרפט וואַרטן. אַ פּאָר טעג וואָס האָבן זיך ווי אַן אייביקייט געצויגן. און איין פרייטיק פאַרנאַכט, ווען איך בין פון שטאָט געקומען צוריק אין דעם גוישן שטיבל, וואו דער פּעטער יאַסל האָט געוואוינט, האָב איך מיטאַמאָל דערהערט ווי פון דעם ברייטן וועג טראָגן זיך קולות, און נאָך איידער איך האָב געקאָנט אויסגעפינען וואָס דאָ איז, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דער אומגליק, אויף וועלכן מ׳האָט זיך געריכט, האָט זיך שוין אָנגעהויבן...

דער געדאַנק, אַז דאָס איז אַ פּאָגראָם און אַז איצט איז מיין לעבן אינגאַנצן הפקר בלויז דערפאַר וואָס איך בין אַ איד, האָט ביי מיר אַרויסגערופן ניט נאָר שרעק, נאָר אויך כעס. און ווען איך בין אַרויס אין דרויסן און איך האָב דערזען ווי פון די דערפער לויפן שוין גוים אין שטאָט אַריין, באַוואָפנט מיט העק און שטיקער אייזן, בין איך געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און איך האָב אַליין ניט געוואוסט וואָס איך זאָל פריער טאָן; אין יעדן גוי, וואָס איז געלאָפן אין שטאָט אַריין, גרייט צו הרג׳ענען און ראַבעווען אידן, האָב איך געזען אַ ווילדן גזלן, אַ בלוטיקן רוצח, און איך האָב צו זיי אַלע געפילט אַזאַ האַס, אַז ווען איך וואָלט נאָר געהאַט דעם כוח, וואָלט איך זיי איינציקווייז דערשטיקט אויף טויט...

און דאָ האָט זיך אין מיטן דערינען צו מיר צוגעטשעפּעט עפּעס אַ בלונדע הינטל, וואָס איך האָב פריער ביים פּעטער יאַסלס גוישן שטיבל גאָר קיינמאָל ניט געזען; דאָס הינטל האָט זיך אויפן וועג, אַפּנים, דערשראָקן פאַר די ווילדע פּאַרשוינען, וואָס זיינען מיט אַזאַ אימפּעט געלאָפן אין שטאָט אַריין מיט העק און שטיקער אייזן אין די הענט, און זוכנדיק אַ מענטשן, פאַר וועמען מ׳דאַרף קיין מורא ניט האָבן, האָט עס גראָד מיך געפונען, און ס׳האָט זיך צו מיר געלאַשטשעט און ס׳האָט זיך אַרום מיר געדרייט. דווקא מיך און דווקא איז אַזאַ צייט האָט דאָס בלונדע הינטל, דאָס

צעשראָקענע, אויסגעקליבן פאַר אַ באַשיצער. און דאָס שטומע באַשעפעניש האָט ניט געוואוסט, אַז אין דער טויט־שרעק, וואָס איך פיל אין אַלע גלידער ביז די שפּיצן פון די פינגער און אין דער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס באַליידיקט מיך אַזוי טיף, בין איך עס איצטער גאָר מקנא דערמיט וואָס ס׳איז אַ הינטל...

אַ הינטל אַז זיכער מיטן לעבן. אַ איד אָבער איז מיטן לעבן ניט זיכער...

אַ צעטומלטער בין איך אַזוי געשטאַנען ביז דער פעטער יאָסל איז געקומען צולויפן אַ דערשראָקענער. אינאיינעם מיט מיר איז ער אַריין אין שטיבל און דאָרט האָבן מיר געוואַרט ביז ס׳איז אין דרויסן געוואָרן פינסטער. און ווען מ׳האָט אויפן ברייטן וועג שוין מער ניט געהערט די קולות פון די גויים, וואָס זיינען פון די דערפער געלאָפן אין שטאָט אַריין, זיינען מיר אַוועק צו דער גערעלניע, און דאָרט האָט דער פעטער יאָסל מיך אַריינגע־פירט אין אַ גרויסן קעלער, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון אַ גרויסער געביידע. און דאָס ערשטע, וואָס איך האָב אין קעלער דער־זען, איז געווען — שבת׳דיקע בענטש־ליכט...

אויף אַן איבערגעקערט קעסטל האָבן די שבת׳דיקע בענטש־ליכט גע־ברענט, אַריינגעשטעקט אין צעשניטענע האַלבע קאַרטאָפליעס. זייער שיין האָט אַנגעוואָרפן אַ לאַנגן שאָטן, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן אין אַ זייט. און ווען די אויגן האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דער טונקלקייט און צום צאַנקען פון די ליכט, וואָס פרומע אידישע ווייבער האָבן דאָרט פריער גע־בענטשט, האָט מען דערזען ווי אין די ווייטע ווינקלען זיצן אידן אויף דער ערד און אויף קעסטלעך. אויך פרויען און קליינע קינדער זיינען דאָרט אינם פינסטערן קעלער געווען, און אַלע מאָל האָט זיך ביי אַן אַנדערן אַרויס־געריסן אַ טיפער זיפץ.

— רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט עס אונדז אַזוי?...

שטילערהייט האָבן אידן אין דעם לאַנגן פינסטערן קעלער געדאַוונט, יעדער איינער פאַר זיך. און נאָכן דאַוונען האָט מען אָפּגעגעבן די ווייבער דעם „גוט שבת", פונקט ווי מ׳וואָלט איצט געקומען אַהיים פון דער שול, און מ׳האָט אויך געזאָגט „שלום־עליכם".

— אוי, שלום־עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא.

אין די ווינקלען האָבן משפחות זיך געטיילט מיטן ביסן און געקלאָגט דערויף וואָס דער שבת איז פאַרשטערט געוואָרן. קיינער האָט אָבער קיין הויך וואָרט ניט אַרויסגערעדט. די מורא איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען נאָר ס׳האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן עפּעס אַ שאָרך, האָט מען אָנגעהויבן ציי־טערן. און פונקט דאַן ווען די מורא איז געווען אַזוי גרויס, האָט אַ קינד זיך

צעווײנט אויפֿן קול, און ווען די מאַמע האָט עס אַזוי גיך ניט געקענט אײַנ־שטילן, איז מען געווען זייער בייז אויף איר.

— האָט גאָט אין האַרצן און פֿאַרשטעקט דעם קינד דאָס מויל, — האָט אַן אַנדער פֿרוי זיך געבעטן ביי איר אין דער שטיל. — אייער קינד וועט נאָך, חלילה, אויף אונדז אַלעמען ברענגען אַן אומגליק...

און ס'איז געווען אַ גרויסער רחמנות אויף זיי אַלע. און נאָך גרעסער איז געווען דער רחמנות אויף די מאַמעס, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין קע־לער מיט זייערע קליינע קינדער. אַלע מאָל ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ פּיפּס פֿון אַ צעשראָקן קינד און מ'האָט מורא געהאַט, אַז אָט־אָט וועט דאָס קינד זיך נאָך צעוויינען אויפֿן קול, האָט די מאַמע זיך געפֿילט שולדיק, און ס'איז אויס־געקומען, אַז די גרעסטע סכנה פֿאַרן לעבן זיינען זיי, די קליינע אידישע קינ־דער, וואָס ווייסן נאָך ניט, אַז ס'זיינען פֿאַראַן צייטן ווען אפֿילו וויינען טאָר אַ איד ניט אין דער הויך...

מ'האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז די גוי'אישע שכנים, וואָס וואױנען דאָ ניט ווייט, זאָלן זיך נאָר ניט דערוויסן, אַז אידן באַהאַלטן זיך אין דער גערעאַלניע. דער איינציקער גוי, וואָס האָט פֿון דעם געוואוסט, איז געווען דער אַלטער נאַכט־וועכטער, וואָס האָט געדינט אין דער גערעאַלניע שוין פֿון יאָרן. ער האָט אַלעמען פֿאַרזיכערט, אַז מ'דאַרף זיך ניט שרעקן. אָבער אין דער גוטסקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו די אידן, וואָס זיינען געווען אין טויט־שרעק און אויך כדי צו ווייזן, אַז די עטלעכע קערבלעך, וואָס מ'האָט אים געגעבן, זיינען ניט געווען אַרויסגעוואָרפֿן, האָט ער געהאַלטן פֿאַר זיין חוב אַריינצוקומען פֿון דרויסן אַלע מאָל מיט אַן אַנדער בשורה:

— „ווסיאַ באַלטאַ האַריט“ (גאַנץ באַלטע ברענט).

— „אַ ליודי טודי איזאַ ווסיך קינצויו ווסע טאַפּאַראַמי, טאַ מישקאַמי“ (און מענטשן פֿון אַלע עקן גייען אַהין אַלץ מיט העק און זעק).

— „ניקאַלי טאַקע שטשע ני באַטשילי“ (מ'האָט נאָך קיינמאָל גאָר אַזוינס ניט געזען).

אַזוי האָט ער זיך אָפּגעזאָגט זיינס און איז אַרויס, איבערלאָזנדיק די צעשראָקענע אידן מיט נאָך אַ גרעסערן פּחד ווי פֿריער און מיט נאָך אַ טיפֿערן ווייטיק אין האַרצן. און אַלע מאָל ווען ער איז אַרויס מיט דעם לאַמטערן אין דער האַנט, האָט מען אים נאָכגעקוקט מיט חשד:

— ווער ווייסט צי מ'קען זיך אויף אים פֿאַרלאָזן?!...

אין דער פֿינצטער האָט מען זיך אין דעם גרויסן קעלער אויסגעצויגן אויף דער ערד וואו ס'האָט זיך נאָר געמאַכט, אָבער שלאָפֿן האָט מען ניט געקענט. אפֿילו די קליינע קינדער האָבן ניט געקענט שלאָפֿן און אַלע מאָל האָט זיך אַן אַנדער קינד אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געוויין און מ'האָט עס מיט דער האַנט געמוזט פֿאַרשטעלן דאָס מויל. דער געדאַנק, אַז דאָרט, אין שטאָט באַל־

טע, וואָס איז איצט אין פלאַמען, גיסט זיך אידיש בלוט, האָט קיינעם ניט געלאָזט רוען. און דאָס בילד פון הינט אַרום און אַרום האָט דעם פּחד געמאַכט נאָך גרעסער. און ווען מ׳האָט פון ווייטנס דערהערט ווי אַ הונט פאַרגייט זיך אין זיין וואַיען איז אַלעמען אַ סקרוך אַריבער איבערן לייב און מ׳האָט דערפילט ווי די אימה ווערט נאָך שווערער. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט גייען זיי שוין, אָט קומען זיי שוין, די ווילדע לייט מיט די העק אין די הענט... אָט רייסן זיי זיך שוין אַריין מיט רציחה און זיי וועלן דאָ, אין דעם גרויסן קעלער, אַלעמען אויסשעכטן און קיינער וועט פון זייערע פאַרבלוטיקטע הענט קיין לעבעדיקער ניט אַרויס.

דער איינציקער וואָס האָט אין דער מורא זיך דאָך אָנגענומען מיט מוט און איז עטלעכע מאָל שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן זען וואָס עס הערט זיך דאָרטן, איז געווען מיין פעטער יאָסל. און איינמאָל האָט ער מיך אויך מיטגענומען מיט זיך. אין דער פינצטער האָט ער מיך די גאַנצע צייט געהאַלטן ביי דער האַנט. און ווען ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעשטעלט קוקן אויף די פלאַמען, וואָס מ׳האָט אָנגעזען פון דערווייטנס, האָט ער קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. פונקט ווי ער וואָלט אין דער נאַכט פון שרעק גענומען אויף זיך דעם חוב צו בלייבן דער שטומער עדות אין דעם גרויסן אומגליק, איז ער געשטאַנען שטיל און האָט גאָר ניט געזאָגט. און ווען ער איז מיט מיר אַריינגעקומען צוריק אין דעם פינצטערן קעלער און איינער האָט אים געפרעגט וואָס ס׳הערט זיך אין דרויסן, האָט ער שטיל געענטפערט מיט אַ זיפץ:

— נאָר איין גאָט זאָל זיך דערבאַרימען!...

מער האָט ער גאָר ניט געזאָגט.

די גאַנצע נאַכט איז אַזוי אַוועק אין מורא, און אַזוי איז אויך אַוועק דער טאָג.

פינצטער ווי די נאַכט איז יענער טאָג געווען פאַר די צעשראָקענע אידן אין דעם גרויסן קעלער. אפילו אין דעם וואָס דער זעלבער גוי׳אישער סטאָראָזש, וואָס האָט געהיט די גערעלניע ביינאַכט, איז נאָך אַלץ געבליבן דער איינציקער, וואָס דאַרף קיין מורא ניט האָבן צו ווייזן זיין פּנים אין דרויסן, אין דער ליכטיק, האָט מען נאָך געזען די פינצטערניש פון דער נאַכט, וואָס האָט גאָר קיין סוף ניט. און ס׳זיינען געווען אַזעלכע, ביי וועמען די שרעק איז בייטאָג געווען נאָך גרעסער ווי ביינאַכט, און איינער פון זיי, אַ מיטליאָריקער איד, וואָס האָט לאַנג ניט געקענט איינזיצן אויף איין אָרט און איז אַלע מאָל אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו אַן אַנדערן, האָט שוין אַביסל צו־אָפט דערמאָנט אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע:

— כ׳האָב מורא... כ׳האָב זייער מורא... אין דער פינצטער איז נאָך געווען ווי ס׳איז... פונ׳ם וועג האָט מען די גערעלניע ניט געקענט זען.

איצטער אָבער זעט מען זי ווי אויף דער דלאָניע... און כ׳האָב מורא... כ׳האָב זייער מורא....

ער האָט אַלץ געוואָלט הערן פון אימיצן אַ פאַרזיכערונג, אַז דאָ, אין דעם גרויסן קעלער, וואו ער באַהאַלט זיך מיט זיין ווייב און קינדער, וועט קיין אומגליק ניט געשען. נאָר אַזוי ווי קיינער האָט אים אַזאַ פאַרזי־כערונג ניט געקענט געבן, איז ער ווייטער אויף די שפיץ פינגער, און מיט גרויס פחד אין האַרצן, אַרומגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן און אַלץ גע־לאָזט וויסן, אַז ער האָט מורא און ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט מורא.

דער רואיקסטער פון אַלעמען אין דעם גרויסן קעלער איז געווען דער „נאמן" פון דער געראַלניע, אַן אַלטער איד מיט אַ גרויער באָרד און מיט צוויי כשר׳ע ערלעכע אויגן; ער האָט די גאַנצע צייט אָפּגעהיט אַלע מצוות, וואָס ער האָט אין זיין לאַנגן לעבן אָפּגעהיט אין די טעג פונם הייליקן שבת; ער האָט געדאַווענט אין צייט, און ביים עסן האָט ער אפילו די זמירות ניט פאַרפעלט; מיט דעם גרויסן בטחון, וואָס ער האָט דאָס גאַנצע לעבן גע־טראָגן טיף ביי זיך אין האַרצן, האָט ער זיך פאַר קיינעם ניט געקלאָגט. זאָ־גנדיק תהלים אויף אויסנווייניק און מיט גרויס כוונה, האָט ער געבעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף זיין פאָלק ישראל און איינשטילן דעם צאָרן. און ווען דער פאַרשטערטער שבת איז אַוועק און דער גוי׳אישער סטאָ־ראָזש איז ווידער אַריינגעקומען מיט אַ לאָמטערן אין דער האַנט, האָט דער פרומער איד געמאַכט הבדלה. פונקט ווי קיין כח אין דער וועלט וואָלט ניט געקענט איבעררייסן דעם שטייגער פון זיין לעבן, איז ער זיך געגאַנגען זיין וועג ווייטער מיט די מצוות, וואָס ער האָט אָפּגעהיט. און נאָך ביז היינ־טיקן טאָג קען איך ניט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ פרומער כוונה ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, וואָס האָבן געשטאַרקט דעם געמיט פון אַלע אַנ־דערע אידן אין דעם גרויסן קעלער:

„הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד".

פאַר וועמען דאַרף מען דאָ מורא האָבן?... ער, דער פרומער איד, וואָס האָט בטחון, דאַרף פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן און ער האָט ניט פאַר וואָס זיך צו שרעקן, ווייל ער גלויבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ווי אַלע מאָל וועט גאָט ווידער קומען צו הילף און דאַן וועט קומען אַ ישועה אויפן גאַנצן פאָלק ישראל... ער איז זיכער אין דעם... ער ווייסט, אַז אידן האָבן שוין ניט איין מאָל גאָר גרויסע צרות און אומגליקן אַריבערגעטראָגן... אין אַלע צייטן און אין אַלע דורות זיינען אויפגעשטאַנען בייזע שונאים, וואָס האָבן געוואָלט פאַרטיליקן און פאַרלענדן דאָס אידישע פאָלק... אָבער ס׳האָט זיך שטענדיק אויסגעלאָזט אַזוי, אַז ס׳איז דאָך געקומען אַ ישועה און אידן

זיינען אַלץ געבליבן אידן און — מ'האָט ווייטער געמאַכט הבדלה און מ'האָט ווידער געזאָגט:

„הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד, כי עזי וזמרת יה ה' ויהי־לי לישועה. ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה".

עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן!...

מ'דאַרף זיך פאַר קיינעם ניט שרעקן!...

## י. י. זינגער

# פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער

אויב די באָבע איז געווען אַ גאַנצע וואָך פאַרנומען אין קיך מיט איר היפש הויזגעזינד און מיט גאַנץ קהל, איז זי נאָך מער באַשעפטיקט געווען ערב שבתים און ימים טובים.

ערב שבת האָט זיך ביי דער באָבען נישט אָנגעהויבן פרייטיק, נאָר מיט אַ טאָג פריער, דאָנערשטיק נאָכמיטאָג. גלייך נאָך וואַרעמס, האָט עטל נעכע, די אייביקע דינסט, אַריינגעשלעפּט אין קיך די צוויי זעק מעל, וואָס זיינען תמיד געשטאַנען גרייט אין הויז, און איינגעשאָטן צוויי גרויסע מולטערס מיט מעל, איינע אויף באַקן חלות און קיכלעך און די צווייטע אויף באַקן ברויט אויף אַ גאַנצער וואָך. די באָבע האָט גענומען דאָס מעל אין דער האַנט, געריבן עס צווישן די פינגער, געשמעקט דערצו, פאַרזוכט עס, און געהאַט די שטענדיקע טענה, אַז דער מעל־הענדלער נאַרט זי, אַז דאָס מעל זיינס איז נישט אַזוי שיין און זיס און גוט, ווי מעל פלעגט אַמאָל זיין. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָט זי אָפּגעשאַצט דאָס מעל אין די מולטערס, געקומען צום באַשלוס, אַז מען נוצט צופיל מעל אַ וואָך אויס, כדי איינצושפּאָרן אין דער הוצאה, האָט זי אָנגענומען אַ האַנט מעל און אַריינ־געשיט עס צוריק אין זאַק אריין מיט אַזאַ ענערגיע, ווי זי וואָלט דערמיט איינגעשפּאָרט אַ פאַרמעגן. דערנאָך האָט זי צוריק אַרויסגענומען אַ האַלבע האַנט מעל פון זאַק, צוריקגעשאָטן עס אין דער מולטער אַריין און אַ זאָג געטאָן:

— נו, מילא, מוחל, נו, זאָל זיין לכבוד שבת...

עטל נעכע האָט פאַרקאַשערט די אַרבל און גענומען גיסן וואַסער אין מעל אַריין. די באָבע האָט איר געהאָלפן ראָשטשינען און תפילה זאָגן, אַז דאָס געבעקס זאָל געראָטן.

אַ גאַנצן דאָנערשטיק ביינאַכט איז די קיך געווען פול מיט טייג, ריחות פון הייוון. דער באַק־אויוון האָט געפלאַקערט. עטל נעכע האָט געאַרבעט מעשים מיט די קאַטשערעס און לאָפּעטעס. די באָבע האָט איר צוגעהאָלפן.

עס איז גאָרנישט געווען קיין שיעור צו די פּילע ברויטן, חלות, פּלעצלעך, מאָן־קיכלעך, קאָמיס־ברויטלעך, אייער־קיכלעך און אַלערליי אַנדערע געבעקסן וואָס מען האָט אָנגעבאַקן אין דער באָבעס שטוב. די באָבע פּלעגט גיין שלאָפן אין מיטן דער נאַכט. פֿאַרטאָג איז זי שוין פֿונדעסטוועגן אויפֿגעשטאַנען, געגאַנגען אין ווייבער־שול דאַווענען, און צוריקקומענדיק, האָט זי גענומען צוגרייטן די פֿרייטיקדיקע סעודה פֿון געדישעכץ און הייסע בילקעס. אָט דאָס מאכל איז אָפּגעהיטן געוואָרן יעדן פֿרייטיק ווי אַ געזעץ. און עס איז געווען אַ קלוג געזעץ. וואָרים סאַי דאָס איינגעדעמפּטע פֿלייש און סאַי די פֿרישע בילקעס זיינען געווען טעם גן־עדן. אוודאי האָב איך אויך געוואָלט אַ שטיקל פֿון „וויסקראַבעק" — אַ בילקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פֿון לעצטן טייג, וואָס מען קראַצט אויס פֿון דער מולטער, און וואָס האָט אין מיינע אויגן געהאַט דעם זיבעטן חן. אָבער די באָבע האָט מיר דעם „וויסקראַבעק" נישט געוואָלט געבן, ווייל ער האָט געהערט צו חיים וואַסערטרעגער, וואָס פּלעגט יעדן טאָג אין דער וואָך אָנפֿילן מיט וואַסער דאָס גרויסע פֿאַס אין פֿאָדער־הויז. אָט דער חיים וואַסערטרעגער איז געווען אַ איד אַ תם, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט געטראָגן וואַסער פֿאַר באַלעבאַטעס, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט וויפֿיל עמערס וואַסער ער האָט געטראָגן און וויפֿיל עס קומט אים פֿאַר דער וואָך.

— חיים, וויפֿיל פֿעסער וואַסער האָסטו אָנגעגאָסן די וואָך? — האָט די באָבע אים געפֿרעגט, געבנדיק אים אַ מתנה דעם „וויסקראַבעק".

— כ'ווייס ניט, רביצין, — האָט דער איד געזאָגט, באַהאַלטנדיק די בילקע אין בוזעם.

די באָבע האָט געפֿרעגט ביי דעם וואַסערטרעגערס ווייב, אָבער זי, אַ נישט־גרעסערע חכמה פֿון איר מאַן, האָט אויך נישט געוואוסט.

די באָבע האָט גע'מוסר'ט דער חיים'עכע:

— סטייטשט, ווי גיט דאָס נישט אַ ווייב אַכטונג אויף איר מאַנס פֿאַרדינסט? מען קען דאָך אים אָפּנאַרן!

— וואָסי, זיינע פֿלייצעס קאָסטן מיך דען געלט, — האָט די אידענע געענטפֿערט מיט אַ נאַריש געלעכטער. — אַלצאיינס טראָגט ער, זאָל ער שוין אָנטראָגן נאָך אַ פּאָר פֿעסער...

כאָטש איך האָב דעם תמ'עוואַטן איד ליב געהאַט פֿאַר זיין אייביקן שמייכלען, האָב איך אים אָבער נישט געקענט מוחל זיין דאָס, וואָס ער האָט ביי מיר צוגערויבט דעם „וויסקראַבעק" יעדן פֿרייטיק. אַ באַלוינונג דערפֿאַר זיינען געווען די קאָמיס־ברויטלעך, וואָס די באָבע האָט מיר געגעבן פֿאַר אַ צובייס נאָכן געדישעכץ. גלייך נאָכן געשמאַקן אָנבייסן, האָט די באָבע גענומען רוימען די שטוב לכבוד שבת. קודם־כל איז געווען אַ וועלט

מיט זילבער אין דער באָבעס אַלמער, זילבערנע לייכטער און גאָפל און לעפל און זאַלצמעסטלעך און בשמים־ביקסלעך. דאָס אַלץ איז געשייערט און גע־פוצט געוואָרן. עטל נעכע האָט געוואָשן די טישן און בענק, געפּוצט, גערייניקט. יעדעס מאָל אויפסניי האָט מען געמוזט פירן מלחמה מיט דער קאַץ וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו זיצן אויף אַ שטול לעבן זיידנס כסא־רבנות אין בית דין שטוב. די קאַץ האָט ביי קיין שום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיידנס שטוב. די באָבע האָט געוואָלט האַלטן די קאַץ אין קיך, ווייל, ערשטנס, האָט זי זי געוואָלט האָבן פאַר אַ שומר פאַר די מייז; צווייטנס, דאַרף אַ קאַץ בכלל נישט זיין אין קיין בית־דין שטוב, נאָר אין אַ קיך. אָבער די קאַץ האָט ביי קיין פאַל נישט געוואָלט פאַרלאָזן די בית־דין שטוב. אַ מאָדנע קאַץ געווען. דאַכט זיך, אַז די קיך האָט איר געדאַרפט בעסער שמעקן, וואָרים דאָרט איז געווען אַן אייביקע מחיה פון הינערשע קישקעלעך, פון פלייש און מילך און פעטס און אַלערליי אַנדערע גוטע זאַכן. אין דער בית־דין שטוב איז געווען בלויז ספרים און תורה און דין־תורות, אַלץ זאַכן, אין וועלכע אַ קאַץ דאַרף, לויטן שכל הישר, קיין גרויס אינטערעס נישט האָבן. אָבער זי האָט ביי קיין פאַל נישט געוואָלט אַריינשמעקן אין דער קיך, נאָר געזעסן לעבן זיידן, געדרימלט אויף אַ שטול און צוגעהערט זיך צו תורה און אידישקייט.

— נישט אַנדערש, נאָר אין דער קאַץ איז אַ גלגול אַריין, — האָט די באָבע גע'טענה'ט און מיטן עלנבויגן געטריבן די איינגעשפּאַרטע קאַץ פון דער שטול, וועלכע מען האָט געדאַרפט אָפּוואַשן לכבוד שבת.

די באָבע האָט נאָך געהאַט אַ באַזונדערן ווידערגעפיל צו דער קאַץ, ווייל דער זיידע האָט מער צערטלעכקייט אַרויסגעוויזן דער קאַץ, ווי איר, זיין ווייב, להבדיל. דער זיידע האָט די קאַץ, אמת, נישט אַנגערירט, ווייל עס איז נישט אַ גלייכע זאַך פאַר אַ איד אַנצורירן אַ באַשעפעניש אָבער ער האָט זי געלאָזט זיצן לעבן זיין שטול און נישט געלאָזט קיינעם אָוועקטרייבן זי. דאַגעגן האָט די באָבע קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה צו זיצן לעבן זיידנס טיש, אַ חוץ איין מאָל אַ יאָר, ביים סדר. אין די איבעריקע טעג פון יאָר, נישט אין דער וואָכן, נישט אפילו אום שבת און יום־טוב, פלעגט די באָבע זיצן ביי דער סעודה צוזאַמען מיטן זיידן. בלויז צו קידוש פלעגט זי אַריינקומען אין זיידנס שטוב, צוזאַמען מיט די טעכטער און אייניקלעך.

איך האָב די שבתים און ערב שבתים אין בילגאָריי זייער ליב געהאַט. אין אַט דער פרומער אַלט־אידישער שטאָט האָט זיך דער הייליקער טאָג גע־פילט פון פרייטיק פרי אָן. אויפן מאַרק האָבן מאַרק־זיצערקעס פריילעך אויסגערופן זייערע פיש, גרינסן און פרוכט. דער בעדער האָט געפּויקט, אַ סימן, אַז אידן זאָלן זיך צואיילן מיט גיין אין מרחץ אַריין. די באַלעבאַטים פלעגן פאַרבייגיין דעם זיידנס הויז, יעדער מיט זיין פעקל וועש. אָרעמע

אידן פלעגן גליַיך פון שוויץ־באָד פאַרהאַלטן זיך לעבן יחיאל לערערס קרעמל און אויסשמירן זיך די שטיוול מיט טראָן לכבוד שבת. פון אָט דעם טראָן פלעגן די כאַליעוועס ווערן בלוי. ווייבער און מיידלעך האָבן זיך געאײַלט, געיאָגט מיטן אַריינפירן דעם שבת אין הויז. אַ שטיק פאַר ליכט־צינדן האָט שוין דער שמש זיך באַוויזן מיט זיין הילצערנעם האַמער, מיט וועלכן ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אידישע הייזער, רופנדיק מיט אַ ניגון:

— אידן, צייט באַלד ליכט צו צינדן...

אָט דער האַמער פלעגט אָנוואַרפן אַ מורא אויף באַלעבאַטעס.

פריער ווי אין אַלע אַנדערע הייזער איז דער שבת אַריינגעפירט געוואָרן אין זיידנס הויז. די באָבע האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ זיידן קלייד, וואָס האָט שימערירט מיט אַלע קאָלירן. אָט איז עס געווען געל, באַלד גרין, באַלד בלוי, באַלד ווידער געל און אַזוי ווייטער און ווייטער. זי האָט אויך אויסגע־טאָן דאָס וואָכעדיקע טיכל און אָנגעטאָן אַן אַטלאַסענע קאָפּקע, וואָס איז גע־ווען באַדעקט מיט אַ גאַנצן גאָרטן פון קאַרשן, וויינפּערלעך, ווייַנטרויבן און אַלערליי אַנדערע פירות, פאַרפּוצט מיט קאָלירטע סטענגעלעך און שלייַ־פעלעך. פון אירע אויערן האָבן זיך געבאַמבלט לאַנגע אוירינגלעך, אויסגעזעצטע מיט דימאַנטן. זי האָט אויך אָנגעטאָן אויפן האַלדז עטלעכע שנירלעך פּערל, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען ווערט אַ פאַרמעגן, אַחוץ אַלערליי שפּילקעס און בראַסלעטן און אַנדערע צירונג, וואָס זי האָט געהאַט פון איר חתונה. זי האָט אָנגעשטעלט אַ סך זילבערנע לייכטער מיט ליכט, וועלכע זי האָט געבענטשט מיט אַן אַ שיעור ברכות און תחינות.

דער זיידע איז צוריקגעקומען פון מרחץ אַ פאַררויטלטער, אַן אויסגע־צוואַגענער, מיט פּיאות, וואָס זיינען געווען טאָפּלט לאַנג פון וואַסער. זיין ווייס העמד האָט געהאַט ברייטע אַרבל און דער ברייטער קאָלנער האָט זיך נישט פאַרקנעפּלט, נאָר געווען פאַרבונדן מיט בענדלעך. זיינע זאָקן ביז די קני זיינען געווען אַזוי ווייס, ווי דאָס העמד, באַזונדערס ווייס אַרום דער שוואַרצקייט פון דער שבת'דיקער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און שטריימל.

— שבת, שבת! — האָט ער געהאַלטן אין איין צו־יאָגן אין שטוב און געאײַלט זיך אין שול אַריין.

די אַלטע שול, אונטערגעהאַלטן מיט זיילן, באַהאַנגען מיט מעשענע הענג־לייכטער און הענגלייכטער(?)

די אַלטע שול, אונטערגעהאַלטן מיט זיילן, באַהאַנגען מיט מעשענע הענג־לייכטער און העסעס, איז געווען העל פון די פיל ליכט. אַרום די אָפענע פענצטער אין דער הייך האָבן פייגעלעך געפלאַטערט און געזונגען. די צוועלף אויסגעמאָלטע מזלות, מיט אַ בלימל אַנשטאָט אַ מיידל אויף מזל־בתולה, האָבן פייערלעך אַראָפּגעקוקט פון די ווענט, ווי די לייבן פון איבער דעם ארון־קודש. קאָפּל חזן, אַ צוואַקסענער איד, וואָס אַ גאַנצע וואָך האָט ער געמאַכט שטריק, האָט, צוזאַמען מיט זיינע בחורים די משוררים, הויך מקבל שבת געווען. יעדער וואָרט זיינס האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ סך

ווידער־קולות אין די ווענט פון דער אַלטער שול. דער געפּאַקטער עולם האָט אונטערגעכאַפּט זיינע ווערטער מיט אַ ראַשיקייט פון ביימער אין וואַלד בעת אַ שטורעם. איך ווייס נישט ווי ווייט מנגן עס איז געווען דער צעוואָקסענער איד ר׳ קאַפּל, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך געמאַכט שטריק, אָבער איך געדענק נאָך ביז היינט דאָס זיסע ווידער־קול פון זיין „לכו־נרננה״.

„ארבעים שנה אָקוט בדור ואומר עם תועי לבב הם והם לא ידעו דרכי״, האָט פייערלעך געדאַוונט ר׳ קאַפּל, און אַלע יידן, אויסגעוואַשענע, אויסגעצוואָגענע, צעפּלאַמטע פון שבת, האָבן אונטערגעכאַפּט דעם „שירו לאדני שיר חדש״ מיט אַזאַ ברען, אַז די ווענט און די זיילן און די מעשענע הענג־לייכטער און די אויסגעמאָלענע מזלות און די לייבן אויפן ארון־קודש האָבן געציטערט פון גערויש. העכער פון אַלע האָט געדאַוונט מיין זיידע. כאָטש אַ מתנגד און אַ שווייגער, איז דער איד אַריין אין אַ געוואַלדיקער התלה־בות ביים דאַווענען, באַזונדערס פרייטיק־צו־נאַכטס. ער האָט געדאַוונט מיט ברען און מיט הנאה, ווי אַ שטיק געזונט וואָלט אים צוגעקומען פון די תפילות, פון דער שול, פון דער פרומער עדה דאַווענדיקע אידן, ווענמענס פאַסטעך ער איז געווען. די שול־באַלעבאַטים, מערסטע אָרעמע אידן, באַלמעלאָכעס, ווייל די נגידים און חסידים האָבן מערסטנס געדאַוונט אין זייערע חסידים־שטיבלעך, האָבן געקוקט מיט שטאָלץ אויף זייער רב, וואָס גייט קיינמאָל נישט דאַווענען ערגעץ אַנדערש, נאָר דאַוונט נוסח אשכנז אין שול, אין זייער שול, און זיך נאָך פרימער צעלאָזט אין זייערע פרייטיק־צו־נאַכטיקע תפילות, לויבנדיק גאָט פאַר דעם הייליקן טאָג שבת, מיט וועלכן ער האָט מזכה געווען זיין פאָלק ישראל. נאָכן דאַווענען האָט קאַפּל חזן געמאַכט קידוש אויפן באַלעמער פאַר גאַנץ קהל און שמואל שמש האָט געגעבן די אינגלעך צו טרינקען וויין פון גרויסן זילבערנעם קידוש־בעכער. די אינגלעך האָבן זיך שיר נישט צעריסן ביים כאַפּן אַביסל וויין פון קידוש. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען ביים זיידנס שמש דער ערשטער צו פאַרזוכן פון בעכער. נאָכדעם איז דער זיידע דורכגעגאַנגען די שול און אַלע יידן האָבן אים מיט שמחה אַנטקעגנגעטראָגן דעם גוט־שבת.

אין בית־דין שטוב איז שוין דער טיש געווען געגרייט. די פיל ליכט אין די זילבערנע לייכטער האָבן געפינקלט. דער בליק־לאָמפּ האָט העל באַלויכטן די געלע בלעטער אויף די אויסטאַפּעצירטע ווענט. דער וויין אין דעם גלעזערנעם קאַראַפין, די טישטעכלעך אויף די חלות, די זילבערנע לעפל און מעסערס, די בעכערס און בעכערלעך, אַלץ האָט געפינקלט אין די שבת׳דיקע ליכט. פינקלענדיקער פון אַלץ זיינען געווען דער באָבעס אויערינגלעך און שפּילקעס און פערל און אַלע אַנדערע צירונג, וואָס האָבן געבליצט מיט אַלע פייערן און קאָלירן. דער זיידע האָט געמאַכט קידוש און געגעבן צו טרינקען פון בעכער דער באָבען און אַלע איבעריקע ווייבער פון

שטוב, ביז עטל נעכע דער דינסט. דערנאָך האָב איך אים צוגעטראָגן די שווערע קופערנע שעפ צו וואַשן די הענט. פאַר דער צייט צווישן קידוש און מאַכן „המוציא", האָט די באָבע דורכגעפירט אַ שטילע פּאַנטאָמינע. קוקנ־דיק אויף די געפלאָכטענע קוילעטשן, האָט זי געוואונקען צו די ווייבער אַרום און מיט אַלע איברים אַרויסגעוויזן איר שמחה, ווען די חלות זיינען געראָטן, און איר צער, ווען די חלות זיינען נישט געראָטן. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען דער באָבעס עגמת־נפש איבער די נישט־געראָטענע חלות. פאַר־קערט, איך האָב גאָר געפילט אַ באַזונדערן טעם אין שווערע נישט־געראָטענע חלות. אָבער די באָבע האָט זיך דערפון שטאַרק דאָס האַרץ אָפּגעגעסן. צום גליק, האָט דאָס געטראָפן זעלטן, און די באָבע האָט געקוואָלן פון די גע־ראָטענע קוילעטשן. ווי נאָר דער זיידע האָט געמאַכט די ברכה איבער דעם גרויסן קוילעטש און איינגעטיילט „מוציא'ס" דער באָבען און די איבעריקע ווייבער ביז עטל נעכען דער דינסט, — אַזוי האָבן אַלע ווייבער געמוזט פאַר־לאָזן דעם זיידנס שטוב און אַריינגיין עסן אין קיך. זיי האָבן בלויז אַריינגע־טראָגן עסן פאַרן זיידן, מיר, מיין געשוועסטערקינד עליע און פאַר די איבע־ריקע אורחים, וואָס דער זיידע פלעגט כמעט תמיד האָבן ביי זיין טיש. אַט טאַקע צוליב די אורחים האָבן די ווייבער נישט געטאָרט זיצן ביים טיש. דער זיידע האָט שטאַרק אָפּגעהיט, אַז פרעמדע מאַנסבילן זאָלן זיך נישט געפינען ביי איין טיש צוזאַמען מיט פרעמדע ווייבער. די באָבע איז געווען אויסער זיך פון פאַרדרוס, וואָס צוליב בעטלער דאַרף זי און אירע טעכטער און איינינקלעך עסן אין קיך, ווי אַ דינסט. עס האָט איר שוין נישט אַזוי פאַרדראָסן ווען דער זיידע האָט געהאַט בכבוד'יקע אורחים, ווי אַ מחבר, אַ ישיבה־בחור, אַ מגיד אָדער אַ ירושלמי, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז צוליב אַזעלכע לייט מעגן נקבות אַוועקגיין פון טיש. פול מיט פאַרדרוס איז זי געווען, ווען זי האָט געמוזט אַוועקגיין פון טיש צוליב פראָסטע קבצנים, הייזער־גייער, וואָס דער זיידע פלעגט אָפט מיטברענגען פון שול.

דער זיידע האָט געהאַט אַ טבע אויסצוזוכן די געמיינסטע צווישן די בעטלער, די ערגסטע פאַרזעעניש און קאַליקעס, וואָס קיין באַלעבאָס האָט נישט געהאַט קיין חשק אַהיים צו נעמען, כדי נישט צו פאַרשטערן ווייב און קינדער דעם שבת. די באָבע האָט נישט געקענט קוקן ווי אַט די שמוציקע צעקאַלטנטע הייזער־גייער זעצן זיך אַוועק ביים קלאָרן טישטעך, נוצן די זילבערנע לעפל און מעסער, טרינקען פון די זילבערנע בעכערלעך.

— כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, — האָט זי געמורמלט אין קיך, — דאָס גאַנצע הקדש האָב איך אין שטוב...

דער זיידע האָט נישט געלאָזט פאַלן קיין קרום וואָרט אויף די קבצנים זיינע.

— עסט, אידן, — האָט ער זיי אונטערגעגעבן חשק, — לאָזט זיך נישט בעטן.

די קבצנים האָבן אפילו נישט אין זינען געהאַט זיך צו לאָזן בעטן. זיי האָבן געריבן מיט אַזאַ בהלה, ווי אויסגעהונגערטע פערד ביי אַ קאַרעטע מיט האָבער. זיי האָבן געפּאַטשט מיט די ליפּן, געריבן מיט די ציין, גע־כליעפּטשעט ביים טרינקען. אין אַלץ האָבן זיי געטונקען די מוציא׳ס חלה: אין דער פיש־יויך, אין דער הינער־יויך, אין ווייַן, אין כריין, אין דער פלוי־מען־יויך. זיי האָבן אָפּגערוימט אַלע קוילעטשן פון טיש, אויסגעגייגט די טעלערס, אויפגעשאַרט די ברעקלעך פון טישטעך און פון די אייגענע בערד. מיר פלעגט שלאָגן צו דער גאַל פון זייערע שמוציקע הענט, מיט וועלכע זיי האָבן אָנגענומען די קוילעטשן, פון זייערע רויטע אויגן און שמאַטענע מלבושים און פאַרשימלטע ריחות. עס פלעגן מיר נישט באַקומען דער באַבעס געשמאַקע פיש, יויכן און הינער און צימעסן. איבערהויפּט פלעגט מיר פאַרגיין דער אַפּעטיט, ווען טייל פון די אורחים פלעגן נישט נוצן די מעסערס פון טיש, נאָר זייערע אייגענע בעטלערישע קנייפּערלעך, שמוציקע און פאַרראָסטעטע, מיט וועלכע זיי האָבן געריסן שטיקער פון די קוילעטשן. אָבער דערפאַר איז מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט פון זייערע וויסטע העזיות און ברומערייען און רייד און מעשות, וואָס זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו דערציילן זיך איינער דעם אַנדערן. די פאַנטאַסטישע מעשות און פאַסירונגען האָבן זיי געהאַט צו דערציילן, מעשות פון וועגן, שטעט, באַלעבאַטים און באַ־לעבאַסטעס. מערסטנס האָבן זיי גערעדט וועגן די גוטע און שלעכטע שבתים, וואָס זיי האָבן אין די שטעט, אין וועלכע זיי גייען דורך אין פאַרלויף פון יאָר פון זייערע בעטלערישע מאַרשרוטן.

— תזריע־מצורע אין טורבין האָב איך אַ פעטן, — פלעגט איין בעט־לער באַרימען זיך פאַרן אַנדערן, — מ׳גיט מיר דאָרט פיש און פלייש און פּעטשאַ און ציבעלעס מיט שמאַלץ און אפילו מלוה־מלכה גיט מען מיר, באַרשט מיט קאַרטאָפליעס... כ׳על דיר מיין תזריע־מצורע פאַר קיין צוויי גילדן נישט אָוועקגעבן.

— מיין בחוקותי אין איזשביצע זאָל אַ פייער נעמען, — פלעגט אַ צווייטער בעטלער זיך קלאָגן. — חלה גיט מען בלויז צו דער מוציא, דער־נאָך מוז מען עסן ברויט... קיין שלוש־סעודות גיט מען אינגאַנצן נישט, אַ בראָך זיי אין די געדערעם...

דער זיידע האָט נישט געקענט הערן די וויסטע רייד און קללות ביים שבת׳דיקן טיש, אָבער נישט וועלנדיק פאַרשעמען די בעטלערס, האָט ער זיי געגעבן אָנצוהערעניִשן, אַז זיי זאָלן אויפהערן.

— עסט, אידן, עסט, — האָט ער זיי געמונטערט, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך אָנשטויסן, אַז זיי דאַרפן בלויז עסן און נישט רעדן.

אָבער די בעטלערס האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און געטאָן בײדע זאַכן מיטאַמאָל, געקײט און גערעדט.

די באָבע האָט יעדעס מאָל, וואָס זי האָט אַרײַנגעטראָגן נײַע מאכלים, געכאַפּט אַ בליק אויף דעם זילבער אויפן טיש, נישט זײַענדיק זיכער צי די הײזער־גײער וועלן נישט עפּעס אַראָפּלאָזן אין קעשענע אַרײַן.

איך האָב אָנגעקוואָלן פון אַט די בעטלערישע מעשיות און געשיכטן און די מסחרים, וואָס זײ האָבן געפירט אום שבת. אין הײליקן טאָג האָבן זײ געפירט אַן אויסטויש, גע׳מסחר׳ט מיט צוקער, וואָס זײ פלעגן קריגן פון קאַרגע באַלעבאָסטעס, אָנשטאָט גראָשנס; פאַרקויפט זיך שמאַטעס, אַ פּאָר אַלטע כאַליעוועס און נאָך אַזעלכע אַנטיקן. דער זײדע האָט זײ געשטראָפט:

— אידן, נו־אַ, שבת!

אָבער זײ האָבן נישט געהערט און אָנגעהאַלטן זײערע בעטלערישע מסחרים. זײ האָבן אויך נישט געוואָלט אָנטרויען דעם זײדן די פּעק מיט גראָשנס, וואָס זײ האָבן געטראָגן מיט זיך אום שבת. דעם זײדן איז עס געגאַנגען אין לעבן, אַז די קבצנים זאָלן אים געבן צו באַהאַלטן זײערע געלטער איבער שבת, כדי זײ זאָלן נישט טראָגן מיט זיך קײן געלט אין הײליקן טאָג.

— אידן, איך בין, ברוך־השם, אַ בטוח, — פלעגט ער זײ פאַרזיכערן.

— די גאַנצע שטאָט האַלט בײַ מיר געלט, צירונג...

דאָס איז קײן באַרימערײַ נישט געווען. די גאַנצע שטאָט האָט אײַנגע־לײגט בײַם זײדן אין הויז שלוש־געלטער בײַ דין־תורות, צירונג פון כלות. דאָס אַלץ איז געלעגן אין אַ גרויסן קופערט, אַ געשמידטן מיט אײַזן, אַ געדעקטן מיט פעל און אַ פאַרשלאָסענעם אויף זיבן שלעסער. דער קופערט איז געשטאַנען אין זײדנס שלאָף־שטוב, אַזוי אַז ער זאָל זײַן זיכער קעגן אַ גנבה. דער זײדע האָט מבטיח געווען די בעטלערס, אַז אויך זײ מעגן אים אָנטרויען זײערע טאָרבעלעך מיט גראָשנס און פּרוטות ביז איבער שבת. אָבער די בעטלערס האָבן נישט געוואָלט הערן דערפון.

— מיר האָבן גאָרנישט, רבי, — האָבן זײ געזאָגט פינצטערע, פאַר־דעכטיקנדיקע, — מיר זאָלן אַזוי לעבן, רבי...

— נו, נו, נישט שווערן, — האָט דער זײדע זײ געבעטן. — אידן טאָרן נישט שווערן... עסט, עסט, אידן...

די אידן האָבן געפאָלגט. מער ווי פרײַטיק־צו־נאַכטס האָבן זײ גע־אַרבעט מעשים בײַם טיש שבת אינדערפרי ווען מען האָט דערלאַנגט דעם הײסן פּעטשאַ, באַגלײט מיט חלה און צושלאָגענע געלעכלעך פון אײער, די ציבעלע מיט שמאַלץ, די פיש, די קאַשע מיט יויך, קוגל און קישקע און צימעס און אַלערלײ אַנדערע מטעמים. די בעטלערישע בערד האָבן געגלאַנצט פון פעטס. די פרומע קאָץ, וואָס האָט זיך צוגעהערט צום זײדנס זמירות,

האָט אַלעמאָל אויפגעעפנט אָן אויג, אַ וויסטן בליק געטאָן אויף די רוישיקע קבצנים, און ווידער איינגעטוליעט זיך אין איר געזעס לעבן זיידנס פּאַטער־שטול.

## ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

# דער טאָג שבת

דאָס איז געווען גאָר אין אָנהייב, ווען די וועלט איז נאָר וואָס באַשאַפן געוואָרן. זייַנען זיך צונויפגעקומען די טעג און זיי האָבן זיך גענומען קריגן צווישן זיך: ווער פון זיי איז דער וויכטיקסטער טאָג, ווער פון זיי איז גרעסער? האָט געזאָגט דער ערשטער טאָג:

— איך בין גרעסער און וויכטיקער פון אייך אַלעמען, ווייל מיט מיר צוזאַמען, מיטן ערשטן טאָג, איז באַשאַפן געוואָרן טאָג און נאַכט. מיט מיר איז באַשאַפן געוואָרן די ערשטע ליכטיקייט און די פינצטערניש האָט זיך אָפּ־געטיילט. ווען ניט איך, וואָלט נאָך אַלץ געווען וויסט. איך, דער ערשטער טאָג.

האָט דער צווייטער טאָג געזאָגט:

— ניין. איך בין דער וויכטיקסטער טאָג אין דער באַשאַפונג פון דער וועלט. וואָרים מיט מיר, מיטן צווייטן טאָג, איז אויסגעשפּרייט געוואָרן דער וואונדערלעכער, בלויער הימל. אָן מיר, אָן דעם הימל, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט די וועלט געהאַט? ערשט ווען ס'איז באַשאַפן געוואָרן דער הימל האָט מען געקענט זען דעם אונטערשייד צווישן טאָג און צווישן נאַכט. איך, דער צווײ־טער טאָג.

האָט זיך אָפּגערופן דער דריטער טאָג:

— און וואו בין איך? מיטן דריטן טאָג איז געוואָרן די טריקעניש, די ערד. און אויף דער ערד האָבן צום דריטן טאָג גענומען וואַקסן אַלערליי גע־וויקסן. די ערד האָט גענומען אַרויסגעבן גראָז און ביימער. אַלץ האָט גענומען גרינען, אַלץ האָט גענומען בליען. איך גאָר בין דעריבער דער וויכטיקסטער טאָג. איך, דער דריטער טאָג.

האָט געזאָגט דער פערטער טאָג:

— וואָס גרייסט איר זיך אַלע אַזוי שטאַרק? איך בין וויכטיקער פון אייך אַלעמען. וואָרעם מיט מיר, אין דעם פערטן טאָג, האָט פון דער הייך גענומען אַראָפּקוקן די ליכטיקע זון בייטאָג. און די שיינע לבנה ביינאַכט. און דער הימל איז פול געוואָרן מיט שטערן. וואָס וואָלט די ערד געטאָן אָן זון? און ווי פינצטער וואָלט געווען די נאַכט אָן אַ לבנה? איך בין דער גרעסטער טאָג. איך, דער פערטער טאָג.

האָט זיך אַרייַנגעמישט אין קריג דער פינפטער טאָג און געזאָגט:

— איך בין גאָר דער וויכטיקסטער טאָג. מיט מיר, מיט דעם פינפטן טאָג, זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע פייגל, און אַלע מינים פיש. מיינע פייגל טראָגן זיך אונטערן פרייען הימל, איבער דער גאַנצער ערד. מיינע פייגל זינגען און מאַכן פול די גאַנצע וועלט מיט געזאַנג; מיינע פיש פילן אָן די ים׳ען. איך נאָר בין דער גרעסטער טאָג. איך דער פינפטער טאָג.

האָט זיך אָפּגערופן דער זעקסטער טאָג און געזאָגט:

— דער וויכטיקסטער טאָג — דאָס בין איך. מיין שכן, דער פינפטער טאָג, גרייסט זיך מיט זיינע פייגל און מיט זיינע פיש. אָבער מיט מיר, מיט דעם זעקסטן טאָג, זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע שטאַרקע חיות, אַלע בהמות. און דערנאָך איז מיט מיר, אין דעם זעקסטן טאָג, באַשאַפן געוואָרן דער מענטש, די קרוין פון דער וועלט, דער מענטש וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. איך בין דער גרעסטער טאָג. איך, דער זעקסטער טאָג.

און ווי די ניי־באַשאַפענע טעג האָבן זיך אַזוי געקריגט, האָט זיך איבער זיי פון הימל אַראָפּגעלאָזט אַ נייער טאָג, דער לעצטער טאָג, דער זיבעטער.

און ווער ביסטו? — האָבן די טעג ביי אים געפרעגט.

— איך בין שבת.

— און וואָס טוסטו?

— גאָרניט — האָט שבת געענטפערט.

די טעג האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן פון צו שמייכלען.

— אָבער, זאָג, וואָס איז מיט דיר באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט?

— מיט מיר איז באַשאַפן געוואָרן די רו.

די טעג האָבן זיך איבערגעקוקט, ניט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט, און געשוויגן.

און דער שבת האָט געזאָגט:

— גאָט האָט אַלץ געענדיקט צום זיבעטן טאָג, און ער האָט גערוט אין דעם זיבעטן טאָג פון זיין גאַנצער אַרבעט, וואָס ער האָט געמאַכט. דורך מיר האָט דער באַשאַפער מיט פרייד געקוקט אויף אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן און ער האָט געבענטשט די גאַנצע ערד. איך בין דער הייליקסטער טאָג. איך, דער זיבעטער טאָג.

האָט זיך אָפּגערופן די זון און אַזוי געזאָגט:

— אויב גאָרניט טאָן, דאַן דאַרף איך אויפהערן צו שיינען אויפן זיבעטן טאָג.

האָט געזאָגט שבת אַזוי צו זאָגן:

— דו, זון, מוזסט שיינען אָן אויפהער. ווען די זון זאָל אויף איין טאָג זיך אויסלעשן, דאַן קען חרוב ווערן די וועלט. און גאָטס באַשאַף טאָר ניט חרוב ווערן. די וועלט מוז זיין אייביק. די זון מוז אייביק שיינען.

האָט געזאָגט די ערד:

אויב רו איז אַ גרויסע זאַך, דאַן דאַרף איך אויפהערן אַרויסצוגעבן מיינע שפּראָצונגען אין דעם זיבעטן טאָג.

האָט דער שבת געענטפערט און געזאָגט:

— אויך דו, ערד, מוזסט ניט אויפהערן לעבן, און אָן אויפהער אַרויס־געבן דיין גראָז און אַלע פלאַנצן. די וועלט טאָר ניט חרוב ווערן. גאָטס באַשאַף מוז לעבן אייביק.

— און דו? — האָבן אַלע טעג געפרעגט.

— איך — האָט דער שבת געזאָגט — איך בין די הייליקע רו. רוען דאַרף דער מענטש, וואָס באַאַרבעט די ערד. רוען דאַרף דער שקלאַף און דער קנעכט. רוען דאַרף דער אָקס, וואָס ציט דעם אַקעראייזן. דאָס איז שבת. און אַז דער מענטש וועט רוען און זיך אָפּוואַשן פון שטויב, וועט פאַר אים די זון נאָך ליכטיקער ווערן, און נאָך הייליקער וועט ווערן די גאַנצע וועלט. פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן וועט זיך טראָגן אַ הייליק געזאַנג. דורך מיר וועט אַמאָל אויך קומען די רו פאַר אַלע וואָס ליידן, די רו פאַר אַלעמען אויף דער גרויסער וועלט!

און ווען שבת האָט געענדיקט זיינע רייד, האָט זיך דערהערט אַ קול פון הימל:

— שבת — דער זיבעטער טאָג. אַלע טעג זיינען הייליק, אָבער שבת איז דער הייליקסטער. דער טאָג פון רו!

דאַן האָבן אַלע טעג אַרומגערינגלט דעם שבת, האָבן זיך גענומען פאַר די הענט, און גענומען טאַנצן, און זינגען דאָס געזאַנג פון שבת.

## י. מעצקער

# תנאים

דער שבת׳דיקער ווינטער־טאָג האָט ווי אַ לאַנגער געגעץ זיך אויס־געצויגן ביי דער סרולעכע אין שענק און איז אין דער צוגעפּאַלענער טונקל־קייט ביסלעכווייז פאַרלוירן געוואָרן. די סרולעכע איז דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געזעסן אין אַלקער אויף דער וואַרעמער קיך־פּליטע און מיט אַ פינגער פּאַוואָליע אַרומגעפירט איבער די שורות פון טייטש־חומש.

— „און דינה איז אַרויסגעגאַנגען זען די טעכטער פון דעם לאַנד האָט זי שכם, דער זון פון חמור, דערזען און ער האָט זי גענומען און איז געלעגן מיט איר און האָט זי געפּייניקט״ — האָט זיך איר שלעפעריק קול געטראָגן איבער דער שטילקייט פון שטוב, פּונקט ווי דאָס זשומען פון אַ גרויסער פליג, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין געדיכטן שפּינוועב. די קליינע אותיות זיינען

אַלע מאָל ווי אין אַ געדיכטן נעפּל אַריינגעשוואומען און אַלע מאָל איז איר קאָפּ מיט אַ שווער שנאָרכן אַראָפּגעפאַלן אויף איר הויכן בוזעם.

יעדעס מאָל וואָס זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זי אַראָפּגענומען די ברילן פון איר גראָבער נאָז און זיי אויסגעווישט מיטן פאַרטעך. זי האָט מיטן אויג דורך זיי געקוקט אויף דער פריש געקאַלעכטער סטעליע און זיך אָנגע־הויבן דערמאָנען וואו זי האַלט מיטן לייענען.

נאָכן איבערלייענען די סדרה האָט זי דורך דער אָפענער אַלקער־טיר אַריבערגעקוקט צום שענק־טיש, וואו ס׳זיינען געשטאַנען פלעשלעך, קוואַטיר־לעך און גלעזלעך.

— האַלאַבעץ פון דער מיל אַכט־און־צוואַנציק גראַצער, באַראָן פון הינטערן באַרג אַ האַלבן ראַניש, — האָט זי פאַר זיך איבערגעחזר׳ט דאָס שבת׳דיקע לייזונג אויף באַרג, כדי זי זאָל געדענקען וואָס מען דאַרף נאָך ליכט־אָנצינדן פאַרשרייבן אין בוך. זי האָט געקוקט אויף דעם ריינעם געל־זאַמדיקן דיל, אויף די אָנגעשמאַלצענע טשאַלנט־טעפּ אונטער דער באַנק און געטראַכט פון די מחותנים, וואָס קומען אויף דער פולער וואָך שרייבן תנאים. זי האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט ניט אויף לאַנג אָפּצולייגן די חתונה, כאָטש חנה איז ביי איר אַ בת יחידה און זי איז ערשט זיבעצן יאָר אַלט. און זאָל זי נאָר זען פאַרזאָרגט איר טאָכטער וועט זי אָנהייבן טראַכטן וועגן זיך אַליין. בער דער שדכן איז טאַקע ניט אומגערעכט, מיט דעם וואָס ער טענה׳ט צו איר, אַז עס איז צו פרי ביי עטלעכע־און־פערציק יאָר צו פאַרבלייבן אַן אַלמנה שוין אויפן גאַנצן לעבן.

חנה, אַ הויכע, אַ ברייטע, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און מיט שוואַרצע אויגן, ס׳פּנים אירס קיילעכדיק און באַחנ׳ט מיט גריבעלעך אין די באַקן, האָט יענעם שבת נאָכמיטאָג אַרומגעשפּאַצירט מיט אירער אַ חברטע הינטערן דאָרף ביי דער מיל, און איר דערציילט וועגן חתן, וואָס דאַרף צו איר היינט קומען.

באַקענט האָט זיך חנה מיט איר חתן ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק ווען ער האָט פאַרנדיק פון יאַריד אָפּגעטראָטן ביי זיי אין שטוב נאָך אַ טרונק וואַסער. בשעת׳ן טרינקען האָט ער דעמאָלט אַרויסגעקוקט צו איר פון דער בלאָער קוואַרט מיט איין אויג. ער איז דערנאָך אויף דער צווייטער וואָך ווידער געווען ביי זיי אין דאָרף. ער איז איר דעמאָלט אַנטקעגן געקומען ווען זי איז געגאַנגען פון דער קערניצע מיט אַ קאַן וואַסער און ער האָט זי כלומרשט גענומען אויספרעגן וועגן זייערן אַ שכנס אַ קו, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קויפן. ימים־טובים־צייט האָט ער אונטערגעשיקט צו איר מאַמען בער דעם שדכן.

— ער האָט געלאָזט וויסן דער מאַמען, אַז ער וועט מיך נעמען ווי איך שטיי און גיי. ער האָט געזאָגט דעם שדכן, אַז ער האָט זיך אין מיר איינ־

געליבט אין דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט מיך דערזען, — האָט חנה געלאַכט מיט אַ מויל געזונטע ציין און זיך געטוליעט צו איר חברטע.

— און דו ווי אַ קאַץ פּוטער, — האָט איר חברטע, אַ דריבנע מיידל, מיט ברענענדיקע אייגלעך, זי געטוליעט צו זיך.

— ער איז אַ שיינער, שענער פון דעם לערער, וואָס איז ביי אונדז געווען פאַראַיאָרן ווינטער. ער איז אַ שטאַרקער, אַ ברוינלעכער מיט בלאָנדע האָר אַזעלכע ווי ביי אַנדרעיען — האָט חנה ווי ניט אוממיסטן זיך אַרויס־געכאַפּט מיט דעם פאַרגלייך.

עס איז גוט געווען די צוויי מיידלעך אויף דעם שבת׳דיקן שפּאַציר. דער שניי האָט ווי אַ פּידעלע געשפּילט אונטער זייערע פיס. דער ווייסער דרויסן האָט אַזוי וואונדערלעך געבלענדט פאַר זייערע אויגן און אויסגעזען אַזוי מנוחה׳דיק, אַזוי אַנדערש ווי אין די גרויע וואָכנטעג. עס איז די אויס־געוואַשענע און אויסגעפּוצטע דאָרפישע קינדער געווען אַזוי ליב די רו פון דעם שבת׳דיקן טאָג אויף וועלכן זיי האָבן אַ גאַנצע וואָך געוואַרט און זיי האָבן זיך צעשיידט ערשט ווען די נאַכט האָט ווי אַ בלאָע דעק זיך גענומען אויסשפּרייטן איבער דער ווייסקייט. חנה איז מיט גיכע טריט געגאַנגען אַהיים מיט אַ סטעזשקע איבערן פאַרפרוירענעם טייך. פויערים האָבן דאָרטן ביי אויסגעהאַקטע פּאָלאָנקעס געפּאָיעט פערד און בהמות. הונגעריקע פייגל האָבן פון דער הייך זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אייז. זיי האָבן אַרויסגעפּיקט עט־לעכע איינגעפרוירענע קערנדלעך און אַוועקגעפלויגן. חנה האָט זיי נאָכגע־קוקט ביז זיי זיינען פאַרלוירן געוואָרן אין דער ווייס־בלאָער ווייטקייט. אירע אויגן האָבן דערנאָך אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די ווייסע פעלדער. עס איז פאַרגעקומען, אַז אַ קלאָר פּוכן איבערבעט האָט איינגעדעקט די גאַנצע וועלט און אַז אונטער דעם איבערבעט ציטערט די זעלבע וואַרעמקייט, וואָס ביי איר אין האַרצן.

זי האָט געטראַכט וועגן איר חתן און אין געדאַנק זיך געוואָלט פאַרשטעלן ווי ער וועט היינט ביינאַכט אויסזען. אָבער אַנדרעי האָט זיך אַלע מאָל אַריינ־געפּלאָנטערט אין אירע געדאַנקען און זי צעמישט.

אַנדרעיען האָט חנה געקענט פון קינדוויז אָן. ער איז אָבער ערשט פאַראַיאָרן זומער ווי אַרויסגעוואַקסן פאַר אירע אויגן, מיט זיין ברוינלעך־רויט פּנים, מיט די שיינע בלאָנדע וואָנצעלעך און מיט דער האַרמאָניע אין מויל. זי איז דעמאָלט נאָך קיין פולע זעכצן יאָר ניט אַלט געווען. זי איז אָבער יענעם זומער ווי אין איינע עטלעכע וואָכן אויסגעוואַקסן אַ גרויסע. אַנדרעי איז יעדן טאָג געקומען אין שענק אַריין טרינקען און ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קומט ער יעדן טאָג זען ווי אירע בריסטן וואַקסן, ווי זיי שפּאַרן אַרויס פון דער ענגער בלוזע. זי האָט איינמאָל פאַרגנב׳עטערהייט אויף אים אַ קוק געטאָן.

קוים האָט זי זיך אָבער באַגעגנט מיט זיינע אויגן האָט אַ שטאַרקע היץ איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים און זי איז אַ צעטומלטע אַנטלאָפן אין דער אַנדערער שטוב אַריין. עס האָט זי געצויגן צו דעם שגץ, זי האָט אָבער פאַר אים עפּעס מורא געהאַט און זי האָט אים שטענדיק אויסגעווייכט.

איינמאָל, אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט, איז אַנדרעי פּלוצלינג ווי אויס־געוואַקסן לעבן איר אין גאָרטן.

— איך קוק זיכער אויס ווי אַ שד, וואָס דו האָסט אַזוי מורא פאַר מיר, — האָט ער אַרויסגענומען די האַרמאָניע פון זיין מויל און זיך צו איר צו־געלאָזט. חנה האָט דערפילט אַ שטאַרקע וואַרעמקייט אין פּנים און זי איז געבליבן שטיין, אַ שמייכלענדיקע, אַ הילפלאָזע.

— דו ביסט די שענסטע פון אַלע. זאָל איך שוין פּגר׳ן, טאָמער זאָג איך אַ ליגן, — האָט ער גערעדט צו איר און זי אַריינגענומען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס.

חנה האָט דערפילט זיין אָטעם אויף איר פּנים און אַ הויך, ווי דינער טוי, האָט זיך געלייגט אויף איר שטערן און אויף אירע צעפלאַמטע באַקן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די ערד טרייסלט זיך אונטער אירע פיס, אַז אָט־אָט פאַלט זי אום. פּלוצלינג האָט עפּעס אַ געדאַנק אַ פּיק געטאָן אין איר מוח:

— מלכה, פון שכנישן דאָרף, האָט זיך צוליב אַ שגץ געשמד׳ט און איר מאַמע איז דערנאָך פון ווייטיק און בושה געשטאָרבן. — פון דעם געדאַנק האָט איר גאַנץ לייב אַ ציטער געטאָן. זי האָט באַלד ווי אַ פויגל זיך אַ ריס געטאָן פון אים און אַנטלאָפן. מער איז זי שוין קיינמאָל ניט איבערגעבליבן מיט אים אַליין.

דער שבת איז שוין געווען פון יענער זייט דאָרף ווען חנה איז אַהיימ־געקומען. זי איז אַריין אין שטוב מיט אַ פראָסט, וואָס איז זיך ביי דער טיר צעגאַנגען אין אַ געדיכטער פּאַרע.

— מאַמע, דער הימל איז שוין פול מיט שטערן. מ׳מעג שוין אָנצינדן ליכט, — האָט זי אַריינגערעדט אין דער פינצטער.

— שוין דאָ שטערן זאָגסטו? — האָט די סרולעכע זיך אויפגעכאַפּט פון אירע געדאַנקען און איז אַראָפּ פון דער אייזערנער פּליטע. זי האָט זיך גענומען אַרומשאַרן איבער דער שטוב אין ניט צוגעשנורעוועטע שיך און מיט אַ האַרציקן ווייכן קול אַרויסבאַגלייט דעם שבת פון הויז מיט „גאָט פון אַברהם“.

עס איז באַלד ליכטיק געוואָרן אין שטוב און חנה, אַ פאַרפלאַמטע פון פראָסט, האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט געבראַכט וואַסער, אַריינגעטראָגן עטלעכע ברעם האָלץ, אויסגעמאָלקן די קו און צוגעראַמט די שטוב.

שבת־צו־נאַכטס איז דער שענק תמיד פול געווען מיט גוים. יעדער איינער וואָס איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, צי פון פּאָלוואַרעק, צי פון וואַלד, מיטן וואָכנלוין אין קעשענע איז אַפּגעטראָטן אין שענק נאָך אַ טרונק בראָנפן. די פּאַרובקעס האָבן צוליבן זונטיק אויסגעגלאַנצט זייערע שטיוול, אָנגעשמירט די האָר מיט פעט און האָבן אַלע מיטאַמאָל זיך אַריינגעשפּאַרט אין שענק.

— אַ פראָסט, אַזש די קליאַמקע קלעפּט צו די הענט, — האָט דער „עלטסטער" פון די פּאַרובקעס, אַ הויכער שגץ מיט אויסגעשטשערבעטע גרויסע ציין, זיך צוגעלאָזט צו דער סרולעכע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער קיך און אויפגעוואַרעמט ס'עסן פאַר די מחותנים.

— דו ביסט דאָך אַ גוטער, זע זשע, אַז חברה זאָל זיך היינט פּאַרפרי צעגיין און ניט אָפּקלעפּן די סטעליע מיט שטיקלעך ציגאַרן. דיך וועלן זיי פאָלגן. עס קומען היינט געסט צו אונדז. זעסט? — האָט די סרולעכע צו אים גערעדט און אים אָנגעוויזן אויפן שמעקנדיקן געבראָטנס.

— אפשר אַ חתן צו חנה'קען? — האָט ער אַ נייגיריקער זיך נאָכגעפרעגט.

— האָסט געטראָפן. מאָרגן וועל איך אַלעמען געבן אויסצוטרינקען — האָט די סרולעכע געענטפערט.

— אַ קאַוואַליער קומט היינט צו חנה'קען, — האָט דער „עלטסטער" אויסגעשריגן צו די שקצים. די יונגען האָבן פריילעכע אויפגענומען די נייעס, געזאָגט חכמות און געוואונקען צו חנהן.

— היינט טאָרסטו ניט אָפּנאַרן. גיס אָן ריינעם ניינציקער און גיב אַ מאָס מיט אַ ווערך, האָבן די שקצים געהאַלטן די געצעכעוועטע בלאָע קוואַטירלעך. חנה האָט אַ שווייגנדיקע זיי אָנגעפילט און צו אַלעמען שמעוודיק געשמייכלט. די שקצים האָבן דערנאָך צוואַרעמטע פון בראָנפן זיך אויסגעזעצט אויף די צוויי לאַנגע טישן און גענומען איינחזר'ן אַ ניי ליד.

— דו באָס, דו סאָפּראַנאָ און דו אַנדרעי האַלט אונטער מיט דער האַרמאָניע, — האָט דער „עלטסטער" יעדן איינעם זיינס צוגעטיילט. אַליין האָט ער ווי אַ קאַפּעלמייסטער זיך אַוועקגעשטעלט און אָנגעהויבן: — זאָג איך, אַ־יאַ, אַ־יאַ.

פון אַנדרעיען האָט מען דעם גאַנצן אָוונט קיין וואָרט ניט געהערט. ער איז זיך געזעסן אין אַ ווינקל און אין אַ שטילן טאָן געשפּילט אויף דער האַרמאָניע. אַלע מאָל האָט ער פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף חנהן און אַלע מאָל אַריינגעגאָסן אַ גלעזל. ערשט ווען ער איז שוין געווען גוט שיכור און די האַרמאָניע איז אים אַרויסגעפאַלן פון מויל האָט ער געלאָזט הערן זיין קול.

— אַ מלחמה וועט דאָ נאָך היינט זיין, אַז ניט זאָל מיך שוין אַ שלאַק טרעפן. חברה, לאָמיר ניט לאָזן חנה'קען אָפּגעבן פאַר אַ פרעמדן. איך וויל מיט איר חתונה האָבן, נעמען שלוב מיט איר ביים גלח, צי ביים ראַבין, אַז

ניט זאָל מיך שוין אַ דונער דערשלאָגן. וויל זי מיך ניט זאָל זי אויסקלייבן אַן אַנדערן. געגנוג יונגען ביי אונדז. אַ מלחמה וועט דאָ זיין.

די שקצים האָבן האַלב־שיכורע געלאַכט און איינגעשטילט אַנדרעיען. חנה איז צעטומלט געוואָרן און זיך אָוועקגעדרייט פון שענק־טיש.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון גלעקלעך און אַ פאַרשקען פון פערד. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר און עס זיינען אַריינגעקומען עטלעכע אידן מיט ווייסן פראָסט אויף זייערע בערד און אויף זייערע באַראַנאָווע פוטערס און אַ פּאָר אָנגעפּעלצטע פרויען. די שקצים זיינען שטיל געבליבן און אויסגעניכטערטע געקוקט אויף די פרעמדע מענטשן, אויף חנה׳ס חתן, וואָס איז דער לעצטער אַריין אין שטוב. עטלעכע פון די שקצים האָבן זיך אַרויסגערוקט פון שענק און די איבעריקע האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און אויפסניי גענומען טרינקען. זיי האָבן מיט גרויס נייגעריקייט דורך דער אָפענער טיר אַריינגעקוקט אין דער אַנדערער שטוב און באַטראַכט די אידן, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, געטרונקען טיי און געלאָסן צווישן זיך גערעדט. זיי האָבן צוגעקוקט ווי איין איד, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, האָט עפּעס געשריבן אויף אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר מיט אַ געגדזענער פעדער און ווי דער חתן, אַן אויסגעפּוצטער, ברייטפּלייציקער יונג, האָט זיך געדרייט אַרום חנהן.

אַנדרעי האָט ניט אויפגעהערט פלוטן מיט דער צונג און די שקצים, וואָס זיינען געזעסן אַרום אים, האָבן אים אַלע מאָל איינגעשטילט. ער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען ביז ער איז ווי אַ הורג אַוועקגעפאַלן אויף דער באַנק.

ערשט ווען ס׳האָט עפּעס אַ שטאַרקן הילך געטאָן, האָט ער אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און אויפגעריסן די אויגן. ער האָט געקוקט אויף די ווייסע שטיקלעך פּאַרצעליי, וואָס זיינען זיך צעפלויגן איבערן גאַנצן דיל, און ער האָט געגלאָצט אויף חנהן וועלכע האָט זיך געקושט מיט עטלעכע פון די פרעמדע מענטשן.

— מזל־טוב! מזל־טוב! — האָבן די אויסרופן פון די מענטשן אים געוועקט.

— חנה׳קע, — האָט ער אַ ווייגענדיקער אין דער שטיל ווי צו זיך אַליין גערעדט. ער האָט דערנאָך געפּרואווט זיך אויפצושטעלן און צוויי שקצים האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און אים אַרויסגעפירט פון שענק. אַנדרעי האָט זיך אָבער פון דער שוועל געריסן אויף צוריק און אַ שיכורער געשריגן:

— לאָזט ניט חברה זי אָפּגעבן פאַר אַ פרעמדן. לאָזט ניט. אַ מלחמה וועט דאָ היינט זיין, אַ מלחמה.

## ש״י עגנון

### 1.

# ר׳ יודל און אַלץ וואָס מיט אים איז זיך פאַרלאָפן

(פון דעם ראָמאַן „הכנסת כלה״)

יענער טאָג איז געווען דאָנערשטיק און ר׳ יודל האָט געוואָלט דאָרט האַלטן שבת, ווייל אַזוי פלעגט ער זיך נוהג זיין אויף אַלע זיינע נסיעות, פון דאָנערשטיק ביז אויף מאָרגן נאָך שבת, צו זיצן אויף אָן אָרט, כדי מוסיף צו זיין פון דער וואָך צום שבת. נאָר מחמת ער האָט ניט געפונען קיין פלאַץ וואו צו גיין טבילה לכבוד שבת — האָט ער זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען פאָרן צו אַן אַנדער מקום. אַן אַנדערער אויף ר׳ יודלס אָרט וואָלט געזאָגט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין מקוה — טובל׳ט מען זיך ניט. אָבער ר׳ יודל האָט אַזוי ניט געזאָגט. ר׳ יודל האָט געזאָגט, אַז צוליב אַ מקוה פרייטיק פאַרנאַכט לוינט זיך צו גיין כמה מיילן. און מיט איינעם אַ צדיק האָט געטראָפן אַ מעשה, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ געוויסן פלאַץ, וואו ס׳איז קיין מקוה ניט געווען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, פאַרקויפט זיין חלק לעולם הבא און אַוועקגעגעבן דאָס געלט אויף צו בויען אַ מקוה. בקיצור הדבר, זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון קוזשאַן און זיך געלאָזט פאָרן צו דער קהילה־קדישא פון ראָהאַטין. אויפן וועג, פאָרנדיק, האָבן זיי געטראָפן איינעם אַ זקן, וואָס איז געשטאַנען אונטער אַ באַרג. זאָגט ר׳ יודל: לאָמיר צופאָרן נעענטער צו אים, אפשר וועט ער פאָרן מיט אונדז אין שטאָט אַריין. זיי קומען צו נאָענט צו אים — זעען זיי, ער שטייט און גראָבט אין ליים. פרעגט ר׳ יודלביים אַלטן: איך בעט אייך, זיידע, וואָס טוט איר דאָ? זאָגט ער צו אים: איך גראָב אין ליים. זאָגט ער צו אים: נאָך וואָס באַדאַרפט איר ליים? ענטפערט ער אים: אויסצושמירן די ערד פון שטוב לכבוד שבת. זאָגט ער צו אים: קענטיק, אַז איר האָט אַ סך שטיבער, זיידע. זאָגט ער צו אים: דאָס פונוואַנען דרינג־סטו? זאָגט ער צו אים, מחמת דער זאַק אייערער איז אַ גרויסער זאַק. זאָגט ער צו אים: איך ברענג דעם זאַק אין שטאָט אַריין און אידישע טעכטער שמירן אויס מיט דעם די פּאָדלאָגעס און גיבן מיר פאַר מיין שכר־טרחא אַביסל ראָזשינקע־וויין, ליכט און חלה. זאָגט ער צו אים: לייגט אַרויף אייער זאַק אויפן וואָגן וועט איר פאָרן מיט אונדז אין שטאָט אַריין. זאָגט ער: חס־ושלום! זאָגט ער אים: פאַרוואָס? ענטפערט ער: איך האָב אַ מצוה ביי מיר אין האַנט — זאָל איך זי אַוועקגעבן די פערד? האָט ר׳ יודל פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער אַלטער איז אַ צדיק־תמים און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פון אים קען מען זיך אָפלערנען די דרכים פון פשוט׳ער חסידות און ער האָט באַגערט מיט אים צו שמועסן. זאָגט ער צו אים: ווער זענט איר, וואָס איר גראָבט ליים און האָט אַזעלכע פיינע מנהגים? זאָגט ער צו אים: וואַרט

אויף מיר, ביז איכ'ל צוריקקומען און מירן מקבל־שבת זיין ביי מיר. האָט דער אַלטער גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס און איז אַוועק, און ר' יחיאל איז געבליבן וואַרטן אויף אים מתוך שמחה. זאָגט דער בעל־עגלה צום חסיד: מילא, שבת וועלן מיר פון הונגער ניט שטאַרבן, מחמת מיר האָבן אַביסל צידה־לדרך. אָבער, אַז מירן דאַרפן געבן דערפון אַ חלק דעם אַלטן אויך, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ מת־מצוה, בין איך מסופק, צי מירן קענען מקיים זיין די מצוה פון מלווה־מלכה, ווי ס'געהער צו זיין. זאָגט ר' יודל צו אים: אַי, רב נטע, ווען דו געפינסט אַן אוצר פון גאָלד און זילבער, דימענטן און פּערל, — וואָלסטו אויך געקלערט מכוח דער אַכילה? דו וואָלסט אַוודאי זיך אויפגעשטעלט און צונויפגעקליבן די אויסגעדוכטע קנינים. זאָל איך, וואָס האָב געפונען אינעם דאָזיקן אַלטן אַן אוצר פון יראת־שמים — אים אַוועק־וואַרפן און זיך דאגה'ן פאַר דער קישקע? זיינען נטע'ס טענות תיכף אַנט־שוויגן געוואָרן און ער האָט גענומען לאַכן מיט אַלע כוחות, ער האָט זיך אַזש געקייקלט אין וואָגן פאַר גרויס געלעכטער; דאָס געלעכטער האָט אים געקוואָלן פון די געדערים זיינע, אַזש דער בויך האָט זיך אים געטרייסלט, זיך אַנגעשלאָגן אַן וואָגן, ביז דער וואָגן האָט זיך גענומען רירן פון פּלאַץ. און נטע שרייט: געוואַלט, אידן, כ'האָב שוין קיין כוח ניט צו לאַכן! אַביסל שפּעטער האָט זיך דער אַלטער אומגעקערט פון שטאָט און דער זאַק איז פול ווי געווען, שוין ניט מיט ליים און בלאָטע — נייערט מיט מאַכלים און מיט ליכט און ער זאָגט: איצט, מיינע ליבע אידן, וועלן מיר גיין צו אונדזער דירה. און אַ גרויסער מיין איז פאַראַן אין די רייד פונעם דאָזיקן אַלטן, וואָס ס'איז כדאַי זיי צו באַנעמען. היינו: ער האָט געזאָגט צו אונדזער דירה און ניט צו אונדזער הויז, וואָרים באמת, די דירה אין וועלכער אַ מענטש פאַרברענגט זיינע טעג און יאָרן אינעם עולם־השקר — איז דאָס זיין הויז דען? און אַזוי רײדנדיק האָט ער אָנגענומען די פערד פאַר די לייצעס און זיי זיינען געלאָפן, ניט ווי פערד וואָס לויפן אויף דער ערד, נייערט, ווי פויגלען וואָס פליען אין דער לופטן, ביז זיי זיינען געקומען צופליען אין אַ געדיכטן וואַלד און געבליבן שטיין. איז דער אַלטער אַרונטער פון וואָגן און געזאָגט: דאָ. און ווי נשתומם נטע און ר' יודל זיינען געוואָרן. אָט זאָגט ער דאָ, און אַפילו קיין צורה פון קיין ישוב איז דאָ ניטאָ. דער אַלטער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ צום הימל, זיך איינגעקוקט און געזאָגט: אין דער ישיבה של מעלה האַלט מען שוין ביי קבלת־שבת. קומט לאָמיר זיך טובל זיין לכבוד־שבת! איז ר' יודל נאָכגעגאַנגען דעם אַלטן און אַריין מיט אים אין אַ פּרילאַנקע־וואַסער און דער אַלטער האָט זיך אונטערגעטונקט תתק"ל מאָל, ווי די צאָל פון אָדם־הראשונס יאָרן, זיך אָנגעטאָן אין שבת'דיקע בגדים, זיך אויסגעגלייכט און געוואָרן מיט אַ קאָפּ העכער. תיכף האָט זיך באַוויזן אַ מיןביידל, וואָס איז געשטאַנען אונטער אַ בוים. וואָס זאָל איך זאָגן און וואָס זאָל איך ריידן?

אין בידל איז געשטאַנען אַ פולער טיש און דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ טישטעך און אַ סך ליכט האָבן דאָרט געברענט און אַן אַלטעטשקע איז געשטאַנען אָנגעבויגן און געבענטשט ליכט. און ווען די אַלטעטשקע האָט דער־זען די אורחים, האָט זי זיי אויפגענומען מיט גרויס שמחה און געזאָגט צו זיי: ברוכים הבאים! און בשעת׳ן ריידן, האָט זי געהאַלטן אַ טיכל אין די הענט פאַרן מויל, כדי זיי זאָלן חלילה ניט נכשל ווערן דורכן „קול־באשה״, מחמת איר קול איז געווען זייער אַ זיס קול, ווי מיר געפינען ביי מרים־הנביאה, אַז מרים האָט גענומען די פויק ווען זי האָט געזאָגט שירה. דער אַלטער האָט גענומען אַ גרויסן פאַרמעטענעם סידור, גע׳כתיבה׳ט מיט אַ פיינעם כתב, מקבל־שבת געווען מיט זיסע ניגונים און געמאַכט קידוש אויף ראָ־זשינקע־ווײַן; און קידוש האָט ער געמאַכט ווען ס׳איז נאָך גרויסער טאָג געווען און די זון איז געקומען און זיך איינגעקוקט אין זיין כוס. אויך זיי האָבן געמאַכט קידוש אויף ווײַן און געמאַכט המוציא אויף חלות, און אַפילו די אַלטעטשקע האָט אויך געמאַכט המוציא אויף „לחם־משנה״. און דער טיש איז פול געווען מיט כל־מיני פירות, בעבלעך און גריינסן און געפילטע העל־זלעך און פלאָמען־יויך, וואָס האָט געהאַט אַ טעם פון יין־המשומר.

נאָכן עסן, האָט זיך דער אַלטער אויסגעבעט ביים טיש. זי האָט געלייענט די סדרה פון „צאינה וראינה״ און ער האָט געזאָגט דעם תיקון־שבת אַ גאַנצע נאַכט, מחמת דורך די נעכט פון שבת איז ער כלל ניט געשלאָפן. אַ משל צו אַ מענטשן, וועמען מ׳האָט געמאַכט אויף איין טאָג אַ מלך, איז ער אויך דורך דער נאַכט פון יענעם טאָג ניט געשלאָפן. זאָגט מען צו אים: אַדוני מלך! פאַרוואָס שלאָפסטו ניט? ענטפערט ער: מ׳האָט מיך געמאַכט מלך אויף איין טאָג, וויל איך אַפילו קיין איינציקע שעה פון מיין מלכות ניט פאַרשלאָפן. און דער נמשל לאָזט זיך באַנעמען: שבת איז אַ דוגמא פון מלוכה, וואָס גאָט־ברוך־הוא מאַכט אַ אידן פאַר אַ מלך אויף איין טאָג אין דער וואָך. און אַ גרויסן מנהג האָט ער געהאַט, שבת ניט צו ריידן אויף קיין אַנדער לשון, ווי נאָר אויף לשון־קודש, מחמת שבת איז אַ דוגמא פון גאולה — איז דאָך ניט שייך צו ריידן אויף אַן אַנדער לשון. און אַז דער טאָג איז ליכטיק געוואָרן איז ער געגאַנגען און זיך געטובל׳ט און געדאַוונט מיט אַ זיסן ניגון און געזונגען די תפילה פון „נשמת כל חי״ מיט גרויס שמחה. ברידער און פריינט מיינע, הייליקע ליבע אידן, אַוודאי דאַרף אַ איד זיך פרייען אַ גרויס שמחה, ווען ער זאָגט דאָס דאָזיקע גרויסע לויב און אַווראַי און אַוודאי אין די ווערטער: „מיר האָבן ניט קיין אַנדער מלך נאָר דיך״, וויבאַלד ער האָט זוכה געווען צו זיין אונטער זיין מלכות, זאָל זיין געבענטשט. און איצט קענט איר שוין אַליין פאַרשטיין מיט וואָס פאַר אַ שמחה דער דאָזיקער אַלטעטשקער איז געשטאַנען און געדאַוונט. ברידער און פריינט, אויב מיר זאָלן ווערן באַשרייבן אַלע חנ׳ען פון דעם דאָזיקן שבת, וואָלטן

אַלע פעלן פון אַלע הירשן פון די וועלדער ניט געסטייעט. און דאָס אַלץ איז נאָך געווען אַ ליאַדע קליינינקייט לגבי דער דריטער סעודה, ווען דער אַלטער איז געזעסן, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויף די אָרעמס און געענטפערט אָמן אויפן קדיש דרבנן, וואָס זרובבל בן שאלתיאל האָט געזאָגט אין דער ישיבה של מעלה נאָך דער דרשה פון משה רבנו עליו השלום אויף דער סדרה פון דער וואָך.

.2

## אין איינעם אַ שבת

(פון דער נאָוועלע „הגדה")

ניטאָ קיין שענערער שניי, ווי דער שניי וואָס פאַלט מוצאי־שבת. צו וואָס איז דער דאָזיקער שניי געגליכן? צו די פעדערן פון די פליגלען פון מלאכים. באַליבט זיינען אידן, וואָס אַפילו מלאָכים שפרייטן אויס פאַר זייער כבוד וועגן זייערע פליגלען און לייגן אויס טאַפּעטן פאַר זיי, פון די טירן פון די שולן ביז די טירן פון זייערע שטיבער, אין יענער שעה, ווען זיי גייען זיך זעצן צו דער סעודה פון דוד המלך, עליו השלום.

אַ שניי נידערט פון הימל, באַלויכט די נאַכט און פאַרטונקלט זי. פאַר־הוילענע וועלטן ווערן אַנטפּלעקט און אַלע וועגן ווערן פאַרהוילן אין שטילקייט. און די אַכסניה שטייט אין שניי און בלאַנקט פון שנייאיקן ליכט. דאָס פייער זינגט אין אויוון און די שטוב ווערט אָנגעפילט מיט וואַרעמקייט. אַ ליכט ברענט אויפן טיש און די האַרציקע גייען אַרום איבער דער שטוב הין־און־צוריק און דאַווענען מעריב. די באַלעבאָסטע הייבט זיך אויף און גייט אין שטאַל אַריין מיטן גרויסן מעלקשעפל אין דער רעכטער האַנט. אַ וואַרעמע פאַרע הייבט זיך אויף פון שטרוי און פון די זיבן פעטע קי, וואָס ליגן אויפן שטרוי און מעלה־גרה׳ן. ווי נאָר די קי דערהערן דער באַלאַבאָסטעס טריט, וואָס קומט זיי געבן עסן און זיי באַפרייען פון דער מילך, אַזוי בלינצלען זיי מיט די אויגן, הייבן זיך אויף און שטרעקן אַרויס די קעפּ פון גרויסע אָנגע־פּעלצטע גופ׳ן און מו־ו־קן. די באַלעבאָסטע קומט אַריין, שטעלט זיך אָפּ פאַר יעדער קו און ווישט אַרום די וואַרצלען פון פולן אייטער. די קו צעעפנט איר מויל און די מילך שטראָמט אין שעפל אַריין, ביז דער לעצטער טראָפּן טריפט אַרונטער און פאַלט אויפן שמוציקן שטרוי.

און ר׳ אוריאל זיצט און זינגט די שבת־צו־נאַכטיקע זמירות און זיפצט און וואַרט און אײַלט זיך ניט צו מאַכן הבדלה. ווייל כל־זמן ר׳ אוריאל האָט נאָך ניט געמאַכט הבדלה — זיינען די שליסלען פון גיהנום ביי אים אין דער האַנט. און מחמת ער האָט רחמנות אויף די רשעים, וואָס מ׳וועט זיי באַלד טרייבן אין גיהנום אַריין — איז אים שווער צו נעמען דעם הבדלה־כוס אין

האָט, ביז ער דערזעט דאָס ליכט פון קומענדיקן שבת. ווי נאָר ער דערזעט דאָס ליכט אַזוי הייבט ער אָן זינגען די הבדלה מיט גרויס שמחה. האָבן זיך די האַרציקע געשטעלט אין אַ שורה און געזונגען „המבדיל". האָט ר' אוריאל צו זיי זיך אומגעקערט און זיי געוויזן אַ פריילעך פּנים און זיי געהייסן זיך פרייען, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו זיין אידן, זיי געגעבן גרויס חיזוק און האָט זיי נאָכאַמאָל געהייסן פריילעך זיין, מחמת עס קומט אַ נייע וואָך און זיי דאַרפן האָבן התעוררות פאַרן קומענדיקן שבת. האָבן זיי אויפגעעפנט די מיילער אויפן הויכן קול און פון פולן האַרצן געזונגען זמירות, און פון איין זמר ביז צום אַנדערן אַריינגעפאַלן אין סאַמע תוך פון שמחה.

האָט די באַלעבאָסטע אָנגעצונדן אַ קינעלע און איז אַרונטער מיט דער דינסט אין קעלער. זיי האָבן אָנגעשעפּט פולע פאַרטעכער מיט קאַרטאָפליעס, אַרויפגעקומען צוריק און געבראַכט מיט זיך אַ טאָפּ מיט וואַסער. גענומען צוויי עמערס, די באַלעבאָסטע איינעם און די דינסט איינעם, אויסגעשפּרייט אַ שמאַטע אויף דער ערד, זיך געזעצט מיט די פיס אונטער זיך און גענומען שיילן די קאַרטאָפליעס און זיי וואַרפן אין וואַסער. זייערע מעסערס צאַפּלען זיך און שיילן און דער ריח פון קעלער מיט וועלכן די קאַרטאָפליעס האָבן זיך אָנגעצויגן גייט אויף און מאַכט זיי ניסן. די גוייע שפּייט זיך אָפּ און צלמ'ט זיך איבער און די באַלעבאָסטע, להבדיל, ציט זיך פאַרן אויער און זאָגט: „לישועתך קויתי אַדושם". ווען דער טאָפּ האָט זיך אָנגעפילט — האָט די גוייע איבערגעשווענקט די קאַרטאָפליעס מיט וואַסער, באַשפּרענקלט זיי מיט זאַלץ און צוגעשטעלט דעם טאָפּ אויף די קוילן און די באַלעבאָסטע האָט זיך געשטעלט קאָכן אַ באָרשט. מישט די באַלעבאָסטע דעם רויטן פעטן באָרשט און די אויגן אירע קוקן אויף אים מיט הנאה און זי נעמט ווידער עטלעכע קאַרטאָפליעס מיטן שאָלעכץ, וואַשט זיי איבער און וואַרפט זיי אַריין אין קאָכעדיקן וואַסער, מאַכט גרעסער ס'פייער, כדי זיי זאָלן זיך וואָס גיכער אָפּקאָכן. דאָס וואַסער בלעזלט און קאָכט ביז די שאָלעכצן פון די קאַרטאָפליעס נעמען זיך שפּאַלטן און שווימען אַרויף פון אויבן. האָט די באַלעבאָסטע דאָס וואַסער אָפּגעזייט און אַ וואונק געטאָן צום מאַן, אַז דאָס עסן איז פאַרטיק. האָבן זיך די האַרציקע געזעצט צום טיש, געטונקט די קאַרטאָפליעס אין באָרשט און געגעסן די סעודה פון מלווה־מלכה, כדי דאָס ביינדל אין מענטשנס גוף, וואָס ווערט אָנגערופן „לוז" — זאָל אויך הנאה האָבן.

.3

## שבת אויפן שיף

(פון דער נאָוועלע „בלבב ימים")

גאָט־ברוך־הוא האָט אַ טייערע מתנה און איר נאָמען איז שבת. און מחמת זיין גרויס ליבשאַפט און רחמים אויף זיין פאָלק ישראל, האָט ער זי

אונדז געגעבן. גרויס איז דער שבת, וואָס זיין קדושה שטראַלט אַרונטער אַפילו אויפן פשוט'ן מענטשן און ווי נאָר שבת קומט שיקט גאָט־ברוך־הוא אַרונטער זיין ליכט און אַלע באַשאַפענע שטראַלן פון דער אויבערשטער אויס־שטראַלונג. אין יענער שעה גלוסטן אַלע באַשאַפענע זיך צו באַהעפטן מיט זיין קדושה, און ליכטיק צו מאַכן זייער האַרץ מיט זיין ליכט. היינט ווער רעדט שוין פון חסידים און מענטשן פון מעשים־טובים, וואָס זוכן וואָס ווייניקער פאַר זיך און ווילן בלויז הנאה האָבן פון דער שכינה.

ווי נאָר דער ערב־שבת'דיקער פרימאָרגן איז אָנגעקומען זיינען די האַרציקע אויפגעשטאַנען און זיך גענומען גרייטן פאַרן שבת. ר' אַלתר דער שוחט האָט געשאַכטן אַן עוף לכבוד שבת, פאַרברענט אויף אַש עפּעס אַ בגד און צוגעדעקט דאָס בלוט מיטן אַש. פייגע האָט צעלייגט אַ פייערל און אָפּ־געקאָכט דעם עוף, און די אַנדערע ווייבער האָבן זיך פאַרנומען מיט מאַכן שבת. פאַרבייגעגאַנגען דער קאַפּיטאַן פון שיף און אַ קוק געטאָן אויף זיי מיט אַ גוט אויג. די מאַטראָסן האָבן דאָס דערזען — האָבן זיי געבראַכט פיש צו זיי, וואָס זיי האָבן אַרויסגעצויגן פון ים, און זיי געלערנט ווי צו באַקן ברויטלעך, ווי מען באַקט אין ארץ־ישראל, וואו מען שפּרייט אויס קוילן אויף דער ערד און מ'גיסט אַרויף אויפן פלאַץ טייג. און די ווייבער האָבן געהאַט דעם זכות צו נעמען חלה, צו באַקן ברויט פאַר דער ביינאַכטיקער סעודה, פאַר מאָרגן בייטאָג און פאַרן שלוש־סעודות. ס'איז נאָך האַלבער טאָג ניט געווען — און אַלץ איז געווען שוין גרייט לכבוד־שבת.

האָבן זיך די האַרציקע געפעדערט, געוואַשן זייערע פּנים'ער און הענט מיט וואַרעם וואַסער, זיך אָפּגעשניטן די נעגל, איבערגעטאָן זייערע בגדים און מהרהר געווען פון זייערע מעשים, וואָס זיי האָבן געטאָן דורך דער וואָך. זיך פאַרטראַכט וועגן בורא'ס דרכים, וואָס האָט זיי אויסגעטיילט צום גוטן פון אַלע אַנדערע אידן פון וואַנען זיי קומען, געגעבן זיי דעם כוח און די גבורה זיך אָפּצורייסן פון זייער פלאַץ און צו גיין מיטן ריכטיקן וועג, וואָס פירט קיין ארץ־ישראל... זיי האָבן באַנומען, אַז ניט מחמת זייערע צדקות האָבן זיי זוכה געווען צו שווימען איבערן ים קיין ארץ־ישראל, נייערט, דורך די גרויסע רחמים פון בורא יתברך. און זיי האָבן אויך זיך גענומען מתקן צו זיין אַלץ וואָס זיי האָבן מקלקל געווען דורך מעשים, דורך אַ וואָרט אָדער אַ מחשבה — ס'זאָל חס ושלום ניט זיין קיין עיכוב ביי דער אויבערשטער השגחה, זיי אַרויפצוברענגען און אַריינצוברענגען אין לאַנד. זיי האָבן אויך זיך מתכוון געווען צו עלית־נשמה, כדי אויפצונעמען די נשמה־יתירה. אַזוי זיינען זיי געזעסן מיט זיך און זייער באַשעפער, ביז די נשמה זייערע האָט דערוואַכט. האָבן זיי גענומען די חומשים, געזאָגט די סדרה פון דער וואָך צוויי מאָל פסוק און איין מאָל תרגום מיטן פירוש רש"י, און שיר השירים און די ווייבער האָבן אַרויסגענומען פון די זעק די תחינות פון פאַר ליכט־

בענטשן און דעם „צאינה וראינה״, וואָס פאַרטייטשט די תורה פאַר ווייבער און עמי־הארצות.

די זון איז אַרונטער אין ים זיך טובל'ען לכבוד־שבת און פאַרזאַמט זיך דאָרט וויפיל זי האָט זיך פאַרזאַמט. כל־זמן מ'איז ניט מקבל־שבת אונטן איז מען ניט מקבל־שבת אויבן. די ווייבער האָבן זיך געאיילט, אָראָפּגענומען די טעפּלעך פון די קוילן, געגרייט דעם טיש מיט ווייַן און חלה און געצונדן ליכט. די זון האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ מלבוש פון כמה קאָלירן און איז אַריינגעקומען אין היכל פון רו, מקבל־שבת צו זיין אין פמליא של מעלה. האָבן די האַרציקע זיך אויפגעשטעלט, געדאַוונט מנחה און געזאָגט הודו און אַשרי און שמונה־עשרה. דער וואָס זאָגט „הודו״ מיט כוונה, שפּירט אַוודאי דעם בורא־יתברכ'ס חסדים, וואָס ער טוט מיט מענטשן. ווער רעדט נאָך, יענע וואָס נידערן אין ים מיט שיפן זעען דאָך ממש בחוש גאָטס גרויסע מעשים און זיינע וואונדער. ווער עס דאַוונט שמונה־עשרה מיט כוונה און זאָגט: „און צו ירושלים דיין שטאָט זאָלסטו זיך אומקערן מיט רחמים״ — דערנעענטערט זיך אַוודאי אין רוחניות צו ירושלים. היינט ווער רעדט נאָך פון יענע וואָס געפינען זיך אויפן ים, ווייל אין יענער שעה רוקט דער בורא יתברך איבער דאָס שיף און דערנעענטערט עס צו ירושלים.

וויבאַלד די זעקס טעג פון אַרבעט זיינען פאַרענדיקט געוואָרן און די וואָכעדיקע טעג זיינען אַוועק — האָבן די האַרציקע זיך אויפגעשטעלט און געזונגען „מזמור שיר ליום השבת״, ביז די גאַנצע וועלט האָט אָנגעהויבן פינקלען פון ליכט פון די קרוינען, וואָס משה קערט יעדן שבת אום צו אידן. די קרוינען, וואָס זיינען פון זיי צוגענומען געוואָרן פאַר דער זינד פון עגל און זיינען אים אָפּגעגעבן געוואָרן.

נאָכדעם ווי זיי האָבן געענדיקט דאַווענען דעם שבת'דיקן מעריב — האָבן זיי געמאַכט קידוש און געזאָגט „המוציא״ און געזונגען ביז די ליכט זיינען אויסגעגאַנגען און דאָס ליכט פון די שטערן איז פאַרטאָפּלט געוואָרן. אַ מענטש צינדט אָן אַ ליכט — איז אַ ספק, צי ס'וועט ברענען, צי ניט; און אויב ס'ברענט יאָ — קען עס פאַרלאָשן ווערן. אָבער גאָט־ברוך־הוא צינדט אָן אַזוי פיל ליכט אין הימל און קיין איינציקס פון זיי ווערט ניט פאַרלאָשן.

גרויס איז דער שבת, וואָס דער גוף געפינט אין אים רו. נאָך גרעסער איז שבת אויף אַ שיף, ווייל סיזוי טוט דער מענטש די גאַנצע וואָך קיין אַרבעט ניט, קומט אויס, אַז די גאַנצע מנוחה איז לכבוד־שבת.

זיינען די האַרציקע געזעסן, די הענט פאַרלייגט אין די אַרבל און געקוקט פאַר זיך אין ים אַריין. אַ מענטש זיצט און שווייגט — איז דאָס אַוודאי אַ גרויסע מעלה, מחמת ער זינדיקט ניט, היינט ווי שויך, ווען ער זיצט אויף אַ שיף, וואָס גייט קיין ארץ־ישראל. ניט גענוג, וואָס ער זינדיקט ניט, נאָר

ער טוט נאָך אַ מצוה אויך, וואָס ער גייט קיין ארץ־ישראל, וואָס איז גלייך ווי אַלע אַנדערע מצוות צוזאַמענגענומען.

.4

## שבתי

די פּרטים פון די אַלע זאַכן זיינען באַהאַלטן, אָבער די מעשה גופא איז וואוילבאַקאַנט צו יעדן איינעם. געווען ביי אונדז אין שטאָט איינער אַ מענטש מיטן נאָמען ישראל קופּערשמיד. ער איז געווען אַ גרויסער קינצלער אין זיין אומנות און פלעגט מאַכן קופּערנע און מעשענע כלים, קעסלען און טעפּ און שאַגאַנעס און חנוכה־לאָמפּן און שבת׳דיקע לייכטער, קליינע מנורות און גרויסע מנורות, וואָס מ׳הענגט אויף אין שולן און בתי־מדרשים. וועלכע פון זיי האָבן געהאַט דאָס געשטאַלט פון אַ לייב, פון אַן אָדלער, פון אַ הירש און כל־המינים אַנדערע שיינע געמעלן, וואָס דערפרייען ס׳אויג מיט זייער שיינקייט און האָבן געלויכטן אין די נעכט פון שבת, ווי די לבנה און די שטערן און האָבן אַזש אויפגעשיינט אידישע אויגן אין זייער תפילה. בעת דער אַרבעט, פלעגט ער אַרויפברענגען אין זינען די פאַרבאָרגענע אוצרות פון ישועות ונחמות וואָס וואַרטן אויף יענער וועלט פאַר יענע וואָס היטן אָפּ שבת און זיין האַרץ פלעגט ווערן פול מיט געזאַנג. פלעגט זינגען שבת׳דיקע זמירות און האַרציקע תפילות — און דער האַמער ענטפערט אויף זיין קול, און ער פלעגט אויפהייבן זיין קול מיט שמחה, וואָס גאָט־ברוך־הוא האָט אונדז געגעבן אַזאַ גרויסן הייליקן טאָג. זאָגט צו אים דאָס ווייב: וואָס ביסטו עפּעס אַזוי פריילעך? זאָגט ישראל: כ׳האָב מיך דערמאָנט אַן טאָג פון שבת איז מיר געוואָרן פריילעך; קום נאָר און זע די גרויסע מעלה פון שבת. אַ מענטש צינדט אָן אַ ליכט לכבוד שבת — באַלייכט עס אים ביידע וועלטן. אַ מענטש גרייט צו אַ פיינעם חלק אויף שבת — גיט אים דער שבת צוריק אַלץ וואָס ער האָט נייטיק. און נאָכמער, דער וואָס היט אָפּ שבת אויף דער וועלט — ווערט זיין גוף אָפּגעהיט אויף יענער וועלט און ער ווערט ניצול פון אַלע שלעק און פורעניות׳ן, נאָר מחמת זיין אָרעמקייט האָט ישראל ניט זוכה געווען צו כבוד שבת, ווי ס׳געהער צו זיין און פון זיין גאַנצער מלאכה האָט ער ניט געזען קיין מזל־ברכה, און אַז ס׳איז געקומען ערב־שבת האָט ער ניט געהאַט קיין פרוטה ביי זיין לייב־און־לעבן, כאָטש עפּעס איינצוקויפן אויף שבת. זיינען די לייכטער זיינע געשטאַנען אָן ליכט און זיינע טעפּ זיינען געשטאַנען ליידיק, אָן פיש און אָן פלייש און אָן קיין שום שבת׳דיק געריכט און זיין ווייב איז געשטאַנען אין צער און געזאָגט: ווי און ווינד איז אונדז, אַז מיר האָבן ניט וואָס צו בייסן און וואָס צו ברעכן לכבוד שבת. און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט מאַכן זיין שבת וואָכעדיק — איז ער אַריין דאָרט וואו ער איז אַריין,

געגומען זיבן שטיקלעך קופּער, זיי אויסגעשלאָגן מיטן האַמער, איינגעקריצט אין זיי אַ צורה און געמאַכט פון זיי זיבן מטבעות, ווי דאָס מלכות טוט. ישראל האָט זיך געטראַכט: דער קיסר זאָל לעבן איז אַ גרויסער עושר און איז גוט צו אידן און וועט חלילה ניט מקפּיד זיין, אויב כ'וועל מיר מאַכן אַ פּאָר מטבעות. איינע האָט ער געמאַכט פאַר ליכט, איינע פאַר ראַזשינקעס אויס־צוקאָכן פון זיי ווין אויף קידוש, איינע פאַר פלייש און איינע פאַר פיש, איינע פאַר קאָמפּאָט און איינע פאַר קוגל. און קיין מענטש האָט ניט געקענט זען דעם חילוק צווישן זיינע און דעם קיסרס מטבעות. דער קיסר אַליין וואָלט אפשר יאָ דערקענט, אָבער דער קיסר זיצט אין ווין און ישראל וואוינט ביי אונדז אין שטאָט און צווישן אונדזער שטאָט און ווין — איז אַ מהלך פון ת"ק מיילן, און מער.

איך און איר, הייליקע אידן, זיינען ניט געגאַנגען צום קיסר און אים פאַרמסר'ט, אָבער אַנדערע זיינען יאָ געגאַנגען און דערציילט דעם קיסר, אַז ישראל קופּערשמיד מינצט זיינע אייגענע מטבעות.

האָט דער קיסר געשיקט נאָך ישראל קופּערשמיד, און יענער טאָג איז געווען ערב־שבת און ישראלס ווייב האָט זיך געקליבן גיין אין מאַרק אַריין איינצוקויפן אויף שבת. זי האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַרויסצוגיין — ערשט, דעם קיסר שליח איז געקומען, פאַרנומען די מטבעות, כדי מ'זאָל זיי בודק זיין אין קיסרס אוצר, געשמידט ישראלס ביידע הענט מיט אייזערנע קייטן און מ'האָט אים אַוועקגעפירט אין תפיסה. די הענט וואָס האָבן אויס־געקינצלט שיינע כלים — ווערן געשניטן פון אייזערנע קייטן, דאָס מויל וואָס האָט געזונגען זיסע זמירות — איז שטום פאַר יסורים!

איז ישראלס ווייב, נעבעך, געזעסן אַ פאַרוויסטע, געזיפצט און געוויינט און זיך געקלאַפּט אין האַרצן אויף איר מאַן וואָס מ'האָט פאַרזעצט אין תפיסה. און זי האָט ניט געהאַט ניט קיין חלה, און ניט קיין פיש און פלייש, און ניט קיינעם פאַר וועמען זיך אויסצואוויינען, וואָס זי האָט ניט מיט וואָס אַריינ־צובריינגען דעם שבת. אירע יסורים קענען בלויז מיטפילן יענע, וואָס באַנעמען דעם צער פון אַ פרוי, וויפל זי האָט זיך אַנגעמוטשעט אויפצונעמען דעם שבת און איצט איז זי געבליבן אָן אַ פּרוטה און איר מאַן איז געשמידט אין אייזערנע קייטן און מ'פירט אים אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין, און זי ווייסט ניט, ווען ער וועט צוריקקומען. האָט זי זיך אויפגעשטעלט, אויסגעשפּרייט די הענט צום הימל און געזאָגט: רבונו של עולם! צי דען פאַר אונדזער הנאה וועגן האָבן מיר געטאָן וואָס מיר האָבן געטאָן? פונוועגן דיין הייליקן נאָמען האָבן מיך דאָך אַלץ געטאָן, מחמת דו האָסט אונדז באַפוילן אָפּצוגעבן כבוד דיין הייליקן שבת, און איצט, אַז מיר האָבן געטאָן וואָס דו האָסט אונדז באַפוילן, זיץ איך אַ פאַרטרויערטע אין שטוב און מיין מאַן זיצט אַ פאַרטרויערטער אין תפיסה!

ווער ווייסט, ווי לאַנג ס'וואָלט דער דאָזיקער עלנטער פרוי אויסגע־

קומען צו זיצן אין צער — נאָר אין יענער רגע איז געקומען איינער אַן אַלטער, זיך אַנגעקלאַפּט אין טיר און געפרעגט: צי דאָ וואוינט ישראל דעם קופּערשמידס ווייב? האָט זי געעפנט די טיר און דערזען פאַר זיך אַ שיינעם מאַן מיט אַ שיין מראה, וואָס זיין געשטאַלט איז געווען אַ קיניגלעך געשטאַלט, מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע אַנדערע מענטשן, די אויגן זיינע לייכטן מיטן ליכט פון די ערשטע זיבן טעג און זיין ווייסע באָרד לאַנג איבער זיינע קליידער און זיין קול איז זיס, ווי דאָס קול פון אַ מענטשן וואָס לייענט אין דער תורה, און זיינע רייד זיינען זיס ווי האָניק. האָט ער אָוועקגעלייגט פאַר איר זיבן מטבעות און געזאָגט: דיין מאַן האָט דיר געשיקט געלט, דו זאָלסט קויפן ליכט אויף שבת און ווין און חלות און פלייש און פיש. זי האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אים פרעגן, וואו ער האָט געזען איר מאַן, ווי דער דאָזיקער אַלטער איז נעלם געוואָרן.

האָט זי זיך אויפגעהויבן, אָפּגעווישט די טרערן, זיך איינגעוויקלט אין דער פאַטשיילע, אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק און איינגעקויפט אַלץ וואָס זי האָט באַדאַרפט האָבן לכבוד שבת. און ניט בלויז יענעם שבת אַליין, נאָר יעדן ערב־שבת, פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ישראל איז געזעסן אין תפיסה, פלעגט יענער אַלטער קומען, אָוועקגעלייגט זיבן קופּערנע מטבעות און געזאָגט: דיין מאַן שיקט דיר געלט אויף צו מאַכן שבת. און איידער זי האָט געהאַט צייט זיך נאָכצופרעגן — פלעגט ער נעלם ווערן.

מיר ווייסן ניט, וויפל יאָרן ישראל איז געזעסן אין תפיסה. אָט דאָס מלכות, ווען ס'הייבט זיך אָן מיט אַ מענטשן, לאָזט עס אים ניט אַזוי גיך אַרויס פון די הענט. נאָר גאָט, ברוך הוא, האָט צוגעזען ישראלס צער און זיך מרחם געווען אויף אים, און אַראָפּגענומען פון אים די קייטן און אים אַרויסגעפירט פון תפיסה. און נאָך מער, ער האָט אים געבראַכט אַהיים צו זיין ווייב, און נאָך מער, מ'האָט אים אַפילו ניט געמשפּט, מחמת די מטבעות וואָס דעם קיסרס שליח האָט מיט זיך פאַרנומען זיינען נעלם געוואָרן, האָט מען דאָך ניט געקענט זיי בודק זיין כדי אים צו באַשטראָפן.

איז ישראל אַרויס פון תפיסה און צוריקגעקומען צו זיין היים און ווייב. איז געווען דאָרט אַ גרויסע שמחה און זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ דאַנק און אַ לויב צו גאָט, וואָס באַפרייט די געפאַנגענע און זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב און דערציילט איינער צום אַנדערן, וואָס מיט זיי איז זיך פאַרלאָפן, זינט דעם קיסרס זעלנער האָט זיי מיט געוואַלט פאַנאַנדערגעשיידט.

און אַזוי ריידנדיק, האָט ישראל געפרעגט ביי זיין ווייב, ווי אַזוי זי האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן.

זאָגט זי צו אים: דורך די זעקס טעג פון וואָך האָב איך געקייט די ערד, אָבער דורכן הייליקן שבת איז מיין טיש געווען געגרייט און מיין ליכט אָנגעצונדן און ס'האָט מיר גאָרניט געפעלט.

זאָגט ער צו איר: פונוואַנען האָט זיך דאָס אַלץ ביי דיר גענומען?

זאָגט זי צו אים: האָסט מיר דען ניט געשיקט יעדן ערב־שבת געלט, איינצוקויפן אויף שבת?

זאָגט ער צו איר: איך ווייס ניט, וואָס דו רעדסט.

זאָגט זי צו אים: דו מאַכסט חוזק פון מיר, ישראל, דו האָסט דאָך אַליין מיר געשיקט דאָס געלט.

איז ער געוואָרן שטאַרק פאַרוואונדערט און געזאָגט: איך האָב דיר געשיקט געלט?

זאָגט זי צו אים: יעדן ערב־שבת פלעגט איינער אַן אַלטער מאַן קומען צו מיר און מיר זאָגן: ישראל שיקט דיר אויף שבת.

האָט ישראל צו איר געזאָגט: איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן.

האָט זי צו אים געזאָגט: אַז דו ווייסט ניט, טאָ ווער דען זאָל וויסן?

האָט ישראל אַריינגענומען די זאַך אין זינען און געזאָגט: אַז איך ווייס ניט ווער דער דאָזיקער אַלטער איז און דו ווייסט אויך ניט — איז דאָס ניט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא, זכור לטוב, און אפשר האָט ער דאָס טאַקע אַרויסגענומען די מטבעות פון קיסרס אוצר, אַז דער קיסר זאָל ניט דערקענען?

האָט ישראלס ווייב געזאָגט צו ישראלן: זאָג ניט, ס'איז געווען אליהו, מחמת כ'האָב אים בפירוש געהערט זאָגן: מיין נאָמען איז שבתי.

האַלטן מיר אויך מיט ישראלס ווייב, אַז יענער אַלטער איז ניט אליהו הנביא. און אַזוי געפינען מיר אין גמרא, אַז אליהו הנביא קומט ניט ערב־שבת. נייערט דער דאָזיקער זקן איז געווען דער הייליקער שבת און למען האמת האָט ער געזאָגט: מיין נאָמען איז שבתי, און מחמת גאָט־ברוך־הוא האָט ליב אידן, און וויל ניט, זיי זאָלן מאַכן זייער שבת וואָכעדיק — האָט ער צו איר געשיקט דעם שבת גופא.

## .5

# די מטבע

אַ מעשה מיט איינעם אַן אָרעמאַן, וואָס איז פרייטיק־צו־נאַכט געגאַנגען אַהיים פון שול און דערזען אַ מטבע אויפן וועג. האָט דער אָרעמאַן געטראַכט: דאָס הייסט אַביסל אַ מזל — אָבער וואָס טוט מען, אַז היינט איז שבת און איך טאָר זי ניט רירן פון פלאַץ. ווען כ'געפין זי אַ שטייגער אײדער ס'איז פינצטער געוואָרן, וואָלט איך מיר געקויפט עטלעכע ראָזשינקעס און וואָלט מיר געמאַכט ווין אויף קידוש, אָדער כ'וואָלט מיר געקויפט אַביסל ווייצנ־מעל, צי עפּעס אַנדערש פאַר עונג שבת. איז ער אַוועק אַהיים און אויפגע־

נומען דעם שבת אַן ווײַן און אַן חלה און אַן אַנדערע זאַכן פון וואָס מ׳קען שבת הנאה האָבן און געמאַכט קידוש אויף שוואַרצברויט.

אינדערפרי, גייענדיק אין שול אַריין, האָט דער אָרעמאַן צו זיך געזאָגט: לאָמיר גיין אַ קוק טאָן, צי זי ליגט נאָך וואו זי איז געלעגן. אויב דער שבת־גוי האָט זי ניט דערזען, וועל איך זי געפינען אויפן אייגענעם פּלאַץ. ווען ער איז צוגעגאַנגען אַהין — זעט ער, אַז ס׳איז ניט קיין קופּערנע, נייערט אַ זילבערנע מטבע. האָט זיך דער אָרעמאַן געטראַכט: דאָס מזל האָט זיך אָפּגעמזל׳ט! געמיינט, אַ קופּערנע — צום סוף איז דאָס גאָר אַ זילבערנע! פאַר אַ גרויסן נסיון האָט מיך גאָט־ברוך־הוא אָוועקגעשטעלט. גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און אָוועק אין שול אַריין.

נאָכן דאַווענען האָט זיך דער אָרעמאַן געטראַכט: אַצינד וועל איך זי שוין אַוודאי ניט געפינען. אַ סך מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען און האָבן זי געזען, נאָר אפשר האָבן זיי זי ניט באַמערקט און ניט אויפגעהויבן. פונדעסטוועגן, דאַרף מען צוגיין אַהין, וועל איך זען, צי דאָס איז באמת אַ זילבערנע מטבע; און אויב מ׳האָט זי שוין צוגענומען, וועל איך פּטור ווערן פון שלעכטע מחשבות און כ׳וועל מער פון דעם ניט טראַכטן.

ווען ער איז צוגעקומען אַהין — האָט ער זי געפונען אויפן אייגענעם פּלאַץ, וואו זי איז נעכטן געלעגן און וואו זי איז געלעגן אינדערפרי. נאָר די נעכטיקע איז געווען פון קופּער און די אינדערפריאיקע איז געווען פון זילבער און די איצטיקע איז פון גאָלד. אויב עס שטעקט ניט אין דעם קיין כישוף — איז דאָס אַוודאי פון דער זון, ווייל די מיטנטאָגיקע זון שיינט אויף דער מטבע און זי זעט אויס פון גאָלד. און אויב ס׳איז ניט פון גאָלד — פון זילבער איז זי אַוודאי.

האָט דער אָרעמאַן געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, וויפל זאַכן ער וואָלט געקענט קויפן פאַר דער דאָזיקער מטבע. איך דאַרף זי בלויז אויפהייבן און קען דערפאַר האָבן אַלע גוטיקייטן פון דער וועלט; חלה און אַ טראָפּן בראַנפן און אַ הערינג און אַנדערע גוטע זאַכן מיט וואָס מ׳קען האָבן אַן עונג־שבת און אַן עונג פאַרן גוף. להבדיל, האָט זיך דער אָרעמאַן איינגעבויגן איינמאָל און נאָכאַמאָל, אָבער די אימה פון שבת איז אויף אים געווען און ער איז אַוועק אַהיים מיט ליידיקע הענט.

מנחה־צייט איז ער שוין צו דער מטבע ניט געגאַנגען. ער האָט זיך געטראַכט: ווער ווייסט, צי כ׳וועל קענען ביישטיין דעם יצר־הרע. שבת, ווען די קראָמען זיינען פאַרמאַכט האָב איך געקענט זיך איינהאַלטן, אָבער איצט, מנחה־צייט, איז אַנדערש. אַביסל שפּעטער, וועלן זיך עפענען די קראָמען און ריחות פון עסן און טרינקען טוען אַ שלאָג אין נאָז אַריין. כ׳האָב זייער שטאַרק מורא, כ׳וועל ניט קענען ביישטיין דעם נסיון.

אָבער דעם מענטשנס יצר־הרע איז גאַנץ אָפט שטאַרקער פונעם

מענטשן. ער וויל פאַררעדן דעם יצר־הרע, נאָר דער יצר־הרע פאַררעדט אים.
ער זאָגט צו אים: איך זאָג דיר דען, זאָלסט אָננעמען די מטבע מיט דער האַנט? מ׳שאַרט זי נאָר אַוועק אַביסל מיטן פוס אָן אַ זייט, אָדער, מ׳קייקלט אַרויף אַ שטיין אויף איר, אַז קיין צווייטער זאָל ניט קומען און זי צונעמען. נאָכדעם ווי ער האָט זיך געענדיקט דאַווענען מנחה — האָט ער זיך מיישב געווען און אַוועק צו יענעם פּלאַץ. אָנקוקן — איז ניט קיין עבירה.

ביי יענער צייט איז שוין געווען בין־השמשות. די זון האָט שוין גע־האַלטן ביים פאַרגיין און גילדערנע פונקען זיינען פון איר געגנאַגען. ווען דער אָרעמאַן איז צוגעקומען נאָענט צו דער מטבע — האָט ער זי געפונען אויף אַן אָרט, נאָר ס׳איז שוין ניט געווען אַן איינציקע מטבע, נייערט אַ סך, אַ סך מטבעות. קען זיין, ניט קיין ממשות׳דיקע מטבעות, נאָר די דאָזיקע מטבע האָט אָפּגעשלאָגן מיט ליכט אַרום איר, ווי דער שטייגער פון אַ מטבע וואָס ליגט אויפן מיסט און דער גאַנצער מיסט אַרום צעשטראַלט זיך. על־כל־פנים, די דאָזיקע מטבע איז געווען אַ גילדערנע. ווען ער בייגט זיך איין און הייבט זי אויף, וואָלט ער געקענט האָבן חיונה אויף אַ צוויי־דריי וואָכן. וויפל, מ׳שטיינס געזאָגט, דאַרף אַן אָרעמאַן האָבן, מיט איין גילדערנעם רענדל קען מען אים דערהאַלטן ביים לעבן כמה וואָכן.

האָט זיך דער אָרעמאַן געטראַכט: ס׳איז גוט, וואָס אין שטוב איז ניטאָ וואָס צו בייסן און ברעכן און איך בין פּטור פון דער דריטער סעודה — בין איך מיר פריי, צו שטיין אַזוי און אָנצוקוקן אַ צורת־מטבע. דער מענטש וואָס האָט דאָ אַוועקגעלייגט זיין געלט אויפן מיסט איז אַ שוטה. צי דען מיינט ער, אַז דאָס געלט זיינס וועט דאָ וואַקסן און ברענגען פּירות? איך, אויף זיין אָרט, וואָלט דאָס געטראָגן אין אַ בייטעלע אויפן האַרצן. ווען מיין ווייב און קינדער וואָלטן געבעטן עסן, וואָלט איך צו זיי געזאָגט: פרעסער, וואָס איר זענט, איר ווילט עסן? און וואָלט תיכף גענומען אַ גילדערנעם רענדל, גע־גאַנגען אין קראָם אַריין און געגעבן דעם קרעמער. איך וואָלט געשוואָרן, אַז צו „מודים" בייגט ער זיך ניט אַזוי פיל מאָל וויפל ער וואָלט זיך בייגן פאַר מיר.

נאָר איידער דער אָרעמאַן האָט איינגעבויגן זיין גוף, ווי דער קרעמער וואָס דערזעט אַ גילדערנע מטבע — איז אים געקומען אויפן זינען, אַז אפשר איז דאָס ניט מער ווי דעם בעל־דברס אַ שפּיצל, אַז דער שטן האָט אַוועקגע־לייגט דאָס פאַר אים, כדי אים צו ברענגען צו אַן עבירה. האָט ער זיך תיכף אויסגעגלייכט און געזאָגט: אַזאַ מין לץ, האָט זיך אויסגעצויגן אויפן מיסט און מאַכט חוזק פון אַ אידן. ער איז פּטור פון דאַווענען און האָט צייט פאַר מחזקות, אָבער איך דאַרף גיין מעריב דאַווענען און האָב קיין צייט ניט פאַר ליצנות. האָט זיך דער אָרעמאַן אָפּגעריסן פון פּלאַץ און געלאָפן אין שול אַריין.

נאָך מעריב האָט ער שוין אַפילו ניט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף די

מטבעות. ער האָט זיך געטראַכט: זיי זײַנען מיר גענוג דערגאַנגען די יאָרן דורכן גאַנצן טאָג. נאָר וויבאַלד ער האָט אָפּגעקערט פון זיי זײַנע אויגן האָבן זיי צו אים אַרויפגעקוקט, געפינקלט ווי גילדערנע רענדלעך. דערזען אַזוי — האָט ער געטראַכט: אַצינד ווען דער שבת־קודש איז פאַרביי, לאָמיר צו־גיין אַ קוק טאָן, וואָס פינקלט דאָרט אַזוי?

האָט ער זיך אײַנגעבויגן און דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס קיין אויג האָט נאָך ניט געזען און קיין האַנט האָט נאָך ניט געציילט. האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט און אַרײַנגעשאָטן אַלע רענדלעך אין זײַנע קעשענעס, ביז זיי זײַנען געוואָרן פול. ווער איר דאָך אפשר מיינען, אַז זײַנע קעשענעס זײַנען געווען קליינע? — איז ניין, ער האָט דווקא געהאַט גרויסע קעשענעס. וועט איר אפשר מיינען, אַז די רענדלעך זײַנען געווען לײַכטע? איז גייט זעט, וואָס ער האָט געקויפט פאַר איין רענדל. ווײַן אויף הבדלה און ווייצענע ברויט און אַ הערינג און אַנדערע זאַכן, וואָס זײַנען גוט פאַרן גוף און טוען דער נשמה קיין שלעכטס ניט, און ס'איז אים נאָך אַרויסגעקומען רעשט פונעם רענדל.

איז ער געקומען אַהיים שטאַרק אויפגעלייגט. און ווייל ער האָט נאָך געזונגען „איש חסיד" — האָט דאָס ווייב געגרייט פאַר אים אַ פולן טיש. האָט ער געוואַשן די הענט צום עסן, ער און זײַן הויזגעזינט, געגעסן און געטרונקען און געדאַנקט און געלויבט גאָט.

פון דערמאָלט אָן האָט שוין דעם שבת גאָרנישט ניט געפעלט. אויך אים און זײַן הויזגעזינט האָט שוין קיינמאָל ניט געפעלט. דערפאַר וואָס ער האָט אָפּגעהיט איין שבת אין אָרעמקייט — האָט ער זוכה געווען צו אַ סך שבתים אין רײַכקייט.

## 6.

# אַ מעשה מיט איינער אַ פרוי

אַ מעשה מיט איינער אַ פרוי, וואָס יעדן שבת, נאָכדעם ווי זי פלעגט אָפּדאַווענען און אָפּליינענען די סדרה פון דער וואָך — פלעגט זי זיצן אַליין בײַ זיך אין שטוב און שפּינען, כדי זי זאָל ניט זיצן מיט אירע שכנות און זיך פאַרנעמען מיט פוסטע שמועסן, מיט לשון־הרע און רכילות'ן.

איינמאָל האָט משה רבנו אין אַ שבת'דיקן טאָג זיך אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן. איז ער געקומען אין יענער שטאָט, וואו יענע פרוי האָט געוואוינט. זעט ער איינס אַ הויז אויף וועלכן עס רוט די שכינה. איז ער אַרײַנגעקומען אין הויז, זעט ער, אַ פרוי זיצט און שפּינט.

זאָגט ער צו איר: טאָכטער, צי דען ווייסטו ניט, אַז הײַנט איז שבת?

זאָגט זי צו אים: איך ווייס, אַז הײַנט איז שבת.

זאָגט ער צו איר: ווייסטו דען ניט, אַז שבת טאָר מען ניט טאָן קיין אַרבעט?

זאָגט זי צו אים: איך ווייס, אַז שבת טאָר מען ניט.

זאָגט ער צו איר: טאָ וואָס־זשע שפּינסטו?

זאָגט זי: וואָס אַנדערש האָב איך געזאָלט טאָן אין דער מינוט?

זאָגט ער צו איר: האָסטו באַדאַרפט דאַווענען און לייענען דעם „צאינה וראינה."

זאָגט זי צו אים: כ'האָב שוין אָפּגעדאַוונט און אָפּגעלייענט.

זאָגט ער צו איר: זיץ מיט דײַנע שכנות און זײַ ניט מחלל־שבת.

האָט זי זיך אויפגעשטעלט, אַוועקגעלייגט די אַרבעט און אַוועק צו אירע חבר'טאָרינס.

אויפן צווייטן שבת האָט משה רבנו דערזען, אַז די שכינה האָט זיך פון יענעם הויז אָפּגעטאָן. איז ער אַרײַנגעקומען און געפונען יענע פרוי, ווי זי זיצט מיט אירע שכנות פאַרטאָן אין אַ שמועס. פון וואָס אַ שטייגער שמועסט מען? — די — האָט זיך געמאַכט אַ בגד פאַר פּוּפּצן גילדן, יענער — האָט איר מאַן געקויפט אַ שנירל פּערל; דער און דער האָט זיך פאַרליבט אין יענער און יענער, די און די האָט זיך פאַרקאַכט אין יענעם און יענעם, און אַזוי האָבן זיי געפירט פוסטע שמועסן, פול מיט לשון־הרע און רכילות. אַז משה האָט דערזען, וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזט פון איר — האָט ער צו איר געזאָגט: טאָכטער, גיי צוריק צו דײַן פריערדיקן מנהג און פאַרנעם זיך ניט מיט נאַרישקייטן.

דעריבער דאַרף אַ מענטש זײַן שטאַרק אָפּגעהיט, זיך ניט אָפּצוגעבן שבת מיט פוסטע זאַכן. ווען די דאָזיקע מעשה איז געבראַכט געוואָרן פאַר די חכמים — האָבן זיי געזאָגט, אַז ס'איז ניט אַזוי געווען, נייערט ס'איז געווען ראש־חודש, וואָס אום ראש־חודש מעג מען טאָן אַן אַרבעט. נאָר פרויען טוען אין דעם טאָג קיין אַרבעט ניט, ווי מיר געפינען אין פּרקי דרבי אליעזר, מחמת די פרויען האָבן ניט געגעבן זייערע נאָזרינגען פאַרן עגל. האָט זיי גאָט־ברוך־הוא דערפאַר געגעבן זייער שכר אויף דער וועלט, וואָס זיי היטן ראש־חודש. און וואָס פאַר אַ שכר וועט ער זיי געבן אויף יענער וועלט? וואָס זיי וועלן זיך באַנייען אום ראש־חודש. נאָר סיי ווי, אַ מענטש דאַרף זיך שטאַרק היטן, ניט צו זיצן אין אַ מסיבה פון רכילות־טרײַבער און ליצנות־מאַכער.

און פאַרוואָס איז די פרויען אָפּגעגעבן געוואָרן ראש־חודש און ניט קיין אַנדערער פון די יום־טובים? האָט געשריבן דער בעל הטורים אין נאָמען פון זײַן ברודער ר' יהודה, די יום־טובים זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן אַנט־קעגן די אבות. פּסח — אַנטקעגן אַברהמ'ען, ווי ס'שטייט געשריבן: פאַר־קנעט און מאַך קיכלעך, און ס'איז געווען אום פּסח. שבועות — אַנטקעגן

יצחק׳ן, מחמת דער שופר פון מתן־תורה איז געווען פון יצחק׳ס ווידער. סוכות — אַנטקעגן יעקבֿ׳ן, ווי ס׳שטייט געזאָגט: און פאַר זיינע טשערעדעס האָט ער געמאַכט ביידלעך. און די צוועלף ראשי־חדשים זיינע אַנטקעגן די צוועלף שבטים. און ווען די מענטשן האָבן געזינדיקט מיטן עגל זיינען זיי צוגענומען געוואָרן פון זיי און אָפּגעגעבן געוואָרן צו זייערע ווייבער, וואָס זיינען ניט געווען אין דער דאָזיקער זינד.

.7

## די שמחה פון שבת

יענער טאָג, וואָס דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט פון יריד, איז געווען פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, ווען אידישע קינדער זיינען פּטור פון חדר. אַזוינס טאָר מען הויך פאַר קינדער ניט זאָגן. די דאָזיקע פרייטיק נאָכמיטאָג־דיקע שעה׳ן זיינען אונדז געווען ליבער פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ וואָך; מחמת דורך אַלע טעג פון דער וואָך זיצט דאָס קינד געבויגן איבער אַ ספר, און ס׳האַרץ און אויגן זיינען ניט אין זיין רשות. הייבט ער אויף די אויגן פון איבערן ספר כאַפּט ער תיכף קלעפּ. ערב־שבת נאָך האַלבן טאָג איז ער פריי פון אַלע לימודים. אַפילו ווען ער טוט אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט — וועט אים קיינער ניט פאַרווערן. ווען ניט דאָס עסן אָנבייסן וואָלט די גאַנצע וועלט אויסגעזען ווי אַ גן־עדן. אָבער די מאַמע האָט גערופן עסן אָנבייסן און כ׳האָב קיין האַרץ ניט געהאַט, זיך צו לאָזן בעטן.

אַזוי ווי מיר זיצן און עסן האָט מיין קליין שוועסטערל אָנגענומען איר רעכט אויערל מיט דער רעכטער האַנט און צוגעבויגן ס׳אויערל צום טיש. זאָגט צו איר די מאַמע: וואָס טוסטו? זאָגט זי: איך וויל האָרכן. זאָגט זי צו איר: טאָכטערשע, וואָס ווילסטו האָרכן? האָט זי אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענטלעך פאַר שמחה און זינגען: דער טאַטע קומט! דער טאַטע קומט! ס׳האָט ניט גענומען קיין סך און רעדער פון אַ וואָגן האָבן זיך געלאָזט הערן, צורשט, קוים וואָס מען הערט. נאָר וואָס אַ רגע העכער און העכער. תיכף האָבן מיר זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעוואָרפן די האַלב־פולע לעפל פון די הענט, איבערגעלאָזט די טעלער אויפן טיש און געלאָפן באַגעגענען דעם טאַטן, וואָס איז צוריקגעקומען פון יאַריד. אויך די מאַמע, עליה השלום, האָט אַוועקגעלייגט דאָס לעפל פון האַנט און זיך אויפגעשטעלט אין איר פולער הייך, פאַרלייגט די הענט אויפן האַרצן, ביז דער טאַטע איז אַריינגעקומען.

ווי גרויס דער טאַטע איז יענעם טאָג געווען. איך ווייס אַז דער טאַטע מיינער איז העכער פון אַלע טאַטעס אויף דער וועלט. דאָך האָב איך געמיינט, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס העכערס פאַר אים, אַט דער קופּערנער, הענג־

לייכטער, וואָס הענגט אַרונטער פון דער סטעליע. יענעם טאָג אָבער, איז ער אויך ווי נידעריקער געוואָרן.

פלוצים האָט זיך דער טאַטע אַראָפּגעבויגן, מיך צוגעדריקט צום האַרצן און מיך געפרעגט, וואָס האָב איך די וואָך געלערנט. אפשר ווייסט דער טאַטע ניט וואָס פאַר אַ סדרה עס גייט די וואָך, און אפשר האָט ער בלויז געוואָלט אַריינצוגיין אין אַ שמועס. כ'האָב נאָך ניט באַוויזן צו ענטפערן און ער האָט שוין געכאַפּט די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, זיי אויפגעהויבן אין דער הויך מיט קושן און מיט האַלדזן.

איך קוק מיך איין אַצינד אין חלל פון דער וועלט און וויל געפינען אַ גלייכעניש צו דעם ווי דער טאַטע עליו השלום האָט אויסגעזען אין יענעם טאָג, ווען ער איז געשטאַנען מיט זיינע צאַרטע קינדער קומענדיק פון די מרחקים; און איך זע אַ סך בילדער, איינס שענער פון צווייטן, איינס ליבער פון צווייטן, און איך געפין ניט אַזאַ מין גלייכעניש. נאָר הלוואַי זאָל יענער חסד וואָס האָט אַראָפּגעשטראַלט פון טאַטן רוען אויף אונדז, ווען מיר האַלדזן אונדזערע קליינע קינדערלעך, און הלוואַי זאָל יענע שמחה, וואָס האָט אויף אונדז גערוט, רוען אויך אויף אונדזערע קינדער אַלע זייערע טעג און יאָרן.

ווי שיין יענער פרייטיק אויף דער נאַכט איז געווען, אויפן וועג צוריק פון שול. דער הימל פול מיט שטערן און די שטיבער פול מיט ליכט. און מענטשן, אָנגעטאָן אין שבת'דיקע בגדים, גייען מיטן טאַטן פּאַוואָליע, כדי ניט מטריח צו זיין די מלאכים פון שבת, וואָס באַגלייטן דעם מענטשן פון שול צוריק צו זיין היים. און אין שטוב זיינען די ליכט געצונדן, און דער טיש איז געגרייט און עס שמעקט מיטן גוטן ריח פון דער חלה און דער ווייסער טישטעך איז געשפּרייט איבערן טיש, און צוויי חלות ליגן אויף אים, אײַ־בערגעדעקט מיט אַ קליין טישטעכל, כדי זיי זאָלן ניט פאַרשעמט ווערן, וואָס מ'מאַכט צוערשט אַ ברכה אויפן וויין.

האָט זיך דער טאַטע אָנגעבויגן אַריינקומענדיק אין שטוב, געזאָגט גוט־שבת און די מאַמע האָט צוריקגעענטפערט גוט־שבת. דער טאַטע האָט אַ קוק געטאָן אויפן טיש און גענומען זינגען שלום־עליכם, און די מאַמע זיצט ביים טיש מיטן סידור אין האַנט, און פון סטעליע אַראָפּ לייכט דער גרויסער הענגלייכטער מיט צען ליכט, אַנטקעגן די עשרת הדיברות. און אַנטקעגן זיי לייכטן די אַלע אַנדערע ליכט, אַ ליכט פאַרן טאַטן, אַ ליכט פאַר דער מאַמע, אַ ליכט פאַר יעדן איינציקן און איינציקע פון אונדז, קינדער. הגם מיר זיינען קלענער פון טאַטע און מאַמע — זיינען דאָך אונדזערע ליכט אַזוי גרויס ווי די זייעריקע. אין יענער מינוט האָב איך אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמע, עליה השלום, און דערזען אַז איר פּנים האָט זיך געביטן און דער שטערן איז קלענער געוואָרן, מחמת דעם טיכל, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ, אַרונ־טער ביז די וואָרצלען פון אירע האָר, און אירע אויגן זיינען אַ סך גרעסער

געוואָרן און געלויכטן אויפן טאָטן, וואָס איז אומגעגאַנגען און געזונגען „אשת חיל״, און די פליגל פון דעם טיכל הענגען אונטער דער גאָמבע און ציטערן שטיל־שטיל, ווייל די שבת׳דיקע מלאכים פאָכן מיט זייערע פליגלען און מאַכן אַ ווינטל. איר מעגט וויסן, אַז דאָס איז אַזוי, מחמת די פענצטער זיינען דאָך געווען פאַרמאַכט, טאָ פונוואַנען איז דאָס ווינטל געקומען? נאָר דאָס ווינטל איז געקומען פון די מלאכים׳דיקע פליגלען, ווי ס׳שטייט געשריבן אין תהלים: ער מאַכט זיינע מלאכים — ווינטן. אין יענער מינוט האָב איך איינגעהאַלטן מיין אָטעם, כדי ניט מבלבל צו זיין די מלאכים און האָב זיך איינגעקוקט אויף דער מאַמע, עליה השלום, וואָס איז אין אַזאַ הויכער מעלה, און בין אַריינגעפאַלן אין גרויס התפעלות פון טאָג־שבת, וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן אויף כבוד און פראַכט. כ׳האָב דערשפּירט פלוצים ווי מען גלעט מיך איבערן בעקל. איך ווייס ניט, צי די פליגלען פון מלאכים האָבן אַ פאָך געטאָן איבער מיר, צי די פליגל פון טיכל האָבן מיך אָנגערירט. וואויל איז דעם, וואָס גוטע מלאכים פאָכן איבער זיין קאָפּ, און וואויל איז יענעם, ווּעמען זיין טאַטע האָט אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ אין די נעכט פון די שבתים.

ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט שוין אויפגעבלאַנקט דער שיין פון טאָג. די גאַנצע וועלט איז פול געווען מיטן שבת׳דיקן פרימאָרגן. דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך געקליבן גיין דאַווענען, ער, זכרונו לברכה, אין קלויז און זי, עליה השלום, אין דעם זיידנס בית־מדרש. דער טאַטע איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע מיטן סויבלנעם שטריימל אויפן קאָפּ, און די מאַמע — אין אַ שוואַרצן קליידל, אין אַ היטעלע פון פעדערן. אין זיידנס בית־מדרש, וואו די מאַמע האָט געדאַוונט — האָט מען ניט מאריך געווען מיט ניגונים, דעריבער פלעגט זי אַלע מאָל קומען פריער פון דאַווענען. ווען איך בין צוריקגעקומען מיטן טאַטן פון קלויז איז זי שוין געזעסן ביים טיש מיטן טיכל אויפן קאָפּ און דער טיש איז געווען געגרייט מיט ווין און בראָנפן און גרויסע און קליינע קוכנס, צונויפגעלייגטע און געוויקלטע. דער טאַטע האָט זיך אָנגעבויגן, און אַריינגעקומען און געזאָגט גוט־שבת, אַוועקגעלייגט זיין טלית אויף זיין בעט, זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן ביים טיש און געזאָגט: „אַז גאָט איז מיין הערט — וועט מיר גאָרניט פעלן״, האָט געמאַכט קידוש אויף ווין, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל קוכן און אָנגעהויבן: „לדוד מזמור לה׳ הארץ ומלואה״. ווען מען עפנט דעם אָרון־קודש אין די נעכט פון ראש־השנה און מ׳זאָגט דעם דאָזיקן מזמור — קומט אויף דער וועלט אַ גרויסע התעוררות. אַזאַ מין התעוררות איז אין יענער שעה אויפגעקומען אין מיין האַרצן. ווען די מאַמע וואָלט מיך ניט געהאַט געלערנט, אַז מ׳שפּרינגט ניט אויף שטולן, און מ׳זיצט ניט אויף קיין טישן און מ׳שרייט ניט אויפן הויכן קול — וואָלט איך אַרויף אויפן טיש און וואָלט געשריען „צו גאָט געהערט

די וועלט און איר פולקייט״, ווי דאָס קינד פון דער גמרא, וואָס איז געזעסן אויפן מיטן פון אַ גילדענעם טיש, אַ משא פּאַר זעכצן מענטשן צו טראָגן און זעכצן זילבערנע קייטן זיינען אין אים אַריינגעפּאַסט, מיט טעלער, מיט כוסות און קריגלעך און פלעשער; און אויף אים זיינען דאָ כל המיני עסנס און אַלע געווירצן און בשמים, פון אַלץ וואָס ס׳איז באַשאַפן געוואָרן אין די ערשטע זעקס טעג און דאָס קינד שרייט אויס: צו גאָט — געהערט די וועלט און איר פולקייט.

האָט די מאַמע צעשניטן דעם קוכן און יעדן איינעם געגעבן זיין חלק, און די פליגלען פון איר טיכל האָבן באַגלייט אירע הענט. אַזוי טוענדיק, איז אַרונטערגעפאַלן אַ קערשל און ס׳האָט אָפּגעשפּריצט זיין זאַפט, אָבער ס׳האָט דאָס טיכל ניט אָנגערירט, און ס׳איז געבליבן ריין, ווי דעמאָלט, ווען דער טאַטע האָט עס אַרויסגענומען פון זיין רענצל.